ד״ר ח׳ נ׳ שפּירא

דאָצענט פון וויטאַוטאַס־אוניווערזיטעט אין קאָונאַס

# דער
# אַלגעמיינער ציוניזם

קאָונאַס 1936

אַרויסגעבער:

מרכז פון די פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן

און דער החלוץ הכלל־ציוני.

דרוקעריי מאָושאָוויץ און כהן אין קיידאַן׳ (ליטאַ)

ד"ר ח. נ. שפירא
דאצענט פון וויטאוטאס־אוניווערזיטעט אין קאונאס

# דער
# אלגעמיינער ציוניזם

4A
24269

קאונאס 1936

ארויסגעבער:
מרכז פון די פראגרעסיווע אלגעמיינע ציוניסטן
און דער החלוץ הכלל־ציוני.

דרוקעריי מאוושאוויץ און כהן אין קיידאן (ליטא)

N. ŠAPIRA
V. D. Universiteto docentas

# Bendrasai Cionizmas

Kėdainiai, 1936

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:11791

*Movšovičiaus ir Kagano spaustuvė,*
*Kėdainiai, (Lietuva).*

Leidėjai:
Lietuvos bendrųjų pažangiųjų Sioninkų organizacijos centro komitetas
„Hechaluc Haklal Cioni" organizacija Lietuvoje

# אינהאלט:

זייט


| | | |
|---|---|---|
| א· | די וואנדלונג אין דעם ציוניזם | 9 |
| ב· | די כלל־אידייע | 12 |
| ג· | די כלל־ישראל טעזע | 18 |
| ד· | דער לעבנס און קיום־גורל פון דיביידע כלל־אידייען | 25 |
| ה· | כלל־ישראל און ארץ־ישראל | 29 |
| ו· | אלגעמיינע ציוניסטישע טעאריע און פראקטיק | 33 |
| ז· | דער הנוער־ציוניסטישער קבוץ | 36 |
| ח· | די ריכטונגען א׳ און ב׳ | 44 |
| ט· | חלוציזם און פריוואט־איניציאטיוו | 69 |
| י· | דער אירגון | 72 |
| יא· | די נאציאנאַלע קולטור און די ציוניסטישע באוועגונג | 102 |
| יב· | די השכלה אלס נאציאנאלער שיידוועג | 105 |
| יג· | די השכלה־פאקטארן | 106 |
| יד· | דער מהות פון דעם השכלה־קאמף | 109 |
| טו· | פערסאנעלער און טעריעלער נאציאנאליזם | 113 |
| טז· | דער אנטאגאניזם צווישן ביידע מינים נאציאנאליזם | 116 |
| יז· | די השכלה אלס ווידערגעבורט פון טעריעלן אידענטום | 120 |
| יח· | די השכלה און די נאציאנאלע דיפערענציאציע | 123 |
| יט· | אחד־העם און ד״ר הערצל | 126 |
| כ· | כאראקטער באנעם און קאנסעקווענצן פון קולטור־פראבלעם | 129 |
| כא· | איז דער אלגעמיינער ציוניזם פערסאנעל אדער טעריעל? | 139 |

* *
*

ציוניזם איז גאולה - דורשט, דער זוכערישער געווסן - וועג נ:ון דעם אידישן פאלק אנטקעגן זיין נאציאנאלן און מענשליכן עתיד און דער אויפשריי פון דעם צוריסענעם אידישן יחיד אנטקעגן לעבן, פאלק און מענשהייט — היסטאריש אידענטום אין מאדערנער פאר־קליידונג אויף די נייצייטיקע שיידוועגן צווישן פארצווייפלונג און האפנונג. נאך וואכעדיקע יארן מוז דער ציוניזם ווידער אמאל ווערן דאס וואס ער איז געווען אין זיינע ערשטע צייטן — אקוואל פון טיפסט אידיש לעבן און דערנייערונג. פון אט דער הכרה געטראגן איז דער מחבר צוגעגאנגען צו דער באטראכטונג פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם. ער האט די באטראכטונגען אידעאלאגיש אויסגעבויט און זיי לסוף אריינגעשטעלט אין ווייטן ראמען פון דעם ציוניסטישן וועג אין די תחומים פון דעם היסטארישן אידענטום. דאביי האט אים באגלייט די דערקענטניש, אז נאר די - יעניקע אלגעמיין - ציוניס־טישע פראקטישע וועגן, וועלכע וועלן זיך ערגעבן אויפן יסוד פון די אויף דעם אופן ארויסגעארבייטע אידעאלאגישע באטראכטונגען, וועלן אנטשפרעכן דעם פלאנטער און דער וואנדלונג פון דער צייט. עס איז קלאר, אז ביי אזא איינשטעלונג איז געווען דערעיקרשט וויכטיק צו דערקענען די אידייען אין זייער אינערער געזעצליכקייט און קענענ־זייטיקער וואל - פארוואנדשאפט, פעסטשטעלן זייערע טענדענצן און דאן ציען די פארטיי - אידעאלאגישע קאנסעקווענצן. אויב טוענ־דיק האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס אלגעמיין - ציוניסטישע לעבן האט אסך אינקאנסעקווענצן און דערלאזט גאנץ מערקווירדיקע פארמישונגען פון אידייען און פרינציפען, אזוי איז דאס א סימן מער, אז נאר קלארע אידעאלאגישע ליניען וועלן קענען ליפערן דעם אמתן מאסשטאב פאר די פראקטישע פארצווייגונגען און דינען אלס לעצטן יסוד פאר די פארטייאישע דיפערענצירונגען און זייערע פראגראמאטישע פעסטזעצונגען.

באַזונדערש כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איצטיקער אידעאָלאָגיש אינקאָנסעקווענטער לאַגע אין אַלגעמיינעם ציוניזם איז דער סינקרעטיזם פון די ביידע אונזערע פאַרטייאישע הויפט־מאַקסימען — דער סאָציאַל־פאָליטישער און דער קולטורעלער. זייער אפט איז ביי אונז אנצוטרעפן, אַז אַאויסגעשפּראָכענע קולטור־שטעלונג פון דער ריכטונג א׳ ווערט פאַרמישט מיט אַסאָציאַל—פּאָליטישער שטעלונג פון דער ריכטונג ב׳. (דער בולטער ביישפּיל פאַר דעם איז דער יוגענט פאַרבאַנד „עקיבא״). די שולד ליגט ווי געזאָגט אין דעם, וואָס ס׳איז ניט דערקענט געוואָרן די אידייאישע בינדונג, וועלכע ס׳איז דאָ צווישן די ביידע מאַקסימען, וואו אַבאַשטימטע שטעלונג צו איינער איז לאָגיש קאָנסעקווענט מחייב אַגעוויסע שטעלונג צו דער אַנדערער. עס גילט אַלזאָ הן פאַר די פאַרטייאישע דיפערענציר‌ונג הן פאַר די פאַרטייאישע גרופּירונג צו שאַפן אידעאָלאָגישע קלאָרקייט.

זייענדיק אַליין אַ אַלגעמיינער ציוניסט פון אַבאַשטימטער ריכטונג, האָט דער מחבר זיך באַמיט צו בלייבן אָביעקטיוו אין די שטרייננגע ראַמען פון די לאָגישע מסקנות. דערפאַר די שטענדיקע באַזירונג אויף דעם פאַקטישן פאַרטייאישן מאַטעריאַל, וואָס דאָס העפט ווייזט אויף אין יעדער יסודותדיקער פאַרטיי־פראַגע. דאָס איז אָבער געמאַכט געוואָרן אויך צוליב דעם, אַז דער לעזער זאָל האָבן די מעגליכקייט אַליין און זעלבשטענדיק צו אורטיילן. אויף וויפל די אָביעקטיוויטעט איז דעם מחבר געלונגען איז אַפראַגע, אויף וועלכע אַנדערע זיינען באַרופן צו געבן אתשובה. איינס אָבער וואָלט דער מחבר געבעטן: מ׳זאָל דאָס באַטראַכטן אַלס דאָס וואָס עס וויל זיין — אַאידעאָלאָגישע אויסבויאונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. אַלס אַזעלכע שטייען אַלע קאַפּיטלען אין אײנגן לאָגישן און אידייאישן צוזאַמענהאַנג. יעדער ווייטערער קאַפּיטל זעצט פאָרויס די הנחות פון די פריערדיקע קאַפּיטלען אין שטרייננגער געבונדענקייט. עס איז אַגעשלאָסענער געדאַנקן־קרייז, וועלכער זאָל אַלס אַזעלכער גענומען און אין זיינער געשלאָסנקייט געלייענט ווערן. גרויסע טיילן פון דער פאָרליגנדיקער שריפט זיינען געווען געדרוקט אין העברעאיש אין „העולם״ פאַר דעם יאָר 1934 אין די נומערן 13 — 50 און אין

אידיש אין דעם אָרגאַן פון די ליטווישן אַלגעמיינע ציוניסטן „אידישע שטימע“ פאַר די יאָרן 34 / 1933.

צום שלוס וויל איך באַדאַנקען דעם מרכז פון די פּראָגרעסיווע אַלגעמיינע ציוניסטן און דער החלוץ הכלל — ציוני אין ליעטווואַ, וועלכע האָבן אַנטקעגנגעבראַכט דער שריפט אַסך אינטערעס און דערמעגליכט איר דערשיינען. אַדאַנק קומט אויך דעם יונגן שריפט־שטעלער א. הײמאַן פאַר זיין פלייסיק דורכקוקן און קאָריגירן די קאָרעקטורן.

בירשטאָנאַס. I. VIII. 1935 — דער מחבר.

# א. די וואַנדלונג אין ציוניזם.

פֿאַר יעדן אָביעקטיוון ציוניסטישן באָבאַכטער איז היינט קלאָר, אַז אויף דער גאַנצער ליניע פֿון דער באַוועגונג און אין אירע טיפֿסטע טיפֿענישן קומען איצט פֿאַר חשבון־הנפֿש׳ן פֿון דעם ציוניסטישן יחיד. עס האָט ווידער אַמאָל אָנגעהויבן צו יערען אויפֿן דעק פֿון דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג. דאָ און דאָרט קומען אפֿילו פֿאָר שטילע שנויים, אמת דערווייל נאָך ווייניק באַמערקבאַר, אָבער דערפֿאַר באַשטענדיק און עקשנותדיק און זאָגן אָן עטוואָס נייעס. דער ערשטער גרויסער אָנזאָג איז געקומען פֿון יענע שיכטן, פֿון וואַנעט נייע אָנזאָגן קומען זייער אָפֿט אין דער מענשליכער געשיכטע — פֿון דער יוגנט. די אידיש ציוניסטישע יוגנט האָט, ווי יוגנט איבערהויפּט, אַלס ערשטע נשמה׳דיק דערשפּירט דאָס נייע מיט אירע שאַרפֿע אינסטינקטן און גרויסער אינעווייניקסטער רעגזאַמקייט און איידער זי איז נאָך געווען ביכולת דאָס נייע צו פֿאָרמולירן און אָפּצוגיסן אין לאָגישע פֿורעמס, פּונקט נאָך פּונקט, האָט זי שוין פֿאַרזוכט אין איינקלאַנג דאַמיט צו האַנדלען און צו לעבן.

זייער אינטערעסאַנט איז דערביי, וואָס די וואַנדלונגען פֿון די גייסטער און די ערשטע שפּראָצן פֿון דעם נייעם, האָט די יוגנט געפֿירט אין רייען פֿון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, וועלכער איז יאָרן־לאַנג געווען שטאַרק פּאַסיוו און צום טייל זאָגאַר פֿאַרגליווערט. דאָס קומען פֿון דער יוגנט צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, און דאָס קומט פֿאָר אומעטום וואו אידן לעבן, איז זיכער איינע פֿון די סימפּטאָמאַטישסטע געשעענישן אין איצטיקן ציוניזם בכלל. דאָס איז ניט קיין לאָקאַלער ענין פֿון איין ציוניסטישער פֿראַקציע, נאָר אַ דערשיינונג, וואָס פֿאַרדינט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט אין דער ג אַ נ צ ע ר ציוניסטישער באַוועגונג. אין זייער קומען הויבט זיך אָן צו ווייזן דער גרויסער רמז אויף אַן איבערברוך אין דער ציוניסטישער מאַסן - פּסיכיק. האָבן דאָך די אַלגעמיינע ציוניסטן קיין זאַך אין תוך ניט געטאָן, כדי צו ברייננן די יוגנט צו זיך. קען דאָך אויך די יוגנט אַליין היינט נאָך ניט גענוי דערקלערן די סיבות, וואָס האָבן זי געבראַכט צו דעם אַלגעמיינעם

ציוניזם. עס זיינען דאָ ווירקזאַם אַ פּנים פֿאַרבאַהאַלטענע כּחות, וועלכע זיינען יאָרן לאַנג געווען געבונדן אין ציוניזם און הויבן זיך איצט ערשט פּלוצלונג אָן צו באַפֿרייען און זיך מאַכן לופֿט אין אַ גרויסער וואַנדלונג, וועלכע קומט דערווייל אַלס בלאַסע רויטונג אויפֿן פֿאַרטייאישן הימל, זאָגט אָבער אָן אַ נייעם ציוניסטישן טאָג.

וואָס האָט גרויסע קאַדרען פֿון דער ציוניסטישער יוגנט אין דער גאַנצער אידישער וועלט שוין היינט געבראַכט צו דעם אַלגעמיינעם ציוניזם?

די וואָס האָבן לייכט אויף אַלץ אַ תשובה, זאָגן: די יוגנט איז פֿאַרמאַטערט פֿון די עקסטרעמען, זי איז ניט און וויל ניט זיין פֿאַר קיין טייל, פֿאַר קיין שטאַנד, נייערט שטיין אויפֿן וואַך פֿון דעם גאַנצן כּלל־ישׂראל, קעמפֿן פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק און פֿאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן אויף דער גאַנצער ליניע און אין גאַנצן נאַציאָנאַלן פֿאַרנעם. געוויס איז דאָ אַ טייל אמת אין די ווערטער, זיי דערקלערן אָבער ניט די איצטיקע דערשיינונג אין ציוניסטישן לעבן. די וואָרצלען זיינען, ווי איך גלויב, אַ סך טיפֿער און די תשובה אויף דער שאלה אַ סך קאָמפּליצירטער. דאָס וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרן מכּח דער יוגנט, מוז אין געהעריקער אָפּענדערונג, געזאָגט ווערן אויך וועגן דעם עלטערן ציוניסטישן דור. אויך דאָ יערט אין די טיפֿענישן, אמת ווייניקער ווי ביי דער יוגנט, אָבער דאָך אויך שוין זייער באַמערקבאַר. דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט געקראָגן פֿאַרשטאַרקונג ניט נור פֿון דער יוגנט, נאָר אויך פֿון עלטערן ציוניסטישן דור און ניט נאָר מן הצד האָט ער אָנגעטראָפֿן חזוקים, נאָר אויך אינעווייניק האָבן זיך פּלוצלונג געעפֿנט ענערגיע־קוואַלן, וועלכע זיינען ביז איצט געווען פֿאַרשטאָפּט. ס'האָט דערוואַכט דער אַלגעמיין־ציוניסטישער רצון און קומט אומעטום צום אויסדרוק אין אַ פֿלייסיקער אָרגאַניזירונגס־אַרבעט, אין אַ פֿאַרשטאַרקטן פּולס, אין אַ פֿעסטן שטרעבן צו מעשׂים און הויפּטזעכליך אין אַ דערוואַכן פֿון דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן באַוואוסטזיין. דער דערוואַכטער באַוואוסטזיין פּרעזענטירט זיך אין אינטענסיווע פּראָגראַמאַטישע זוכענישן, אין שטרעבונגען זיך צו דערקענען און צו דערהויבן דעם נייעם „איך" צו קלאָרע פֿאָרמען און פֿאָרמולן. פֿון דער אַנדער זייט ווייזן די זייער פֿאַרשיידענע אידעאָלאָגישע פֿאָרמולירונגען, וועלכע פֿאַרמערן זיך טאָג איין טאָג אויס און ווידערשפּרעכן זיך זאָנאַר אָפּט, אַז דער אַלגעמיינער ציוניזם שטייט אויף אַ זעלישן פּרשת־הדרכים, אַז אין אים קומט וואָס פֿאָר, וואָס וואַקסט אים איינג־

טליך אַריבער. דאָ ווי בײַ דער יוגנט זיינען דאָס סימנים פון עטוואָס נײַס אין ציוניזם, די ערשטע שפּורן פון אַ גרויסער וואַנדלונג אין די גייסטער. ווי אַנדערש איז דען צו דערקלערן די מערקווירדיקע לאַגע פון אַלגעמיינעם ציוניזם בײַ היינטיקן טאָג? דאָס איז אַ קערפּערשאַפט, וועלכע פילט אַז זי לעבט אויף און שטייגט. ס'גיסן זיך אָן אירע אָדערן בלוט און אירע מוסקלען שפּאַנען זיך צו אַרבעט. נאָך מער, דער קיום איז שוין אַזוי שטאַרק, אַז ער מאַכט אַפילו נצחונות און דאָך איז זי נאָך אַזוי הינטערשטעליק אין איר זעלבסט־דערקענטניש און אַזוי ווייט פון צו וויסן וואָס ס'מאַכט אויס איר ספּעציפישן מהות און וואָס עס שפּײַזט אייגענטליך איר עקסיסטענץ. נאָר אונטער איין תנאי איז דאָס אַלץ סײַ בײַ דער יוגנט און סײַ בײַ דעם עלטערן דור פאַר־שטענדליך — אונטער דעם תנאי פון וואַנדלונג. אַן אינערליכע וואַנ־דלונג איז דאָס, וואָס קומט פאָר פאַר אונזערע אויגן אין דעם אַזוי גע־רופענעם אַלגעמיינעם ציוניזם און אין ווייטע שיכטן פון דער יוגנט, אַן אָרגאַנישע אָפּאָזיציע צום אַלטן און אַן אויסגעשריי צום נײַעם אין דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס באַוועגונג. אָט די דערקענטניש גיט אונז די מעגליכקייט צו געפינען דעם אמת'ן וועג צו זיך. בײַ אַזאַ לאַגע איז אָבער קודם כל נויטיק ניט צו ברענגען סתם פּראָגראַמען מן החוץ, נאָר פריער פאַר אַלץ זיך באַמיען אויפ־צודעקן דעם מהות פון אינעווייניק, אויפצוזוכן די וואָרצלען, וועלכע מאַכן אַרויסשפּראָצן דאָס נײַע און גרייטן צו אויף אַזאַ אופן לעבן אין קיום. מיט אַנדערע ווערטער, אונזער פּראָגראַם דאַרף זײַן אַ אויסדרוק פון אַ אָרגאַנישן באַגרייפן פון אונזער וועזן, וועלכער וועט שפּעטער אָפּגעגאָסן ווערן אין לאָגישע פּונקטן און פּאַראַגראַפן.

וועלכע זיינען אַלזאָ די וואָרצלען פון דעם נײַעם?

ס'איז קלאָר, אַז אין דער מאָמענט, ווען אַלץ בײַ אונז רוישט און ברויזט פון דעם שפע פון אידעאָלאָגישע שטימונגען, רעגונגען און מיינונגען, איז דאָס נײַע פון דער פּאַרטייאישער וועלט־אַנשויאונג נאָך ניט גענוג קלאָר און דייטליך אָפּגעצייכנט. אָבער ווען ס'פעלן נאָך אַפילו די ריינע קאָנטורן, אַזוי קען מען שוין לכל־הפחות וועגן זיי ריידן, ווײַל ס'ווערן אויך שוין איצט בולט אַסך גרונט־טענדענצן, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין טעזען און זיינען עלול צו באַשטימען דעם פּראָגראַמאַטישן וועג, ריכטיקער, די פּראָגראַמאַטישע וועגן. דאָס לעצטע דערפאַר, ווײַל צוזאַמען מיט די טענדענצן, וועלכע

פאראייניקן אַלע שיכטן האָבן זיך זייער פרי שוין אָפּגעצייכנט אויך אזעלכע, וועלכע האָבן דורכגעפירט געוויסע טיילונגס ליניעס אין דעם נאָך ניט קאָנסאָלידירטן אַלגעמיינעם ציוניזם און לסוף דערפירט צו אַ שפּאַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציע אין צוויי פאַרשיידענע טיילן. די שפּאַנונגען באַוועגן זיך פון איין זייט אויף פּראָבלעם הויכן פון ציוניס־טישן עבר און זיינע פאַרשיידענע איינשטעלונגען, פון צווייטן זייט זיינען זיי לעבעדיקע עדות, אַז די היינטיקע ציוניסטישע צייטן האָבן אַרויסגעשטעלט נייע ציוניסטישע פּראָבלעמען, וועלכע שרייען נאָך אַ צייטמעסיקער לייזונג און דערלייזונג.

פון דעם גאַנצן ערב־רב פון שטימונגען און טענדענצן, מיט וועלכע דער אַלגעמיינער ציוניזם אין זיינע ביידע טיילן איז שטאַרק געבענטשט געוואָרן, טיילט זיך אויס ביים היינטיקן טאָג דערעיקרשט איין טעזע, וועלכע איז עלול צו ווערן דער הויפּט - אימפּעט פון דער באַוועגונג און זי צו דערפירן אַפילו צו אַ דאָמינירענדיקער שטע־לונג אין דער גאַנצער ציוניסטישער וועלט. אָט די טעזע איז „כלל ישראל“, וועלכע זאָגט: —

דער אַלגעמיינער ציוניזם קעמפט פאַרן גאַנצן פאָלק אַלס העכערע אָרגאַנישע איינהייט און פאַרטיידיקט די נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן אויף דער גאַנצער פאָלקס־ליניע און אין גאַנצן נאַציאָנאַלן פאַרנעם, ער איז דערפאַר קעגן יעדן קלאַסן־קאַמף און קעגן יעדע באַגינסטיקונג פון איין עלעמענט אין אידישן פאָלק אופן חשבון פון דעם צווייטן ביים דעם בויען פון זיין היים אין דער לאַנד פון די אבות.

אָט די טעזע לויפט היינט שטורמיש אָפּ אַלע שורות פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין אַלע מקומות וואו ער געפינט זיך, הויבט זיינע כחות און פירט זיי אַרויס צום קאַמף. און דאָך איז זי נאָך זייער ווייניק דערקענט אין איר מהות, ניט גאַנץ אויפגעדעקט אין איר היקף און ממילא אומבאַשטימט אין איר לעבנס און עקסיסטענץ־גורל. דאָס צו טאָן איז די ערשטע אויפגאַבע פון די קומענדיקע קאַפּיטלען.

## ב. די כלל-אידייע.

די טעזע כלל־ישראל איז אַ אחדות טעזע און נעהערט אַלס אַ זעלכע צו דער באַגריף־ספערע פון נאַציאָנאַלער איינהייט, דעקט זיך אָבער ניט מיט איר ביחס צו דעם היקף. אין דער צייט, ווען דער

באגריף נאציאנאלע אחדות קען באדייטן סיי איינִיקייט אויפן יסוד פון קאארדינירונג פון מעשים, סיי איינִיקייט אויפן יסוד פון ארגאַ־נישער אחדות, באצייכנט כלל ־ ישראל די נאציאנאלע אחדות נאר אלס ארגאנישע אחדות, דען ס'איז דאך פאר אלעמען קלאר, אז די נאַ־ציאנאלע אחדות, וואס פארערן היינט די אלגעמיינע ציו־ניסטן אומעטום, ווו זיי געפינען זיך, איז ניט א טאקטישע אחדות ד. ה. א צייטווייליקע קאארדינירונג און ממילא אויך נאר א צייטווייליקן אפזאג פון אלע מאמענטן, וועלכע זיינען עלול כלפי פנים צו שטערן די איינִיקייט. דאס וואלט ערשטנס געווען נאר אן אויסערליכער מאמענט דיקטירט פון חצוניות'דיקע גורמים, צווייטנס נאר א צייטווייליקע נהיצות און דריטנס ניט קיין אחדות, נאר א הסכם, א צוזאמענרייד וועגן איינִיקייט צוליב געוויסע סיבות און ענינים. געווים פארערט דער אלגעמיינער ציוניזם און זייער שטארק זאגאר אזא מין הסכם ביי די געגעבענע אויסערע און אינערע ציוניסטישע באדינגונגען. אבער אט די אחדות איז דאך א ריין טאקטישע און ניט אזא וועלכע קען און זאל געלייגט ווערן אין יסוד פון דער אלגעמיין־ציוניסטישער אידעאלאגיע און פארטייאישער וועלט ־ אנשויאונג. דער אלגעמיינער ציוניזם פארשטייט אונטער זיין לאזונג נאציאנאלע אחדות א מהותדיקע אחדות, וועלכע קומט אלס פועל יוצא פון זיין עצם קוקן אויף די ערשיינונג פון פאלק אלס ארגאנישע איינהייט. און אויב ער רופט צו נאציאנאלע איינִיקייט איז דאס ניט דערפאר, ווייל ער זעט איצט אין דעם א צורך ־ השעה (צופעליק איז דאס איצט טאקע א צורך ־ השעה), נאר ווייל דאס איז די ארגאנישע קאנסעקווענץ פון זיינע גרונט ־ אנשויאונגען און די פראגראמאטישע תביעה פון זיין איבערפארטייאישער אידעאלאגיע. דער אלגעמיינער ציוניזם וויל ניט, לאמיר זאגן, צייטווייליק אויסשליסן די שפאנונגען צווישן קלאסן, שיכטן און עלעמענטן אין ציוניזם, נור ער וויל זיי ארויסנייענדיק פון העכערן נאציאנאלן שטאנדפונקט, הארמאניזירן און אויף אזא אופן איבערהויפט ליקווידירן. אלע נגודים פון די פאלקס־טיילן מוזן לויט דעם אלגעמיינעם ציוניזם, אופגיין אין דער העכערער נאציאנאלער איינהייט און דאס מוז דערגרייכט ווערן אפילו אויפן חשבון פון קרבנות פון ביידע צדדים לטובת דעם אלגעמיינעם ווייל פון דעם גאנצן אידישן כלל. די טעזע כלל־ישראל איז אלזא א באזונדער פאל פון דעם באגריף נאציאנאלע אחדות און איז נאטירליך ענגער אין היקף, אבער דערפאר איינ־דייטיקער אין זיין תכן. כלל־ישראל איז אן אינערער פאסטולאט פאר

אויסערע פאַרערונגען, אַ הנחה פון דעם סופּרעמאַט אָדער, לאָמיר זאָגן, פון דער בכורה פון כלל אין אַלע ענינים, ווו ער שטויסט זיך צוזאַמען מיט דעם פרט. דער באַגריף כלל־ישראל איז אָבער נאָר אין זיין צווייטער העלפט טיפּיש אידיש, אין זיין ערשטער העלפט דריקט ער אויס אַ אידייע וועלכע איז פאַרטראָטן אין דער גאַנצער וועלט, אומעטום, וואו פעלקער לעבן, ווירקן און טראַכטן איבער נאַציאָנאַלע וועגן און קריטעריען. אַנדערש גערעדט, די בכורה פון דעם כלל לגבי דעם פרט, וועלכע ליגט אין יסוד פון דער טעזע כלל ישראל, איז אַן אַלגעמיינע אידייע פון היסטאָרישן פעלקער־לעבן, נאָר טרעט זי דאָ אויף אין איר באַזונדערער דערשיינונג אַלס אויסדרוק פון היסטאָ־רישן א י ד י ש ן פאָלקס־לעבן. באַטראַכטן מיר אַלזאָ אפריער דעם אַלגעמיינעם פאַל, ד. ה. די כלל־אידייע אַלס אַזעלכע.

די כלל ־ אידייע איז פאַרשיידן לויט איר גענעזיס, כאַראַקטער, ווירקונגס־ספערן און פאַרנעם. זי אַנטשטייט אין דער פּרימיטיווער און אורשפּרינגליכער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט אַלס דירעקטע תוצאה פון דעם היסטאָרישן לעבן. די געזעלשאַפט איז נאָך כמעט גאַרניט, אָדער נאָך זייער ווייניק דיפערענצירט. אַלץ וואָס מאַכט אויס דאָס היסטאָרישע לעבן פון אַ פאָלק אין אַלע זיינע דער־שיינונגען פאַרלויפט אין קאַטעגאָריען פון אַן אַנאָנימען דורות־לאַנגען אָנזאַמלען פון ידיעות, דערפאַרונגען אין אמתן און קומט צום אויס־דרוק אין אַ קאָלעקטיוון פילן, האַנדלען און דיינקען. אויף אַלע געביטן פון זיין און שאַפן הערשט דער כלל, ווייל ער איז די איינציקע ראַציאָ־נאַלע מעגליכקייטן אַרויפצופירן די פּרימיטיווע געזעל־שאַפט צו העכערע עקזיסטענץ־פאָרמען. אין דער געזעלשאַפט און געזעלשאַפטליכן לעבן הערשן די צענטריפעטאַלע, די קאָנצענטרירנ־דיקע כחות, ווייל אַזוי דיקטירט דאָס נאַקעטע און רויע לעבן און אַזוי דיקטירן ממילא אויך די סאָציאַלע אינסטינקטן. דער יחיד, וועלכער ווערט צענטריפוגאַל, אַלזאָ טיילט זיך אָפּ, מוז פאַרלאָרן גיין אין זיין יחידישער שוצלאָזיקייט, ווייל דאָס קאָלעק־טיווע איז אַן אומבאַדינגטע נחיצות אויף פאַר זיין אינדיווידועלן זיין און עקסיסטירן. דער יחיד איז דערפאַר טיפּיש, אַ ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם קאָלעקטיוו אין אַלע זיינע תכונות — דער כלל אין אַ מיניאַטור־אויפלאַגע. ער פילט זיך אָבער בשום אופן ניט באַאיינגט דורך דעם כלל, ווען דער כלל איז דאָך דאָס יעניקע, וואָס טראָגט אין זיך אַלע מעגליכקייטן פון עקסיסטענץ, פּראָגרעס און ווייטערקומען אויף פאַר אים, דעם יחיד. אַט אַזוי אַרבעט זיך אויס

פאַמעליך די אידייע פון דעם פּרימאַט פון דעם כלל און זיין גרעסטער חשיבות אין נאַציאָנאַלן לעבן. דער אָנפאַנג פון דער אידייע איז טיף פארבאַהאלטן אין דעם סוביעקטיוון געפיל פון יחיד, וואָס זאָגט אים אונטער, אַז אחוץ דעם כלל האָט ער איבערהויפּט ניט קיין קיום. דאָס אַנערקענען פון דעם כלל - פּרימאַט איז דאַן אייגענטליך ניט קיין אנערקענונג פון אַ גורם, וועלכער ליגט מחוץ פון דעם יחיד, נאָר אַזאַ וועלכער ליגט אין דעם יחיד אַליין אַלס יסוד פון זיין פּערזענליכער עקסיסטענץ, נאָר פאַרלויפט אָט דער פאַקטאָר גלייכצייטיק און ממילאדיק אין דער ריכטונג פון דעם כלל. אין אַזאַ צושטאַנד איז די כלל-אידייע אָ ב י ע ק ט י ו ו אייגנטליך נאָך גאָר ניטאָ. זי איז די אינערע טרייבנדיקע קראַפט פון דעם געזעלשאַפטליכן לעבן, בלייבט אָבער נאָך אימאַנענט, פאַרבאָרגן, אַזוי צו זאָגן, צווישן די קנייטשן פון דעם עצם זיין און האָט נאָך ניט קיין קיום פאַר זיך אַלס אַ געזעלשאַפטליכער אידעאַל.

ערשט, ווען די געזעלשאַפט-מיטגלידער ווערן שטאַרק און הויבן אָן צו פילן אַ גרויסן אינערן צורך אין דיפערענציאַציע, טרעט אויף די כלל-אידייע אַלס זעלבסשטענדיקער אידעאַל און באַוואוסטער פאַקטאָר פון היסטאָרישן לעבן. די אידייע איז אָבער איצט אַ שליח פון אָפּשטאַרבנדיקע געזעלשאַפטליכע כחות, קען זיך דערפאַר ניט באַהויפּטן לאַנג און פאַרשווינדט נאָך אַ גרעסערן אָדער אַ קלענערן קאַמף פון דער סאָציאַלער אָרענע. האָט די אורשפּרינגליכע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט געברויכט דעם כלל אַלס די יעניקע פאָרם וועלכע האָט אין זיך געטראָגן אַלע מעגליכקייטן פון קיום און פּראָגרעס, אַזוי ווייזט זיך ארויס דער כלל איצט, ביי דער אַלזייטיקער דערשטאַרקונג פון די געזעלשאַפט-מיטגלידער אַלס אַ שטער און אַ מכשול אויפן וועג פון ווייטערער אַנטוויקלונג און אויפבלי. כדי די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט זאָל קענען איצט פּראָגרעסירן מוז זי האָבן דוקא דיפערענציאַציע, אינדיווידועלע פונאנדערוויקלונג פון די כחות, אַן אָפּטייל און אַן אויסטייל פון אַלע יענע עלעמענטן, וועלכע זיינען ביז איצט געווען קאָלעקטיוו געבונדן. אָט אַזוי הויבט זיך אָן אַ צייט פון דיפירענצירונגען און אינדיווידואַליזירונגען בניגוד צו די אַלטע קאָלעקטיווע לעבנס-פאָרמען. די כלל אידייע ווערט פאַרגעסן, אָבער נאָר אויף אַ צייט. בשעת די טיילונגען און דיפערענצירונגען וועלן דערגרייכן די העכסטע מאָסן פון צענטריפוגאַלע שפּאַנונגען און וועלן ווערן אַ געזעלשאַפטליכער מכשול, ווי

דאָס קאָלעקטיווע אַמאָל אין סוף פֿון דער אַלטער פּרימיטיווער אָרדנונג, אַזוי וועט זיין ווידער געקומען די שעה פֿאַר דער אַמאָליקער כלל ־ אידייע. אַזוינע עפּאָכן זיינען געווען און זיינען פֿאַראַן אויך איצט אין לעבן פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער פֿון דער וועלט. פּונקט ווי די אַמאָליקע אָרגאַנישע נאַציאָנאַלע אחדות האָט געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט דער דיפֿערענצירטער אָדער ריכטיקער דער זיך דיפֿירענצירנדיקער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפֿט און דאָס כדי שפּעטער צו דערשיינען נאָכאַמאָל אין אַ העכערער פּאַטענץ, אַזוי שיינען שפּעטער די פֿאַרשיידענע דיפֿערענצירטע מצבים צו מוזן אָפּטרעטן אויף אַ צייט זייער אָרט כדי פֿון זייט ווידער צו דערשיינען אין נאָך העכערע מדרגות און געשטאַלטונגען. אונז אינטערעסירט אָבער ניט דער עצם היסטאָרישער ענין, נאָר דער פֿאַקט, אַז די כלל־אידייע אַנטשטייט ערשט מיט דעם אונטערגאַנג פֿון דער אַלטער אָרגאַנישער פּרימיטיוו־נאַציאָנאַלער אחדות און טרעט אויף אויף הויכע שפּיצן פֿון דער דיפֿירענצירטער אַנטוויקלונג, יעדעס מאָל אָבער אַלס קעגנזאַץ אַדער פֿון דער אויפֿגייענדיקער אָדער פֿון דער שטאַרק צובליטער דיפֿערענציאַציע. ביז די כלל־אידייע זאָל קענען פֿון איר איין גלגול ביז צו איר צווייטן נאָכאַמאָל דערשיינען מוז דאָס נאַציאָנאַל־סאָציאַלע און נאַציאָנאַל קולטורעלע לעבן דורכמאַכן אַ פֿולן קרייז. ביי יעדן אירן דערשיינען ווייזט די אידייע אויף אַ געענדערטן מהות און אַ נייען כאַראַקטער. קעמפּט זי איינמאָל פֿאַר אָפּשטאַרבנדיקע לעבנס־פֿאָרמען, אַזוי ווערט זי אַ צווייטן מאָל אַ וועג ־ באַרייטערין פֿון נייע לעבנס ־ פּאַטענצן איז זי אין איין גלגול סטאַטיש און שטרעבט אויפֿצוהאַלטן דאָס אַלטע, אַזוי איז זי אין איר אַנדערן גלגול דינאַמיש און באַשטרעבט ארויסצופֿירן אַף די היסטאָרישע ארענע דאָס נייע. לויט אירע גלגולים איז די כלל־אידייע אַמאָל רעגרעסיוו און אַמאָל פּראָגרעסיוו, בקשר מיט איר יעדערמאָליקער באַשטימונג אויפֿצוהאַלטן אָדער פֿון דאָסניי צו געשטאַלטן דעם געזעלשאַפֿטליכן לעבן און זיינע פֿאַרשיידענע כחות און פּאָטענצן. עד כאן די עצם כלל־אידייע.

וואָס עס איז נוגע אירע ווירקונגס־ספֿערן, אַזוי זיינען אויך זיי פֿילפֿאַכיק און פֿאַרשיידן, אַ שטייגער פּאָליטיש, סאָציאַל, עקאָנאָמיש, קולטורעל וכדומה. אין דער אַלטער נאַציאָנאַל־פּרימיטיווער געזעלשאַפֿט פֿילט אויס די כלל אידייע אַלע ווירקונגס־ספֿערן און אַזוי ווי די ספֿערן זיינען דאָ נאָך ניט געטיילט, ווירקט זי זיך ממילא אין זיי אַלעמען צוגלייך אויס. דער

דרוק פון דער כלל־אידייע פילט זיך דאָ איבערהויפּט ניט. אויב פון איין זייט שטעלט מיט זיך פאַר די גאַנצע אורשפּרינגליכע נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט אַן איינהייטליכע מאַסע, וואו עס טיילן זיך ניט אויס קיינע באַזונדערע טענדענצן און שפּאַנונגען, אַזוי לעבט מען זיך אויס. פון דער אַנדער זייט, אויך קולטורעל גאַנץ האָמאָגען און שטענדיק אין די קאַטעגאָריען פון דעם קאָלעקטיוו. דעם דרוק פון דער כלל־אידייע הויבט מען ערשט אָן צו פילן אויף די שטופן פון דער נייער דיפערענצירטער צייט און מען ציט דערפאַר קעגן איר אין קאַמף. דער קאַמף איז אָבער ניט קיין איינהייטליכער, ווייל אויך די ווירקונגס־ספערן פון דער כלל־אידייע זיינען איצט ניט מער איינהייטליך. דאָס נייע לעבן דיפערענצירט די לעבנס־ספערן אליין און טיילט זיי אין פאַרשיידענע, אמת אויך איצט מער אָדער ווייניקער פאַרבונדענע, אָבער זיך זייער שטאַרק שוין אונטערשיידנדיקע געביטן פון מענטשליך זיין און שאַפן. דער קאַמף קעגן דער כלל־אידייע קען איצט ט ע אָ ר ע ט י ש פאַרלויפן זייער פאַרשיידן. אויב די דיפערענציאַציע ווערט דורכגעפירט אין אַלע לעבנס־ספערן, אַזוי וועט דער קאַמף גיין אין אַלע ספערן, אויב אָבער אין יעדער ספערע פאַרשיידן, אַזוי וועט אויך דער קאַמף זיין אין יעדער ספערע פאַרשיידן. אויך דאָ אינטערעסירט אונז ניט דאָס ממשותדיקע לעבן אין דער גרויסער וועלט און זיין רעאַלער קאַמף פאַר לעבנס־פאָרמען און לעבנס־יסודות, נאָר דווקא דער פאָרמאַלער מוסר־השכל פון דעם. און דער פאָרמאַלער מוסר־השכל איז דער, אַז אין די פאַרשיידענע ספערן ווירקט זיך אויס די כלל־אידייע פאַרשיידן. דאָרט וואו די דיפערענציאַציע פון דער נייער געזעלשאַפט טיילט אויס מ אַ ט ע ר י ע ל ע כחות און לאָזט זיי בניגוד צו דעם אַמאָל פריי און אומגעבונדן עקזיסטירן, ווירקט זיך אויס די כלל־אידייע, אַזוי צו זאָגן, מער אָדער ווייניקער אויסערליך. זי דערפאַסט די מאַטעריעלע אינטערעסן און שטרעבט זיי ווי אַמאָל צו שטעלן אין דינסט פון דעם גאַנצן. אין דער קולטורעלער לעבנס־ספערע וואו עס ווערן איצט באַפרייט גייסטיקע כחות, וועלכע זיינען געווען פריער קאָלעקטיוו געבונדן און האָבן זיך ביז איצט איסגעלעבט אין קאָלעקטיווע קאַטעגאָריען, ווירקט זיך אויס די כלל־אידייע א י נ ע ר ל י ך, זי דערפאַסט די אינערע וועלט פון יחיד. וואָס דער יחיד פאַרטראַגט לייכטער איז אַן ענין, וואָס קען אונז דאָ גאַנץ גלייך זיין. דער עיקר איז, אַז ס'זיינען דאָ פאַרשיידענע מעגליכקייטן פאַר פאַרשיידענע שפּאַנונגען, וועלכע טרעטן טאָקע

פארשיידן אויף. דאָס זעלבע אויך, ווען די כלל־אידייע טרעט אויף ניט אין ערשטן, נאָר אין צווייטן גלגול, נאָכדעם ווי די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטליכע דיפערענציאַציע האָט דורגעמאַכט א פולן קרייז. דער קאַמף פאַר דער כלל־אידייע קען און ווערט טאַקע אויך דאַן גע־פירט אין אַלע ספערן פון נאַציאָנאַלן זיין און ווירקן פאַרשיידן, נאָר זיינען דעם מאָל די שאַנסן א סך נינסטיקערע, ווי ביי דעם ערשטן גלגול פון דער אידייע.

אַט אַזוי זעט אויס די כלל־אידייע ביי נאָרמאַלע ניט גלות'דיקע פעלקער. ווי זעט זי אָבער אויס ביי דעם קלאַסיש גלות'דיקן פאָלק?

## ג. די כלל־ישראל טעזע.

די אידישע כלל־אידייע, אַלזאָ די כלל־ישראל טעזע, האָט דורגעמאַכט דעם זעלביקן גורל ווי דאָס אידישע פאָלק אַליין. איז דאָס פאָלק פּלוצלונג איבערגעבראָכן געוואָרן אין זיין היסטאָרישן לעבן און זיין פריי נאַציאָנאַלן קיום דורך כחות און גורמים מבחוץ אַזוי האָט זיך אויך די כלל־ישראל טעזע פּלוצים אַנטפּלעקט בכח פון פאַקטאָרן, וואָס קומען מן־החוץ. די כלל־אידייע איז אויך ביי אידן אַמאָל געווען א גורם פון היסטאָרישן לעבן און אַלס אַזעלכע האָט זי נאַטירליך אין אַזאַ אָדער אין אַן אַנדער מאָס געווירקט אויף שוין פאַרן חורבן. דאַן איז זי אָבער געגאַנגען אירע אָרגאַנישע וועגן, אין גרעסערן אָדער קלענערן הסכם מיט די תנאים פון עצם אידישן פּאָליטיש־סאָציאַלן לעבן. ווי ביי אַנדערע פעלקער האָט זי זיך אויך דאָ געקענט און באמת זיך אַנטפּלעקט אין סוף פון דער אַלטער נאַציאָנאַל־פּרימיטיווער געזעלשאַפט, בשעת זי האָט געמוזט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ דער דיפערענצירטער אָרדענונג. ביי אידן האָט זי אפשר מער געקעמפט ווי ערגעצוואו אַנדערש און איז אפשר ניט אַזוי איננאַנצן פאַרשוואונדען ווי ביי אַנדערע אומות, איז אָבער אין די דיפערענצירטע צייטן פאַרט אָפּגעטראָטן אויף ווייטערע פּאָ־זיציעס.

שפּעטער בשעת די דיפערענציאַציע, ווען זי וואָלט דורך דעם חורבן ניט איבערגעבראָכן געוואָרן, וואָלט דערגרייכט איר הויכ־פּונקט און דאָס אידישע לעבן וואָלט געזוכט נייע סינטעזן, וואָלט די אידישע כלל־אידייע אפשר ווידער אָרגאַניש אַרויפגע־

שוואומען אויף דער היסטאָרישער אָרענע, ווי ביי אַנדערע נאָרמאַלע פעלקער, וועלכע זיינען אַליין די בעלי־בתים פון זייער גורל און פון זייער לעבן. דאָ האָט אָבער דאָס אידישע פאָלק געטראָפן דער גרעסטער אומגליק, וועלכער קען טרעפן אַ פאָלק — חורבן און גלות. אין עצם מיטן נאַציאָנאַלן לעבן איז עס אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פון דעם באָדן און איז אוועקגעשטעלט געוואָרן פנים אל פנים מיט אַווירקליכקייט, וועלכע איז ניט נאָר די שלעכטעסטע נאָר אויך די געפערליכסטע פאַר אַ נאַציאָנאַלן קיום. האָבן זיי ביז איצט, מיט פעלקער צוגלייך, געלעבט אין ראמען פון אַ טעריטאָ־ריעלן קיום, אַזוי איז זיי איצט געשטעלט געוואָרן די ביישפּיללאָזע אויפגאַבע אין דער גאַנצן מענטשליכן געשיכטע, צו דערהאַלטן דאָס פאָלק און דאָס נאַציאָנאַלע לעבן אויפן יסוד פון אַן איינציקאַרטיקן גייסטיקן נאַציאָנאַליזם. דאָס האָט געהייסן ניט נאָר אַ נאַציאָ־נאַלע אומשטעלונג, נאָר אַן איבערבוי פון פאָלק, אַ יסודות'דיקע ענדערונג פון דעם גאַנצן אידישן לעבן פון אָנפאַנג ביזן סוף. אָט די ענדערונג האָט אַרויסגעפירט אויף די היסטאָרישע אָרענע די כלל־אידייע, אָבער ניט ווייל עס איז אינערליך און אָרגאַניש געקומען דערצו די צייט אין דער אידישער נאַציאָ־נאַלער אַנטוויקלונג, נאָר ווייל ברוטאַלע כחות מן החוץ, וועלכע האָבן געצוואונגען צו גיין אויף אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע וועגן האָבן פונקט אַזוי ברוטאַל זיי געצוואונגען אויפצוהויבן די פאָן פון דער כלל־ישראל־טעזע.

די כלל־אידייע, וועלכע שווימט איצט אַזוי פלוצלונג אַרויף אין דעם נאָכחורבנדיקן אידישן לעבן, איז בשום אופן ניט, ווי מען וואָלט געקענט מיינען, קיין פּראָדוקט פון דעם גייסטיקן נאַציאָ־נאַליזם, אַזוי אַז מיט זיין דערשיינען מוז אויך זי דערשיינען. די אידייע אַלס אַזעלכע איז אין תוך גאַנץ זעלבסשטענדיק און קען איינגיין אויף פאַרבינדונגען סיי מיט דעם אייגנאַרטיק אידישן און סיי מיט דעם נאָרמאַלן אַלגעמיין־מענשליכן נאַציאָנאַליזם. אַז דאָס איז אַזוי איז צו זען פון דעם פאַקט, וואָס מיר טרעפן זי צו פאַרשיידענאַרטיקע צייטן ביי פאַרשיידענע פעלקער, וואו זי פאַרבינדעט זיך מיט אַ אַלגעמיין מענשליכן נאַציאָנאַליזם און טרעט אויף אַלס אָרגאַנישע תוצאה פון אַ היסטאָרישן געזעלשאַפטליכן זיין און אַ געשיכטליכן בייט פון פּאָ־ליטישע, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע מצבים. אַזוי איי־געגנטליך אויך ביי אונז אין דער געשיכטע פון די פאַרחורבנדיקע

דורות. גאנץ גלייך זיינען אָבער די פּינדונגען פון דער כלל־אידייע מיט דעם אַלגעמיין מענשליכן פון איין זייט און מיט דעם אידיש אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַליזם פון צווייטן זייט דאָך ניט. א שטיקל אונטערשייד איז דאָך פאַראַן און ער ליגט אין די פאַרשיידענע מהות׳ן פון די ביידע נאַציאָנאַליזמען.

דער אפילו ניט גלות׳דיקער גייסטיקער נאַציאָנאַליזם פון א פאָלק, וועלכער וויל זיך אויסלעבן אין זיין אייגן לאַנד אין גייסטיקע קאַטעגאָריען מוז אַלס אַזעלכער אויפשטעלן אַלגעמיין גילטיקע נאָרמען, וועלכע זיינען ניט שטענדיק אידענטיש מיט די אינדיווידועלע וועגן פון די יחידים און אַזוי ארום מער מבליט זיין די כלל־אידייע אלס דער ערדישער נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט זיינע נאַטירליכע אַלגעמיין־גילטיקע נאָרמע, וואו פּרט און כלל פאַראייניקן זיך ממילא. און אין דער אמת׳ן האָט טאַקע שוין דער אידישער פאַרחורבנדיקער גייסטיסקער נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט באַהערשט א טייל פון אונזער פאָלק, נאָך זייענדיק אויף זיין אייגן לאַנד, שטענדיק ארויסגעוויזן א גרעסערע אָדער א קלענערע נטיה צו דער כלל־אידייע, לכל הפחות אין איר גייסטיקער ווירקונגס־ספערע. דאָס איז אָבער ביי א גייסטיקן ניט גלות׳דיקן נאַציאָ־נאַליזם נאָר נטיה און ניט קיין אינערע נחיצות. ווייל האָבנדיק א ממשותדיקן באָדן און א פרייען מדינהשאַפטליכן לעבן זיינען גייסט און קולטור אמת די ערשטע אָבער ניט די איינציקע פרימאַטן פון אַן אַלזייטיקן נאַציאָנאַלן לעבן. ערשט נאָך דעם חורבן, ווען די טעריטאָריאַלע פּרימאַטן, און דאָס ספּעציעל ביי אידן, פאַלן אָפּ און דער אַמאָליקער ניט גלות׳דיקער גייסטיקער נאַציאָנאַליזם מוז זיך באַהויפּטן איינציק און אַליין מיט זיינע אייגענע כחות, ערשט דאַן פאַרבינדט ער זיך אייננ מיט דער כלל־אידייע, כדי צו קענען מיט איר הילף אויסצופירן די אומגעהויער שווערע און איינציקאַרטיקע היסטאָרישע אויפגאַבע. היוצא מדברינו, אַז די אידישע כלל־אידייע, די אַזוי גערופענע כלל־ישראל טענה, האָט ניט קיין איינהייטליכן, נאָר א דאָפּלטן כאַראַקטער, וועלכער הייננט צוזאַמען מיט דעם היסטאָרישן גורל פון אידישן פאָלק.

כל זמן אידן זיינען געווען אין ארץ־ישראל איז די אידישע כלל־אידייע געווען זעלבסטשטענדיק און איז, ווי ביי אַלע פרייע און נאָרמאַלע פעלקער, אויפגעטראָטן אַלס אָרגאַנישע תוצאה פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג אין אַלע זיינע ספערן און איינגעגאַנגען אויף א פאַרבינדונג ניט נאָר מיט דעם גייסטיקן, נאָר אויך מיט

דעם ערדישן נאציאנאליזם. ערשט אין גלות קריגט די אידישע כלל־אידייע איר אייגנארטיקן און באזונדערן כאראקטער און פארלירט, ווי אלץ אין אידישן לעבן, די קרובה׳שאפט מיט דעם, וואס איז נארמאל און אלגעמיין ביי טעריטאריאלע פעלקער. קענען מיר דעם ערשטן מין פון דער אידישער כלל־אידייע באצייכענען אלס די נארמאלע אדער ארגאנישע, אזוי קענען מיר איר צווייטן סוג אנרופן גלות׳דיק אדער אומארגאניש. די אומארגאנישע גלות׳דיקע כלל־ישראל אידייע איז בנגוד צו דער ארגאנישער ניט קיין פראדוקט פון א נאציאנאלער אנטוויקלונג, נאר א תוצאה פון א נאציאנאלער קאטאסטראפע. ניט דאס אידישע אלזייטיקע לעבן איז אנגעקומען צו דער כלל־מדרגה, נאר די עקזיסטענץ פון דעם צושפרייטן פאלק האט דאס געפאדערט אלס אויסערן מיטל. די נאציאנאלע קאטאסטראפע האט ווייטער געצוואונגען דעם אמאליקן אלזייטיקן אידיש נאציאנאלן לעבן זיך אויסצובויען נאר אין דער גייסטיקער ספערע, אזוי, אז אויך די כלל־אידייע האט געמוזט פארשמעלערן איר באזים. די פאליטישע, סאציאלע און עקאנאמישע ספערן, אויף וויפל זיי זיינען אין גלות נאך דא, זיינען ארויסגענומען געווארן פון דער פרייע שליטה פון אידישן פאלק און זיינען אונטערגעווארפן געווארן אויסערע גורמים. און אט נאך וואס. זיינען ביי נארמאלע פעלקער די פארשיידענע געביטן פון היסטארישן לעבן קיינמאל ניט קיין אבסאליוט איזאלירטע גרויסן, נאר טרעטן אויף אמאל ווייניקער אמאל מער, אבער קיינמאל ניט אן קעגנזייטיקע השפעות און פארבינדונגען, אזוי איז דאס ביי דעם גלות־פאלק גאנץ אנדערש.

אויב עס איז ביי דעם גלות־פאלק דערהויפט מעגליך א פרייע דיפערענציאציע, אזוי איז זי מעגליך נאר אויף דעם איצט איזאלירטן גייסטיקן געביט און אויב די כלל־ישראל אידייע שטעלט זיך אנטקעגן אט דעם, איז דאס ניט דערפאר, ווייל די דיפערענציאציע אלס נאציאנאל־היסטארישע אנטוויקלונג־מדרגה מוז באקעמפט ווערן, נאר ווייל דער גלות דערלויבט דאס ניט. ניט דאס פרייע אידישע לעבן, נאר דוקא דאס אומפרייע אידישע לעבן האט איצט ארויסגעפירט די כלל־ישראל טעזע און ארויסגעפירט האט זי זי ניט אלס אינערער געזעלשאפטליכער גורם, נאר דוקא אלס אויסערער און ניט, ווי געוויינליך ביי נארמאלע פעלקער, ביז צו א נייעם בייט פון סאציאלע באדינגונגען, נאר אויף די גאנצע צייט פון דער נאציאנאלער קאטאסטראפע. מעגן זיך אין דער וועלט בייטן אלערליי צייטן און סאציאלע ארדענונגען, מעגן דארט ארגאניש אויפקומען

און פאַרשווינדן פאַרשיידענע פּרימיטיוון, דיפערענצירונגען און כלל אידייען — צו אידן האָט דאָס ניט. די אידישע כלל אידייע איז ניט קיין אויסדרוק פון אַ סאָציאַלער אַנטוויקלונגס מדרגה, נאָר אַ נאַציאָנאַלער פּאָליטישער תנאי פאַרן קיום האומה. כל זמן עס וועט באַשטיין די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע געפאַר, ד. ה. אַזוי לאַנג ווי עס וועט אָנהאַלטן דער גלות, אַזוי לאַנג וועט אויך מוזן אָנהאַלטן די כלל־ישראל טענע. אין גלות איז פאַרן אידישן יחיד ניטאָ קיין קיום מחוץ פון די תחומים פון כלל. דער גלות האָט איבערגעבראָכן די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון אידישן לעבן און עס ווידער געבראַכט, אַזוי צו זאָגן, צו אַ געזעלשאַפטליכער פּרימיטיוויטעט. נאָך אַמאָל מוז די אידישע געזעלשאַפט קעמפן פאַר דאָס נאַקעטע און רויע לעבן און נאָכאַמאָל מוזן צוזאַמענפאַלן די אינטערעסן און באַדערפעניש פון פּרט און כלל. די גלות־פּרי־מיטיוויטעט איז אָבער ניט קיין נאַטירלעכע, נאָר אַ אומנאַטירליכע.

אין דער נאַטירליכער פּרימיטיוויטעט קען דער יחיד זיך בשום אופן ניט אויסשליסן פון דעם לעבן פונם כלל, אפילו ווען ער זאָרגט נאָר פאַר זיינע יחידישע עקזיסטענץ. גאַנץ אַנדערש אין דער גלות־פּרימיטיוויטעט. סאָציאַל, עקאָנאָמיש און קולטורעל קען דער יחיד, ווי עס איז אין דער פאַל אין אַ דיפערענצירטער געזעלשאַפט, זיך זייער גוט אויסשליסן פון דעם כלל־ישראל און פירן אַ יחידישן קיום פאַר זיך. איין געביט איז נאָר פאַראַן, אין וועלכן דער אידישער יחיד קען זיך ניט אויסשליסן פון כלל — דאָס איז דער נאַציאָנאַל־עטנישער. נאַציאָנאַל־עטניש קען דער אידישער יחיד אין גלות בשום אופן ניט עקזיסטירן אָן דעם כלל. טיילט זיך אָפּ דער אידישער יחיד אין גלות פון כלל, אַזוי פאַרלירט ער, ווי אין דער פּרימיטיווער געזעלשאַפט, זיינע נאַציאָנאַל־עטנישע צוגע־העריקייט. די גלות־פּרימיטיוויטעט איז אַלזאָ אַ געמיש פון געזעל־שאַפטליכער פּרימיטיוויטעט און געזעלשאַפטליכער דיפערענציאַציע און האָט ניט די מעלות, נאָר דווקא די חסרונות פון זיי ביידן. די אמת'ע געזעלשאַפטליכע פּרימיטיוויטעט איז אַן אָרגאַנישע לעבנס־דערשיינונג און טראָגט אין זיך דערפאַר אַ געוויסע גאַנצקייט און שעפערישע נאַאיוויטעט. דער יחיד און דער כלל פאַלן צוזאַמען אין שרש, אַזוי אַז דער כלל איז פאַרן יחיד ניט קיין יאָך און איבערהויפּט ניט קיין אָביעקט. דער זעלבער סוביעק־טיווער קיום־ווילן, וואָס האַלט אים אויף אַלס יחיד, האַלט אים אויך אויף אַלס אַ טייל פון דעם גאַנצן כלל.

גאנץ אנדערש די גלות־פּרימיטיוויטעט. זי איז ניט קיין ארגאַנישע דערשיינונג פון אידישן לעבן, נאָר א אויפגעצוואונגענע נויטווענדיקייט מבחוץ. דערפאַר פעלט איר יעדע גאַנצקייט און יעדע שעפערישקייט און לייגט זיך אלס לאַסט הן אויפן כלל און הן אויפן פּרט. דער סוביעקטיווער קיום־ווילן פון יחיד פאַרלויפט אין גלות דוקא אין אן אנדער ריכטונג ווי דער קיום־ווילן פון דעם כלל און מאַכט דעם כלל פאַר אן אָביעקט, פאַר אן ענין, וועלכער ליגט מחוץ פון דעם סוביעקטיוון „איך". פאַלן אַלזאָ ניט מער צוזאַמען די שרשים פון דעם פרט און דעם כלל. אזוי הויבט מען אָן פאַמעליך צו פילן די נגודים דעם שטער פון דעם כלל אויף דעם יחידישן וועג, וועלכער ווערט געפילט אלס לאַסט און אלס יאָך ווי אין דער דיפערענצירטער געזעלשאַפט. אָבער אין דער צייט, ווען די שפּאַנונגען פון דעם פּרט און דעם כּלל אין דער נאַטירליכער דיפערענצירטער געזעלשאַפט, שטעלן ניט אין סכנה דעם קיום פון דעם קאָלעקטיוו, אזוי שטעלן די זעלבע שפּאַנונגען ביי דעם גלות־פאָלק אין זייער גרויסער סכנה דעם נאַציאָנאַל עטנישן קיום פון אידישן כלל. יעדע נאַטירליך דיפירענצירטע געזעלשאַפט האָט איר טערי־טאָריאַל־מלוכהשאַפטליכן לעבן, וועלכער שטעלט אויף נאַטירליכע גרעניצן פאַר יעדע דיפערענצירונג און לאָזט איר ניט ווערן א סכנה פאַרן כלל. אנדערש אין גלות וואו אָט דער נאַטירליכער שוץ פעלט אין גאַנצן.

די אידישע כלל־אידייע אין גלות איז אלזאָ אן אייגנאַרטיקע דערשיינונג, וועלכע טראָגט אין זיך א באַזונדערע גלות'דיקע געזעל־ליכקייט און א באַזונדערן גלותדיקן גורל. אנדערש ווי אין דער פּרי־מיטיווער געזעלשאַפט ווערט פון יחיד געפאָדערט א באַוואוסטע אונטערוואַרפונג פון זיין יחידישער פּערזאָן און זיינע יחידישע אינ־טערעסן אונטער די אינטערעסן פון כלל, דאָס אָבער ניט, ווי אויף די שפּיצן פון דער דיפערענצירטער געזעלשאַפט, כדי ארויסצופירן דעם כלל אויף א נייעם געזעלשאַפטליכן הויך, נאָר כדי צו דערהאַלטן דעם עצם נאַציאָנאַל - עטנישן קיום פון כלל מחוץ פון יעדן שנוי הן אין דער לאַגע און הן אין דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. אלס נאַציאָנאַל־עטנישער מיטל, וועלכער ציט זיין יניקה פון אויסערע נאַציאָנאַלע נויטווענדיקייטן איז די גלותדיקע כלל־אידייע ניט פּראָגרעסיוו און ניט רעגרעסיוו, פּונקט אזוי ווי עס זיינען ניט פּראָגרעסיוו און ניט

רעגרעסיוו אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן, וועלכע דערמעגליכן אַ נאַציאָנאַל לעבן און אַ נאַציאָנאַל קיום, אומעטום ווו פעלקער לעבן און עקזיסטירן. זיינען לאַנד, שפּראַך וכדומה ביי די נאָרמאַלע אומות מחוץ פון יעדער פּאָזיטיווער אָדער נעגאַטיווער געזעלשאַפטליכער אָפּשאַצונג, אַזוי זיינען אויך זייערע ספּעציפישע עקוויוואַלענטן ביים גלות - פאָלק ווי אַ שטייגער דת, כלל ישראל צוואַנג וכדומה, אויף וויפל זיי זיינען נאַציאָנאַל - עטנישע מיטלען (און ניט נאַציאָנאַל-סאָציאַלע און קולטורעלע קנינים!) פריי פון יעדע סאָציאַלע שטעמפּלונגען און ריכטונגען.

די אידישע ספּעציפישע נאַציאָנאַל-עטנישע מיטלען אין גלות זיינען, ווי די אמתע נאַציאָנאַל-עטנישע פאַקטאָרן ביי די נאָרמאַלע פעלקער, פורעמס, וועלכע פורימען, אמת דאָ מער אָדער ווייניקער באַוווּסט און געוואָלט, דעם נאַציאָנאַלן זיין און טראָגן אים אין זיך אויס. די אידישע גלותדיקע כלל-אידייע אַלס מיטל פון קיום האומה טרעט טאַקע דערפאַר אויף אין איר איינציקמעגליכער ווירקונגס-ספערע, אין דער קולטורעלער, ניט אַלס תוצאה, נאָר ווי יעדער נאַציאָנאַל-עטנישער פאַקטאָר, אַלס איר העכסטער נאַציאָנאַלער געשטאַלטער — ער דיקטירט דער קולטור איר מהות, כאַראַקטער און עצם זיין.

מיר האָבן אַלזאָ צו אונטערשיידן צווישן דער כלל-אידייע ביי נאָרמאַלע פעלקער און ביי פעלקער אין גלות. די ערשטע איז אַ תוצאה פון סאָציאַלן לעבן און דערשיינט אָ-ר ג אַ נ י ש אין צוזאַמענהאַנג מיטן בייט פון די סאָציאַלע גורלות. זי איז, מיט אַנדערע ווערטער אַפּאָסטולאַט פון סאָציאַלער אָרדנונג. די צווייטע כלל-אידייע, די כלל ישראל טעזע איז דאַקעגן אַ נאַציאָנאַל עטניש מיטעל ואויפצוהאַלטן דעם קיום פון אַ פאָלק אין גלות. ליינט אַלזאָ דער אַלגעמיינער ציוניזם די כלל-אידייע אין יסוד פון זיין פּאַרטייאישער וועלט-אָנשויאונג, אַזוי מוז מען זיך כדרך הטבע אָפּגעבן אַ קלאָרן חשבון, וועלכע פון די צוויי כלל- אידייען ווערט אייגענטליך געמאַכט צו דעם אידעאָלאָגישן חוט- השדרה פון דער פּאַרטיי.

די תשובה אויף דעם פאָדערט איניקע ווייטערדיקע אונטערזוכונגען, אין ערשטער ריי אָבער אַ באַטראַכטונג וועגן די עקזיסטענץ און פאַרווירקליכונגס-מעגליכקייטן פון די ביידע כלל-אידייען.

## ד. דער לעבנס און קיום גורל פון דיביידע כלל-אידייען.

לעבן און עקסיסטענץ זיינען שטענדיק, און אויף וועלכע גע־ביטן זיי זאָלן ניט אויפטרעטן, אַ פראַגע פון מאַכט און אַ תוצאה פון קאַמף. שטענדיק וועט דאָס שוואַכערע מוזן ווייכן און האַלטן וועט זיך נאָר דאָס שטאַרקערע. דאַביי איז אינגאַנצן ניט וויכטיק, צו דער קעמפער פאַר זיין קיום איז אַליין דער מקור פון דער מאַכט, ווי אין דער אָרגאַניש־לעבעדיקער וועלט, אָדער ער האָט זיינע מאַכט־מקורות ביי אַנדערע, וועלכע שטיצן אים, ווי ס׳איז דער פאַל ביי יצורים פון דער טויטער ווי אויך פון דער גייס־טיקער־אידייאַישער וועלט. ניט וויכטיק איז ווייטער וואָס פאַר אַ כאַראַקטער און וואָס פאַר אַ מהות ס׳באַזיצט דער קעמפער פאַר זיין קיום. וואָס ער זאָל ניט זיין און ווי ער זאָל ניט וועלן עקסיסטערן, מוז ער שטענדיק האָבן און מוז תמיד פאַרווענדן קראַפט. אַנדערש קריגט ער ניט זיין פלאַץ און אַנדערש האַלט ער ניט איין זיין פּאָזיציע.

פון דעם שטאַנדפונקט אַרויסגייענדיק וועלן מיר מוזן זאָגן, אַז ניט קוקענדיק אויף די יסודות׳דיקע פאַרשיידענע מהות׳ן פון ביידע אידייען, דעם אָרגאַנישן און אומאָרגאַנישן, זיינען דאָך די עקסיסטענץ אין פאַרווירקליכונגס תנאים אַזוי גוט ווי גלייך. ביידע מוזן קעמפן מיט קעגנערישע כחות, וועלכע ווילן פאַרכאַפּן זייער אָרט, און ביידע וועלן זיך קענען האַלטן נאָר דורך פאַרווענדונג פון קראַפט און מאַכט. אַזוי איז דאָס אָבער נאָר ריין פאָרמעל. זאַכליך זיינען די עקסיסטענץ־באַדינגונגן פון די ביידע דאָך פאַרשיידן, ווי ס׳זיינען פאַרשיידן די ווירקליכקייטס־ספערן, און די סאָציאַלע רעאַליטעטן וואו זיי מוזן לעבן און קעמפן, ממילא איז אויך פאַרשיידן דער מהות פון די עצם מאַכט־פאַקטאָרן, וועלכע פאַרהעלפן זיי צום קיום. זיינען דאָך די ביידע אידייען ניט פריי אין דער בחירה פון זייערע ווירקונגס ספערן, נאָר מהותדיק געבונדן — די איינע, די אָרגאַנישע, מיט דער סאָציאַלער מציאות פון די טעריטאָריעלע פעלקער, די צווייטע דאַקעגן מיט דער אייגנאַרטיקער רעאַליטעט פון אַ גלות׳דיקן פאָלק. זיינען אַלזאָ פאָרמעל די פאַר־ווירקליכונגס־מעגליכקייטן פון די ביידע אידייען גלייך, אַזוי ווערט

זאַכליך די אָרגאַנישע כלל־אידייע פון די טעריטאָריאַלע פעלקער דאָך אנדערש דורכגעפירט אין לעבן ווי די אומאָרגאַנישע כלל־אידייע ביי א גלות פאָלק.

הויבן מיר אָן מיט דער אָרגאַנישן אידייע.

די לייכטסטע עקסיסטענץ מערכה האָט די כלל - אידייע אין דער מער אָדער ווייניקער אורשפרינגליכער פרימיטיווער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט. דאָס גאַנצע היסטאָרישע לעבן וויקלט זיך דאַן אָפּ, אויסשליסליך אין קאָלעקטיווע קאַטעגאָריעס, אזוי אז עס וועקט זיך ערגעץ ניט אפילו קיין ברעקל טענדענץ זיך אַנטקעגנצוטעלן איר פולקומער שליטה. ס'איז די צייט פון דעם אנטשטיין פון דער אידייע און ממילא איר אידעאַלסטע און קלאַסישע עפּאָכע — זי הערשט אמת נאָך אומבאַוואוסט, אָבער לחלוטין ניט איינגעשריינקט און צוואָר בכח פון די סאָציאַלע לעבנס - טענדענצן אליין. ערשט ווען דאָס נאַציאָנאַלע לעבן הויבט אָן צופארלירן זיינע אורשפרינגליכע פרימיטיוויטעט און הויבט אָן צו טענדירן צו א געזעלשאַפטליכער דיפערענציאַציע, קומען הייסע שעהן פאַר דער אידייע. זי דערוואַכט איצט, ווי מיר האָבן אויבן געזען, פון איר אומבאַוואוסטן קיום און ווערט אַן אַקטיווער נאַציאָנאַלער אידעאַל. אָבער בניגוד צו אַמאָל זיינען די נייע געזעלשאַפטליכע טענדענצן ניט מער פאַר, נאָר בפירוש קעגן איר. די עקזיסטענץ פון דער כלל אידייע אין דער ערשטער סאָציאַלער איבערגאַנגס תקופה ווערט אַ פראַגע פון אַ באַוואוסטער איינשטעלונג פון דער נאַציאָנאַלער מערהייט. ד. ה. אמאַכט־פראַגע פון די פאַרשיידענע פאָלקס טיילן. אַזוי אָבער ווי די סאָציאַלע לעבנס טענדענצן זיינען אָפּגעשטעלט אויף דיפערענציאַציע קען די כלל־אידייע אלס שליח פון אלטן פרימיטיוו - קאָלעקטיוון לעבנס - שטייגער ניט אויפברייננגן די נויטיקע קראַפט פאַר איר עקסיסטענץ. אנדערש אָבער אין שפּעטערע צייטן, ווען אָט די געזעלשאַפטליכע דיפערענציאַציע איבערלעבט זיך אליין צוליב פאַרשיידענע סבות, וועלכע זיינען ניט שטענדיק דוקא ראַציאָנאַלע, נאָר טאַקע אויך איראַציאָנאַלע, פונקט אזוי ווי ס'איז איראַציאָנעל זייער טרעגער דער מענטש בכבודו ובעצמו. אויף דער שטופע, ווען דאָס היסטאָריש לעבן ברעכט זיך פון דאַסניי און טענדירט אַריבער צו א נייער פּאָטענצירטער אָרגאַנישער נאַציאָנאַלער אחדות, איז דער עקסיסטענץ גורל פון דער כלל - אידייע א גאַנץ אַנדערער. קומט עס אויך איצט צו א קאַמף, אזוי האָט די כלל - אידייע דעם מאָל פאַר זיך ווידער די געזעלשאַפטליכע טענדענצן און ממילא די נאַציאָנאַלע מערהייט,

היוצא מדברינו, אז די עקזיסטענץ פון דער אָרגאַנישער כלל־אידייע איז אַ פראַגע פון אינערליכער איינשטעלונג פון דער קוואַנטיטאַטיווער אָדער פון דער קוואַליטאַטיווער נאַציאָנאַלער מערהייט. אַט די כמות־דיקע אָדער איכותדיקע מערהייט בייט זיך בקשר מיט דעם פרייען לעבן און זיינע הצטרכותן און צוזאַמען דאַמיט בייט זיך און וואַריִירט דער עקסיסטענץ גורל פון דער כלל - אידייע אַליין. אַזוי איז דאָס אָבער נאָר ביי די אומות העולם, וועלכע אַנטשיידן אַליין און פריי איבער זייער פּאָליטישן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן און זיינע גורלות. גאַנץ אַנדערש זעט אָבער אויס די זאַכליכע און פּאַקטישע עקסיסטענץ־פראַגע פון דער אומאָרגאַנישער כלל אידייע, אַלזאָ פון דער יעניקער פאָרם פון דער אידייע, וועלכע זי האָט אָנגענומען ביי דעם אידישן פאָלק אין דער גלותדיקער צייט. די פרייע איינשטעלונג פון דער מערהייט פון דעם אידישן פאָלק באַזיגלט דאָ בשום אופן ניט דעם גורל פון דער כלל - אידייע, אָדער לאָמיר זאָגן, פון דער כלל ישראל טעזע. אַזוי ווי די אידייע איז ניט דערשינען בכח פון אַן אייגענער אַנטוויקלונג, נאָר בכח פון אַן אויסערן טראַגישן איבערברוך פון נאַציאָנאַלן לעבן, אַזוי הייבגט זי אויך שפעטער אָפּ ניט פון אינערע, נאָר דוקא פון אויסערע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען. ניט אויף די פאַרשיידענע טענדענצן און שפּאַנונגען פון דעם אַלזייטיקן אידיש נאַציאָנאַלן לעבן באַגרינדעט זיך דער גורל פון דער אומאָרגאַנישער כלל - אידייע און אירע עקסיסטענץ אָדער פאַרווירקליכונגס - מעגליכקייט, נאָר אויף דעם צוואַנג פון גלות. צו מ'וויל צו מ'וויל ניט, צו מ'דאַרף דאָס פון שטאַנדפּונקט פון אינערער אַנטוויקלונג צו מ'דאַרף דאָס ניט — ביי אַלע און אונטער אַלע אומשטענדן מוז דאָס אידישע פאָלק אין גלות הויכהאַלטן די כלל - ישראל - טעזע, ווייל דער גלות צווינגט אים דאַצו. מעג זיך דער יאָך פון דעם כלל נאָך אַזוי שווער ליגן אויפן יחיד און מעג דאָס אינערע אידישע לעבן נאָך אַזוי שטאַרק שרייען נאָך דיפערענציאַציע, דאָס גלות'דיקע לעבן ברייגנט מיט זיך די אַבסאָליוטע, אומברחמנותדיקע און אומאָפּענדערליכע אייזערנע נויטווענדיקייט פון דער כלל־ישראל אידייע. מ'קען נאַטירליך אויך אין גלות קעמפן קעגן דעם שווערן יאָך פון דער אידישער אומאָרגאַנישער כלל - אידייע, וועלכע ליגט זיך אויפן אידישן יחיד אַ סך שווערער ווי די אָרגאַנישע כלל - אידייע פון די אומות־העולם אויף אירע יחידים. נאַציאָנאַלער קיום פון אידישן פאָלק אין גלות ליגט אָרויף גרויסע קרבנות אויפן יחיד וועלכער האָט טעאָרעטיש די מעגליכקייט זיך אָפּצוזאָגן פון זיי

(פאַקטיש זיינען די אָפּזאָג־מעגליכקייטן, צו צוליב אינערליכע, צו צוליב אויסערליכע סבות זייער באַשריינקט) אָבער דאָס איז פריער אָדער שפּעטער אַן אָפּזאָג ניט נור פון קרבנות לטובת דעם כלל, נאָר אויך פון דער נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט צום אידישן פאָלק. און אין דעראמתן האָבן טאָקע אַ סך אידישע יחידים און ניט נאָר יחידים צו פאַרשיידענע גלותדיקע צייטן, ביחוד אָבער אין דער צייט פון דער השכלה דערקלערט אַ קריג דער כלל - ישראל טעזע און האַרט־נעקיק און פאַרביטערט געקעמפט קעגן איר. דאָס איז אָבער געווען און וועט שטענדיק זיין ניט נאָר אַ קאַמף קעגן דער כלל - ישראל טעזע, נאָר גלייכצייטיק אויך אַ קאַמף קעגן דעם קיום פון דעם פאָלק ישראל אין גלות. דאָס איז דערפאַר, ווייל אחוץ אַנדערע מיטלען איז די כלל־ישראל טעזע אין גלות אַ מיטעל פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום פון פאָלק און ביי אַלע אירע חסרונות און שוואַכקייט באַוועגט זי זיך אויף די זעלבע נאַציאָנאַלע הויכן ווי ביי אַנדערע פעלקער אַשטייגער לאַנד, שפּראַך, מדינה וכדומה, אַזוי אַז זי האָט אייגענטליך ביי די נאָרמאַלע פעלקער איר עקוויוואַליטעט ניט אין זייער כלל־אידייע, נאָר דווקא אין יענע נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן און מאַקסימען, וועלכע זיינען ביי זיי דער תנאי פאַר זייער לעבן און קיום אַלס זעלבסטשטענדיקע פעלקער. אַזוי לאַנג אַלזאָ ווי ס'וועט עקסיסטירן דער גלות און אַזוי לאַנג ווי מ'וועט וועלן לעבן אין גלות אידיש־נאַציאָנאַל וועט מוזן אויך עק־סיסטירן די כללישראל טעזע. אָבער עקסיסטירן וועט זי, און דאָס איז פאַר אונז דאָ וויכטיק, ניט בקשר מיטן רצון פון פאָלק און זיינע אינערע פרייע נטיות, נאָר אויסשליסליך אַ דאַנק דעם גלות־צוואַנג. אַמיטעל - וועג איז פאַר'ן גלות - פאָלק אין גלות ניטאָ.

דער עקסיסטענץ - און לעבנס - גורל פון דיביידע כלל אידייען, דער אָרגאַנישער און אומאָרגאַנישער זיינען אַלזאָ גאַנץ פאַרשיידענע. אין דער צייט, ווען די אָרגאַנישע כלל - אידייע ווערט געטראָגן דורך די איינשטעלונג פון דער פאָלקס - מערהייט, ווערט די אומאָרגאַנישע כלל - אידייע געהאַלטן דורך דעם גלות - צוואַנג, ניט קוקנדיק ניט אויף פאָלקס - מערהייט און ניט אויף פאָלקס - מינדערהייט. ס'איז אמת אַ ביטערע און טראַגישע גזרה פון דעם גלותדיקן לעבן, אָבער אויף אָט דער גזרה האַלט זיך די גלותדיקע כלל־אידייע. די פאָלקס - מערהייט פון דער אָרגאַנישער כלל - אידייע און דער גלות צוואַנג פון דער אומאָרגאַנישער כלל־אידייע זיינען ביידע מאַכט־פאַקטאָרן, אָבער אין דער צייט, ווען די פאָלקס מערהייט איז

אן אינערער און אן איינענער מאכט - פאקטאר איז דער גלות צוואנג אן אויסערער און פרעמדער מאכט - פאקטאר.

איצט בשעת די כלל־אידייען זיינען אופגעקלערט געוואָרן אין זייערע מהות׳ן און עקזיסטענץ־מעגליכקייטן, מוז די פראגע פון דעם פריערדיקן קאפיטל אבּיסל אפּגעענדערט ווערן. האָבּן מיר פריער געפרעגט וועלכע כלל־אידייע ווערט געלייגט אין יסוד פון דעם באנייטן אלגעמיינעם ציוניזם, אזוי מוזן מיר איצט פרעגן, וועלכע אידייע קען איינענטליך עקסיסטירן און זיך פאר־ווירקליכן אין דעם היינטיקן ארץ - ישראל, צו די אָרגאנישע ווי ביי א נאָרמאל פאָלק אין זיין אייגן לאנד, אָדער די אומאָרגאנישע ווי ביי א פאָלק אין גלות. דאָס דערפאר, ווייל ס׳איז ניט נאָר א פראגע פון לייגן אין יסוד, נאָר א פראגע פון עקסיסטענץ און פארוויר־קליכונגס־מעגליכקייטן. וואָס איז אלזא מעגליך און וואָס איז אונמעגליך אין דעם היינטיקן ארץ־ישראל?

## ה. כלל - ישראל און ארץ - ישראל.

די מיינונגען וועגן אונזער היינטיקער נאציאָנאלער לאגע אין דעם לאנד פון אונזער עבר און אונזער עתיד זיינען ביי דעם אידישן פאָלק ווי באקאנט פארשיידן. איינס מוז אָבּער פאר אלע - מען קלאָר זיין: **ארץ ישראל איז שוין איצט ניט מער קיין גלות און טראָגט שוין איצט ניט מער די גלות - געזעצליכקייט.** און ניט דערפאר ווייל מיר ווילן זיך דינגען און זאָגן, אז מיר האָבּן צו פארצייכענען גרויסע פאָליטישע נצחונות און נאציאָנאלע דער־גרייכונגען אין לאנד פון אונזערע אבות (דאָס וואָלט אגב אורחא אויך געווען אמת), נאָר דערפאר ווייל דערצו דארפן מיר גאָרניט קיינע פאָליטישע נצחונות און דערגרייכונגען. דאָס עצם זיצן פון אידישן פאָלק אויף זיין אייגן לאנד ברעכט שוין די אינערליכע סוביעק־טיווע געזעצליכקייט פון גלות, זיין היינטיקער זיצן אָבּער אויפן גרונט פון אן אינטערנאציאָנאלער פעלקער - רעכטליכער אָנערקענונג ברעכט אויך די אויסערליכע אביעקטיווע געזעצליכקייט פון גלות. ס׳פעלט נאטירליך נאָך די פולקומען נאציאָנאלע פרייהייט פון אן אומאָפּהייִנגיק פאָלק אין זיין אייגן לאנד, אָבּער דער נאציאָנאלער גלות׳דיקער שעבוד איז שוין מער ניטאָ. ווערט דאָך דער ארץ־

ישראל׳דיקער ישוב שוין איצט אין זיינע פאַרשיידענע געביטן, ווי אַ שטייגער דעם סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן ניט מער אויסשליסלעך, ווי אין גלות, באַשטימט פון אויסערע, נאָר טאַקע און אין זייער געהעריקער מאָס פון אינערע און אייגענע גורמים — אַ דערשיינונג, וועלכע איז אין גלות געווען נאָר אויף דעם איינעם און איינציקן קולטורעלן געביט און אויך דאָ ניט שטענדיק און נאָר מיט געוויסע באַשרייַנקונגען, איז דאָך דער ארץ־ישראל׳דיקער ישוב שוין היינט אַן אָפּגעשלאָסענע סאָציאַלע איינ־הייטליכע קערפּערשאַפט, וועלכע האָט אין זיך אַליין איר געזעצ־ליכקייט און אירע אַנטוויקלונגס־מעגליכקייטן. געוויס ווירקט זיך נאָך אויס די פּאָליטישע אָפּהייַנגיקייט און גרייפט אַריין טיף אין די אַלע דערמאָנטע געביטן. דאָס פאַרשמעלערט אָבער נור די ווירקונגס־מעגליכקייטן פון די אינערע אידישע גורמים, שליסט זיי אָבער ניט אויס, ווי דאָס האָט געטאָן דער גלות.

ניט אַ גלות־פאָלק זיינען מיר היינט אין ארץ ישראל, נאָר אַ פּאָליטיש אָפּהייַנגיק־פאָלק. צווישן אָט די ביידע ערשיינונגען איז אַ גוואַלדיקער און ריזיקער אונטערשייד. אמת, מ׳קען זאָגן, אַז ס׳זיינען נאָך דאָ צו ווייניק אידן אין ארץ־ישראל און אַז די פּאָליטישע באַדייטונג איז נאָך אַצו קליינע. געוויס זיינען מיר נאָך צו ווייניק אין ארץ־ישראל, אָבער דאָס ענדערט ניט דעם עצר פאַקט, נאָר וואַריאירט אים. מיר זיינען אין לאַנד פון אונזערע אבות ניט סתם אַ פּאָליטיש אָפּהייַנגיק פאָלק, נאָר אַ פּאָליטיש אָפּהייַנגיקע שוואַך און קליין פאָלק. אָבער אַ פּאָליטיש אָפּהייַנגיק שוואַך פאָלק אין זיין אייגן לאַנד איז אויך ניט קיין גלות־פאָלק, און נאָר וועגן דעם רעט זיך דאָ אין דעם געגעבענעם צוזאַמענהאַנג. מ׳וועט ווייטער זאָגן, אַז ניט קיין שוואַך פאָלק זיצט אין ארץ־ישראל, נאָר איבערהויפּט נאָר אַ טייל פון אַ פאָלק. געוויס זיצט היינט נאָר אַ טייל און אַ קליינער טייל פון אונזער פאָלק, אָבער אָט דער טייל איז דאָך ניט מער קיין טייל פון אַ גלות־פאָלק.

שטעלט מען זיך איצט די פראַגע, וועלכע כלל־אידייע איז אין ארץ ישראל מעגליך, אַזוי מוז מען זיך ענטפערן — **יעדנפאַלס** ניט די גלות׳דיקע. אחוץ דעם וואָס די גאַנצע נאַציאָנאַלע געזעל־שאַפטליכע סטרוקטור איז שוין איצט אין ארץ־ישראל אַן אַנדערע, פעלט דאָך דאָ דער גלות־צוואַנג, וועלכער האַלט אויף די אומ־

אָרגאַנישע כלל־אידייע אין אַלע לענדער פון דער אידישער צו־שפּרייטונג.

אם כן, אויב אין ארץ־ישראל איז ניט מעגליך די אומאָר־גאַנישע גלות'דיקע כלל־ישראל טעזע, אַזוי מוז דאָך פאַר איר ממילא פּאַסן די נאָרמאַלע כלל־אידייע פון אַלע נאָרמאַלע פעלקער און לענדער? אָבער גראָדע אַט די מסקנה איז גאָר ניט אַזוי פּשוט. די נאָרמאַלע כלל־אידייע פון אַלע נאָרמאַלע פעלקער איז, ווי שוין ניט איין מאָל באַטאָנט, אַן אָרגאַנישע תוצאה פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן, אַן אינערער פּראָדוקט פון זיין פרייער אַנטוויקלונג, וועלכער ערשיינט אָדער ווען די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט ברעכט זיך און גייט אַריבער פון פרימיטיווער סאָציאַלער איינהייט צו דיפערענציאַציע, אָדער ווען די דיפערענציאַציע פון איר זייט מאַכט א פולן קרייז און זוכט נאָך מהות'דיקע תקונים און קאָרעקטורן. אַז מיר שטייען ניט היינט ניט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אין קיין לאַנד פון דער וועלט, וואו אידן לעבן און ווירקן, אין דער ערשטער איבערגאַנגס־תקופה, איז פאַר אַלעמען קלאָר. קומט אַלזאָ אין באַ־טראַכט, נאָר דער ווייטערער גלגול פון דער כלל־אידייע, און דאָ פרעגט זיך צי האָט דען טאַקע אונזער נייעס און בערך קורצעס לעבן אין ארץ־ישראל באמת זיך שוין אַזוי אויסגעלעבט אין דער נאַציאָ־נאַלער און סאָציאַלער דיפערעציאַציע, אַז עס האָט שוין געמאַכט דעם פולן קרייז פון אויסגיי־פּונקט צו אויסגיי־פּונקט און איז אָנגעקומען צו דעם מאָמענט, וואו די נאַציאָנאַלע ווירקליכקייט הויבט אָן אינערליך און מהות'דיק צו טענדירן נאָך א נייער סאָציאַלער אָרדנונג? די ארץ־ישראל'דיקע דיפערענצירטע אידישע ווירקליכקייט האָט דערווייל, און אין דעם וועלן אַלע מודה זיין, געבראַכט צו דעם דרינגענדיקן צרך פון א נאַציאָנאַלער אחדות אין זין פון א קאָאָרדינירונג פון מעשים, אָבער דאָס איז דאָך נאָר א צייטווייליקער און א טאַקטישער ענין און האָט מיט דער אַלגע־מיין־ציוניסטישער אידעאָלאָגישער כלל־ישראל טעזע, ווי שוין אויבן אויספירליך ערקלערט, אַזוי גוט ווי גאָרנישט צו טאָן. דאַצו נאָך אַט וואָס.

לאָמיר אפילו זאָגן, אַז דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון דעם ישוב איז שוין טאַקע אַזוי ווייט, אַז עס שרייט אָרגאַניש נאָך דער כלל־אידייע, וועלכע זאָל אים אינערליך באַנייען און אָרויספירן אויף נייע הויכן, צי האָט אָבער דאַן די כלל־אידייע אין ארץ־ישראל אַט

די כוחות, וועלכע זיינען נויטיק, כדי איר צו פארהעלפן צו פאר־ווירקליכונג און קיום? די ארגאנישע כלל־אידייע, האבן מיר אויבן געזען, ווערט ביי נארמאלע פעלקער געטראגן דורך די איינשטעלונג פון דער פאלקס־מערהייט. אבער ערשטענס איז גראדע די פאלקס־מערהייט גאר ניט שטענדיק אזא קלארע זאך און צווייטנס איז די מינדערהייט קיינמאל ניט באריט זיך פרייוויליק אונטערצוגעבן. עס קומט דאן ממילא צו א פיזישן אנטשייד פון דעם קאנפליקט, וואו די מאכט באזינגלט דעם גורל פון דיביידע צדדים. דאס איז אבער מעגליך נאר דארט, וואו ס'איז דא א פרייער מדינה־שאפטליכער לעבן, אבער ניט אין דער היינטיקער ארץ־ישראל, וואו עס די אויבערשטע פרייע שליטה איבערן לאנד ליגט ניט אין אונ־זערע הענט. מ'וועט דאך ניט וועלן סוף כל סוף פארשמעלערן די אידעאלאגישע כלל־ישראל־טעזע און איר אראפפירן צו א מדרגה פון אן איינפאכן סערטיפיקאטן־שליסל און זאגן, אז מ'דערפילט זי ווען מ'פאסט אויף, אז מהיום והלאה זאלן עולה זיין אלע אידן אן אונטערשייד. דאס איז זיך א גאנץ חשובער ענין, אבער די כלל־ישראל טעזע איז דאך א סך מער ווי אן עליה־פרינציפ — זי איז א בנין־פרינציפ, די אידייע פון דעם צוקינפטיקן נאציאנאלן ארץ ישראל און איר סאציאלער ארדנונג. איז זי א בנין אידייע פון אידישן פאלק, און אין דעם וועט קיין אלגעמיינער ציוניסט געוויס ניט צווייפלען, אזוי פעלן דאך איר, ווי געזאגט, אין ארץ־ישראל די כחות, וועלכע זי האט ביי אנדערע פעלקער און וועלכע פארזיכערן איר דארט איר עקסיסטענץ.

מיר זעען ארץ־ישראל שטייט היינט אין מיטן, צווישן גלות און צווישן א אבסאלוט פריי לאנד און איז דערפאר אומגינסטיק פאר ביידע מינים פון דער כלל־אידייע, סיי פאר דער ארגאנישער און סיי פאר דער אומארגאנישער. פאר דער אומארגאנישער גלות'דיקער כלל־אידייע פעלט דא דער גלות צוואנג, פאר דער ארגאנישער — די מדינה־מאכט.

אט אזוי זעט אויס די פראגע פון כלל־ישראל אין ארץ ישראל. מיר זיינען אונז פולקום באוואוסט, אז מ'קען אונז אין דעם פונקט אנטקעגנהאלטן א סך קשיות, פון וועלכע די וויכטיקסטע וועט זיין די פאלגענדיקע. גוט, וועט מען זאגן, אויב מ'קען ניט ארבייטן איצט אין ארץ־ישראל לטובת דער כלל־ישראל אידייע אין א גרויסן מלוכה'שאפטליכן פארנעם, צי זאל מען דערווייל ארבעטן, ווי אלע אנדערע שטרעמונגען און ריכטונגען, אין איינגערן קרייז און שריט

בײַ שריט דעראָבערן די מעגליכקײטן, װעלכע קענען אַמאָל אין שפּע־טערדיקע צײַטן פירן צו דעם דערװאונשטן ציל. אָט די שפּעטער אויספירליך באַהאַנדלט װערן. דאָ איז אונז געװען װיכטיק פעסטצו־שטעלן דעם עצם פאַקט, אַז די ארץ־ישראל װירקליכקײט איז גאָר ניט אַזוי גינסטיק פאַר די כלל־ישראל אידײע. אַזוי װי אָבער דאָס איז געשען רײן טעאָרעטיש, װעלן מיר אונז קודם כל װענדן צו דעם לעבן אַלײן און זען װי זעט אויס אָט די פראַגע אין דער ליכט פון דער פּראַקטיק.

## ו. אלגעמיין־ציוניסטישע טעאָריע און פּראַקטיק.

לײענען מיר די אַלגעמײן־ציוניסטישע פּרעסע און פּאַרטײ־ליטעראַטור, אַזוי װערט אונז כמעט אויף יעדער זײַטל צוגעטראָגן די טעזע כלל ישראל אין די פאַרשײ־דענסטע פאָרמולירונגען און באַגרינדונגען. װאָלט מען דאָך געקענט מײנען, אַז אָט די טעזע, װעלכע איז דער הויט־השדרה פון דעם אַלגעמײנעם ציוניזם און פּרעטענדירט אפילו, און מיט רעכט, אויף דעם צענטראַלן אָרט אין דער גאַנצער ציוניסטישער באַװעגונג, װערט אין ארץ־ישראל אײַנדײַטיק און פול פאַרװירקליכט. גײט מען צו מיט אָט די אידעאַלן פון כלל־ישראל פון אײן זײַט און מיט דער נעגירונג פון קלאַסן־קאַמף פון דער צװײטער זײַט און מען קוקט זיך צו צו דער מציאות, אַזוי זעט מען, אַז אין דעם פּונקט איז ניט אַלץ אין אָרדענונג. נאָך מער, ס׳זעט אפילו אויס פּונקט װי די אַלגע־מײנע ציוניסטן װאָלטן זיך אין דער הינזיכט געשפּאָלטן אין צװײ טײלן. אין דער צײַט װען דער אײן טײל זאָל זײַן שטרײַנג כלל־ישראלדיק, זאָל זיך דער צװײטער טײל הײסט עס אויף אַזוי פיל מורה היתר זײַן, אַז מ׳קען שוין איבערהויפּט צװײפלען אין זײַן גוטן װילן אָט די אידײע מקיים צו זײַן.

זײער אינטערעסאַנט און סימפּטאַמאַטיש זײַנען אין דער הינזיכט די התראות פאַר בײדע צדדים אין ארץ־ישראל, סײ פאַר דער יוגנט און סײ פאַר דעם עלטערן דור. אַזוי למשל װאָרנט ש. אוסישקין אין הציוני הכללי (נומער 8) אין זײַן אַרטיקל „אחרי הכינוס“ די אַלגעמײן־ציוניסטישע יוגנט און מאַכט זײ אויפמערקזאַם

אויף דעם, אַז דער אַבסטראַקטער פּרינציפּ פון קלאַסנלאָזיקייט און סתם אַבסטראַקטע מליצות האָבן ניט קיין גענוגנדיקן כוח און השפּעה. מכריע, מיינט ער, איז שטענדיק די באַציאונג צו פאַקטן און צו ממשותדיקע שאלות און גראָדע אין דעם פונקט, מיינט אוסישקין, זיינען געהערט געוואָרן אויפן כנוס ווערטער, וועלכע דערוועקן זאָרג. דאָס לעבן, מיינט ער, אין ארץ - ישראל איז שטאַרקער פאַר די אַבסטראַקטע פּרינציפּן און ער איז חושש, אַז ס׳קען אוועקשלעפּן די יוגנט, ווי ס׳איז שוין אַמאָל פּאַסירט אין אַ אַנדער ציוניסטישן טייל, אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג און דוקא אין ניט קיין כלל - ישראלדיקע.

פון דער צווייטער זייט קומט י. גרינבוים און איז מכריז ומודיע אין פאַרשיידענע אַרטיקלען אויף די געפאַר וואָס קומט אויף דעם אַלגעמיינעם ציוניזם און אויף דעם כלל ישראל פּרינציפּ מצד דעם עלטערן דור אין ארץ ישראל און דאָס דערפאַר, ווייל דאָס עצם לעבן אין ארץ ישראל פירט זיי און מוז זיי פירן צו שטעלן די אינטערעסן פון יחיד העכער אַלס די אינטערעסן פון כלל. איז דאָס דערווייל נאָך ניט אַזוי קענטיק אַזוי איז דאָס אָבער אין תוך אומפאַרמיידליך. נאָך קלערערע דיבורים האָט ער גערעדט פאַר דעם אַכצעטן קאָנגרעס (הציוני הכללי נומער 22). דער אַלגעמיינער ציוניזם, האָט ער דאַן געזאָגט, קען אין ארץ ישראל ניט עקסיסטירן. צו גרויס זיינען די נגודים צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן אין דעם ישוב. אין גלות איז אויך דער בורזשואַזער ציוניסט אַ דעמאָקראַט און מ׳קען מיט אים צוזאַמען ציוניסטיש אַרבעטן. דערפאַר איז ער, גרינבוים, אין גלות אַ אַלגעמיינער ציוניסט און אַרבעט האַרמאָניש מיט ציוניסטן פון אַנדערע קלאַסן. אַנדערש איז דאָס ארץ-ישראל, וואו מ׳קען ניט, מיינט ער, אַרבעטן מיט די בורזשואַזע עלעמענטן, אַזוי אַז אין ארץ-ישראל קען ניט עקסיסטירן קיין אַלגעמיינער כלל - ישראלדיקער ציוניזם.

דאָס זעלבע אָבער אין אומגעקערטער ריכטונג זאָגט למשל חריפאי אין זיין קריטיק איבער די ערשטע לעקציע פון גרינבוים (הציוני הכללי נומ׳ 19): „דאָרט אין גלות קענט איר זיין חובבים פון סאָציאַליזם און אויך שטימען פאַר זיי, ווייל דאָס שניידט אייך דאָרט ניט אין ביין אריין“. מ׳וואָלט געקענט אָנפירן נאָך מער אַזעלכע און ענליכע מיינונגען, דער הצד השוה פון זיי אַלעמען איז, אַז זיי זיינען אַלע מסכים, אַז די מציאות אין ארץ - ישראל איז גאָרניט אַזוי גינסטיק פאַר דעם כלל ישראל פּרינציפּ, נאָר זיינען איינע מתרה קעגן אַ אויסגליטשונג נאָך רעכטס, די

אנדערע קענען אזא נאך לינקס. זאל האבן אפילו דער אדער יענער פון די אויבן ציטירטע געענדערט אין משך פון דער צייט זיין פערזענ־ליכע מיינונג, ענדערט דאס נאטירליך קיין זאך ניט אין דער עצם אפשאצונג פון דער ארץ - ישראלדיקער ווירקליכקייט. געוואלטיק אינטערעסאנט איז אין אט דער הינזיכט דאס, וואס ס׳דערצעלן אונז אונזערע שטריינגסטע אנהייגנער און פארווירקליכער פון דער כלל־ישראלדיקייט אליין — אונזערע יוגנט וואס האט עולה געווען.

אזוי למשל זאגט קארנפעלד אין די דעבאטן פון דער לאנד־קאנפערענץ פון די ארץ־ישראלדיקע אלגעמיינע ציוניסטן אין יאר תרצ״ג: „ה׳ סופראסקי האט געשילדערט די ניגודים צווישן דעם ועד־הפועל און דעם הנוער הציוני הכללי. פון צווייטן זייט גיט אונז איבער דר. מאסינזאן די בשורה פון טויזנטער אלגעמיין - ציוניסטישע יוגנטליכע אין גלות, וועלכע זיינען מסכים צו אונזערע השקפות. מ׳מוז זיך אבער קלאר מאכן דעם אונטערשייד צווישן דעם מצב פון דער יוגנט דארט און דא. דארט קען מען זיך באגנוגינען מיט אידעאלאגיע און דא איז דאס אוממעגליך, ווייל ס׳איז גאנץ אנדערש די אידעא־לאגיע אין ארץ ישראל, וו מ׳שטייט אין דירעקטן און אוממיטל־בארער באריהרונג מיטן עצם לעבן״ (הציוני הכללי 28).

נאך קלערערע דיבורים שרייבט ש. ס. אין ציוני הכללי נומ׳ 26 אלס א תשובה י. גרינבוימען: „ה׳ גרינבוים וויל זען אין אונזער התנגדות צו ה׳ סופראסקין א התנגדות צו דעם אלגעמיינעם ציוניזם בכלל. דאס איז א אבסאליוטער טעות... פון וואנען קומען די מיינונג־אונטערשיידן צווישן אונז און די קעגנווארטיקע ריכטונג אין דעם ועד - הפועל? דער אלגעמיינער ציוניזם אין גלות, ווו מיר האבן זיך ערצויגן, איז געווען א לייכטער ענין. (מיין אונטערשטרייכונג ש.) ריידן וועגן אלגעמיינעם ציוניזם, קלאסנלאזיקייט וכדומה איז א לייכטע זאך, אבער זייער שווער איז זי צו פארווירקליכן אין דער אלטעגליכער ווירקליכקייט פון ארץ ישראל. די באגעגעניש מיט דעם לעבן אין ארץ - ישראל האט אונז א סך געלערנט און.. האט געשטארקט די הכרה. מ׳מוז שטיין אפן פראנט, זען די געפאר און בלייבן א גוטער אלגעמיינער ציוניסט. דאס איז די אויפגאבע פון אונ־זערע חברים אין ארץ - ישראל״.

אלזא, אויך די הייסעסטע אנהייגנער פון דעם כלל - ישראל פרינציפ זיינען מודה אין די אביעקטיווע פארווירקליכונגס שוועריקייטן פון אט דעם פרינציפ אין ארץ - ישראל. ענליכעס דערציילן אונז א סך אנדערע חברים, וועמענס רייד קלינגען אויס אין דער

זעלבער באַהויפּטונג, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן ארץ - ישראל און גלות בנוגע די כלל - אידייע. צווישן דעם עלטערן און איננערן דור אין ארץ ישראל שטייט אַלזאָ ניט דער גוטער אָדער דער שלעכטער ווילן, נאָר די מעגליכקייט אָדער די אומעגליכ־קייט דעם כלל - ישראל פּרינציפּ צו פאַרווירקליכן. ביידע זיינען פאַר דעם העכסטן אידעאָלאָגישן פּרינציפּ פון דעם באַנייטן אַלגעמיינעם ציוניזם, נאָר שטויסט זיך אָן אָט דער פּרינציפּ אין ארץ - ישראל אויף גרויסע שוועריקייטן, וועלכע זיינען ניט קיין אויסערע און צייטווייליקע, נאָר אינערע און דויערהאַפטיקע און ליגן אין דעם עצם מהות פון דער כלל־ישראלדיקייט אָדער ריכטיקער אין דעם קאָנפליקט צווישן דער ארץ־ישראלדעקער ווירקליכקייט און דער כלל – אידייע אַלס אַזעלכע.

מיר זעען — אויך דאָס לעבן באַשטעטיקט אונז דאָס, וואָס האָט אונז פריער געזאָגט די טעאָריע. ארץ - ישראל איז ביי היינטיקן טאָג ניט צוגעפּאַסט פאַר די פאַרווירקליכונג פון דער כלל - אידייע. אַז דאָס איז טאַקע אַזוי באַווייזט נאָך אַ ווייטערער מאָמענט פון דעם אַלגעמיין - ציוניסטישן לעבן אין אונזער לאַנד, וועלכער איז אַ דירעקטע תוצאה פון דעם אייגנאַרטיקן צוזאַמענשפּיל פון כלל־ישראל און ארץ־ישראל — דער קבוץ.

## ז. דער הנוער - ציוניסטישער קיבוץ.

די אינטענסיווע און פאַרצווייגטע טעטיקייט פון דעם הנוער הציוני אין גלות און זיין פאַרשטאַרקטע און כסדר וואַקסנדיקע עליה קיין ארץ - ישראל האָבן אוועקגעשטעלט אויפן סדר היום פון דער יוגנט דרינגנדיקע פראַגן, צווישן וועלכע דער ענין קבוץ אָדער בודד פאַרנעמט איינע פון די חשובסטע ערטער. די שקלא וטריא איז, צי זאָל מען דעם חלוץ און דעם יוגנטליכן עולה בכלל איינאָרדנען אין אַ קאָלעקטיוו, אין אַ קבוץ און אַזוי אַרום אים שטעלן בצבור אין דינסט פון אויפבוי פון דעם לאַנד פון די אבות, אָדער מזאָל אים לאָזן אַלס בודד פריי און אומגעבונדן בויען ארץ - ישראל דורך אינדיווידועלע לייסטונגען.

די פראַגע פון קבוץ איז זייער לעבהאַפט דעבאַטירט געוואָרן אין דעם יונגן אַלגעמיין - ציוניסטישן לאַגער, וואו זי האָט דערהיצט

די גייסטער, געפירט צו שאַרפע און שטורמישע ארויסטרעטונגען און זייער שטאַרק געטיילט די הערצער און מיינונגען. מצד די אָנהייבנער פון קבוץ זיינען אפילו געמאַכט געוואָרן גאַנץ ראַדיקאַלע און ווייט־גייענדיקע חצעות, ווי כדומה למשל, איינגאַנצן אויסצושליסן די בודדים פון דער אָרגאַניזאַציע. די אָנהייבנער פון די בודדים פון זייער זייט זיינען אויך ניט געבליבן שולדיק און האָבן געצאָלט דעם צר שבנגד מיט דערזועלבער מטבע, מיט דער פאָדערונג אויסצושליסן די קבוצינינקעס פון דער אָרגאַניזאַציע. פון דעם אַליין איז שוין צו דרינגען, אַז דער ענין „יע קבוץ, ניט קבוץ" איז אַ צענטראַלע פּראָבלעם אין לעבן פון דעם הנוער הציוני אין ארץ־ישראל.

דער קבוץ אָדער די קבוצה איז ביי אונז איינגעפירט געוואָרן צוערשט און דערעיקרשט אין די רייען פון דעם לינקן פליגעל אין ציוניזם בקשר מיט זייער פּאַרטייאישע וועלט־אָנשויאונג און באַזונדער אידעאָלאָגיע. אָט דער מאָמענט האָט אין דער הנוער־הציוני'סטישער דיסקוסיע פאַר און קעגן דעם קבוץ געפירט צו טענות, וועלכע האָבן געצויגן זייער יניקה פון אַ אידענטיפיצירונג פון ביידע סוגים פון די קבוצים און אַ צייט לאַנג מבלבל געווען די מחות. אין דער אמתן האָבן די ביידע קערפּערשאַפטן געמיינזאַם נאָר זייערע באַצייכענונגען, אַלע אַנדערע איז ביי זיי פון יסוד אויס פאַרשידען. אין דער צייט ווען דער לינק ־ ציוניסטישער קבוץ אָדער קבוצה איז אַ סאָציאַל רעפאָרמאַטאָרישע קערפּערשאַפט, וועלכע שטעלט זיך אחוץ ציוניסטישע צילן אויך אַלגעמיין ־ מענטשליכע, איז דעם הנוער ־ ציוניסטישן קבוץ פרעמד יעדע סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע טענדענץ. דער אַלגעמיין־ציוניסטישער קבוץ שטעלט זיך נאָר נאַציאָנאַלע אויפגאַבן אָן יעדע ביימיש פון וועלכע ניט איז אַנדערע מענשליכע אידעאַלן, וועלכע זיינען פאַר זיך זייער און זייער וויכטיק, גייען אָבער אין דעם מאָמענט ניט אַריין אין זיין קאָמפּעטענץ.

דער צוגאַנג צו דעם נאַציאָנאַלן הנוער ־ ציוניסטישן קבוץ און די באַגרינדונג פון זיין נויטווענדיקייט קען זיין אַ דרייפאַכיקער— אַ אָרגאַניזאַציאָנעל צוועקמעסיקער, נאַציאָנאַל ציוניסטישער און אַ אַלגעמיין־ ציוניסטיש אידעאָלאָגישער.

עס קומען חלוצים קיין ארץ ־ ישראל, וועלכע קאָנען ניט דאָס לאַנד און אירע באַזונדערע לעבנס און ארבעטס ־ באַדינגונגען. כדי צו געבן אָט די מענטשן אין דער ערשטער צייט אַ אינערן האַלט און אַ פעסטן באָדן ווערן זיי אויפגענומען אין קבוצים, וואו זיי געפינען אַ פריינטליכע אַטמאָספער, אַ נויטיקע הדרכה און אַ ריכטיקע צוגרייי־

טונג צו דעם ווייטערדיקן לעבן אין ארץ - ישראל. דער קבוץ איז אלזא, פון דעם שטאנדפונקט געזען, אזוי צו זאגן א פרוזדור פאר ארץ־ישראל, א אקלימאטיזירונג מוסד, וועלכע האט די וויכטיקע ציוניס־טישע אויפגאבע צו פארברייטערן און צו פארפעסטיקן די חלוצישע עליה.

און נאך אט וואס:

די הנוער - ציוניסטישע מחנה איז א ארגאנישע איינהייט, וועלכע ווערט צוליב די באזונדערע תנאים פון איד. נאציאנ. לעבן געטיילט אין צוויי טיילן, אין א ארץ - ישראלדיקן און א גלותדיקן. וויל מען אויפהאלטן ניט נור די אויסערע גאנצקייט פון אט די ביידע טיילן, נאר טאקע זייערע אינערע אחדות אזוי מוז מען שאפן אין ארץ־ישראל א קערפערשאפט, וועלכע זאל זיי גלייך ביי דעם אנקומען אין לאנד ארגאניש איינגלידערן און דורך דעם אויפשטעלן אן אמתן און מהותדיקן קאנטאקט מיטן גלות. דאס קען אבער טאן נור דער קבוץ און ניט די בודדים, וועלכע זיינען צעזייט אין צעשפרייט. דאס קען אפילו אויך ניט טאן קיין ארגאן פון בודדים, וועמען ס'פעלן בטבע הדברים די דאצו נויטיקע פאראויסזעצונגען, וועלכע ס'האט אליין און אויסשליסליך דער קבוץ. און צולעצט.

דער אלגעמיינער ציוניזם איז לפי הערך אין ארץ־ישראל נאך שוואך. דאס לעבן אבער שטעלט אים אוועק פנים אל פנים מיט זייער שטארקע קעגנערישע כחות. דער בודד איז נאטירליך ניט בכוח וואס ניט איז אויפצוטאן מיט זיינע פאראייניצעלטע כחות. א ארגא־ניזאציע פון אלע בודדים וואלט שוין יע געקאנט וואס אויפטאן, אבער אויך זי איז ניט דער ריכטיקער מיטל, לויט די מיינונג פון גרויסע טיילן פון דער הנוער הציוני, פאר דער פארשטארקונג און פאשפרייטונג פון דעם אלגעמיין - ציוניסטישן געדאנק אין ארץ ישראל. אט דער געדאנק מוז טאג־טעגליך און אין אלע קלענערע און גרעסערע האנדלונגען פארווירקליכט ווערן אין לעבן און דאס קען ניט, מיינט דער איין צד, טאן א ארגאניזאציע, נאר איינציק און אליין א געשלאסענע ארגאניש־פאראייניקטע און דורך איין קא־לעקטיוון ווילן באהערשטע קערפערשאפט — א קבוץ.

אזוי וויט וואלטן די ביידע שטרייטנדע טיילן פון דעם הנוער־הציוני, אלזא סיי די אנהייגער פון די בודדים סיי פון קבוץ, נעקענט גיין צוזאמען. זיינען עס דאך סוף סוף מאטיוון, וועלכע צווינגען ניט בשום אופן צו ארגאניזירן די גאנצע באוועגונג אין קבוצים און אין קבוץ גופא זיינען זיי ניט מחייב צו אונטערוואפן דעם יחיד

דער פּאָלקומענער שליטה פון דער צבור — מאָמענטן וועלכע בילדן דעם מהות פון דער הויפּט־קעגנערשאַפט פון דעם צד שכנגד. וואָלטן אַלזאָ, דאָס, ווי געזאָגט, געווען די איינציקע מאָטיוון, וואָלט מען ליכט געקענט געפינען אַ פשרה. עס זיינען נאָך אָבער דאָ ווייטערע טעמים, וועלכע הייבן אַרויס דעם קבוץ פון דעם ריין אָרגאַניזאַציאָנעלן שטח און לאָזן אים דערשינען אַלס נאַציאָנאַל ציוניסטיש ציל פאַר זיך.

די פאַרווירקליכונג פון דעם ציוניסטישן אידעאַל שטעלט דעם אידישן צבור און דעם אידישן יחיד אויפגאַבן, וועלכע פאָדערן די גרעסטע אָנשטריינגונגען. ארץ ישראל וועט ניט געגעבן ווערן בחסד פון מלוכות, זי וועט אויך ניט געקויפט ווערן מיט געלט. ארץ־ישראל קאָן ווערן אונזער נאָר דורך די גרעסטע קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע קרבנות אין מענטשן, מיטלען און אַרבעט. די דורות, אויף וועמענס פּלייצעס ס'איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די גרעסטע, אחריות'דיקע אָבער אויך באַגליקענדיקסטע שליחות פון דער אידישער געשיכטע זייט דעם חורבן, אויפצובויען דעם ארץ־ישראל'דיקן פאָטער־לאַנד פאַרן פרייען און באַפרייטן אידישן פאָלק, מוזן פאַרגעסן זייערע אייגענע ענינים און פּריוואַטע אינטערעסן און אַליין שטעלן אין דינסט פון דער אויפלעבונג און איר גרויסן דערלייזונגס־אידעאַל. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דער ציוניזם שטרעבט ניט נור אויפצובויען אַ פרייע לאַנד און פרייע פאָטערלאַנד פאַרן אידישן גלותדיקן פאָלק, נאָר גלייכצייטיק אויפצובויען און איבערצובויען דעם אידישן פאָלק אַליין, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געליטן אַלס פאָלק אין די לאַנגע טרויערדיקע דורות. דער גאַנצער פאָלקס־בנין דאַרף אין ארץ־ישראל אוועקגעשטעלט ווערן אויף נייע,נאָרמאַלע און פאָלקס־נאַטירליכע יסודות, אַזוי אַז ס'זאָלן געזונט ווערן ניט נאָר די אידישע עקאָנאָמיק, נאָר אויך די גאַנצע אידישע אינערע וועלט, איר מענטאַליטעט, פּסיכיק וכדומה אַלץ וואָס פאָרמירט און בילדעט אַ געזונט פאָלק אין איר נאָרמאַלער, פרייער ערד־געבונדענער עקסיסטענץ. אָט די פאָדערונג, וועלכע זעצן פאָראויס אין אידישן יחיד די גרעסטע מענטשליכע קרבנות־באַרייטשאַפט, מוזן אויך שאַפן די נויטיקע אינערע און אויסערע תנאים פאַר אים, אַזוי אַז ער זאָל באמת קאָנען פאַרווירקליכן דאָס וואָס פאָלק און גורל לייגן אויף אים אַרויף אין די הכרעה'דיקסטע דורות פון דער אידישער געשיכטע. אינערליך מוז דער היינטצייטיקער אויפבויענדיקער ציוניסטישער יחיד דערפירט ווערן דורך קאָלעקטי־

וויסטיש - ערציערישע מיטלען און וועגן צו אזא מדרגה, אז זיין גאנצע פנימיותדיקע וועלט זאל אפלויפן אין אלגעמיין־נאציאנאלע און כלל־אידישע קאטעגאריעס. דאס אליין וואלט נאך אבער געווען ווייניק. ס׳מוז אויך אויסערליך געשאפן ווערן דאצו די נויטיקע באדינגונגען. ס׳מוזן עלימינירט ווערן פון זיין לעבן יחידישע דאגות און אזוי ארום אים באפרייען פון דער עלעמענטארסטער עגאאיס־טישער געבונדנקייט. אט די ביידע מינים פון באדינגונגען קענען, לויט דער מיינונג פון גרויסע טיילן פון דעם הנוער הציוני, געשאפן ווערן איינציק און אליין אין דעם נאציאנאל און כלל־אידיש דערצי־ערישן מוסד — דעם קבוץ, וועלכער איז לויט דעם בילדליכן אויס־דרוק פון איין הנוער־ציוניסטישן פארשטייער „די צעלע פאר די פארווירקליכונג פון דעם ציוניזם“ אדער די „קעמפערישע איינהייט פון דעם ציוניזם“ לויט דעם אויסדרוק פון אנדער פארשטייער.

אין קעגנזאץ צו די פריערדיקע ארגאניזאציאנעלע טעמים, וואו דער שווערפונקט פון קבוץ ליגט איינגענטליך מחוץ פון אים, ווערט ער איצט געהויבן צו א מדרגה פון א ציל פאר זיך. ווי וויכטיק ס׳זאלן אבער ניט זיין די לעצטע נאצ. אויפבויערישע ארגומענטן, אזוי מיינט דאך דער צד שכנגד, אז דוקא זיי זיינען מהייב ניט קיין האמאגענע, נאר דוקא א העטעראגענע אנשטריינ־גונג פון די נאציאנאלע כחות אין ארץ־ישראל. פונקט ווי ס׳איז פאר געוויסע געביטן פון דעם בנין אומבאדינגט נויטיק דער קבוץ, אזוי זיינען דא אנדערע געביטן פון דעם נייעם לעבן אין ארץ־ישראל, וועמענס אינטערעסן קענען באפרידיקט ווערן נאר דורך בודדים.

עד כאן איז אלזא אין תוך נאך אלץ ניטא קיין ענדגילטיקער און הכרעה׳דיקער ארגומענט ניט פאר און ניט קעגן קבוץ. די הכרעה אין דער פראגע, ווען אפשר ניט אין דער פראקטיק, (וועלכע איז פארבונדן ניט נאר מיט מיינונגען, נאר אויך מיט אביעקטיווע מעגליכקייטן) אזוי דאך לכל הפחות אין דער טעאריע, קומט ערשט מצד דעם דריטן און לעצטן טעם, דעם אלגעמיין - ציוניסטישן פאר־טייאישן, וועלכער באהויפטעט, אז די פארווירקליכונג פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם אין ארץ־ישראל איז אייננ פארבונדן מיט דעם קבוץ.

„צי קען דער בודד — שרייבט צימאנד אין „הנוער הציוני“ ג׳ זייטל 13 — וואס אופטאן פאר דעם אלגעמיינעם ציוניזם פנים אל פנים מיט אונזערע קעגנער?... פאר אונז איז דאך אויך געווען

א עליה פון אלגעמיין - ציוניסטישע חלוצים, וואו זיינען אַט די מענטשן?"

דער קבוץ איז אַלזאָ דער תנאי פאַר א ריינעם כלל - ישראל־דיקן ציוניזם, ווי ס'ברייננט אים און ס'פאַרשטייט אים די אַלגעמיין־ציוניסטישע יוגנט, אָדער לכה"פ גרויסע טיילן פון איר. דאקעגן איז א אָרגאַניזירונג פון די בורדים בשום אופן ניט ביכולת צו פירן צו דעם געווינשטן ציל.

פאַרוואָס? — דערפאַר, און דאָס איז אונז אין דעם צוזאַמענהאנג דער עיקר, ווייל די ווירקליכקייט אין ארץ־ישראל איז אַזוי אומגינסטיק פאַר דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אז מ'מוז דאָרטן שאַפן ספּעציעלע קערפּערשאַפטן, וועלכע זאָלן דערמעגליכן די הגשמה פון אונזערע אידעאַלן.

„מיר שאַפן דעם קבוץ — הייסטעס דאָרט ווייטער אין דעם מאמר פון צימאַנד — ניט ווייל מיר רעכענען זיך מיט די פּער־זענליכע אינטערעסן פון דעם אָדער יענעם, נאָר ווייל מיר רעכענען זיך מיט די מלחמה־באַדינגונגען אין ארץ ישראל פאַר די פאַרווירקליכונג פון אונזער אידעאַל, וועלכע ענדיקן זיך ניט מיט דער עליה. אומגעקערט, אין ארץ־ישראל הויבט זיך ערשט אָן די שווערסטע שטופע פון דער פאַרווירקליכונג פון אונזער אידעאָלאָגיע"...

אַזעלכע קלאָרע דבורים רעדט אויך ירחמיאל אייכעל אין דעם הנוער הציוני העפט ד'—ה' זייטל 14. „וועגן דעם קבוץ האָבן מיר געהערט פון אנדערע באַוועגונגען און ווייל מיר זיינען געווען צוליב ציוניסטישע טעמים קעגן זיי, זיינען מיר געווען אויך קעגן קבוץ, זעענדיק אין אים א פּראָדוקט פון סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. די מקורות פון דעם קבוץ און דער קבוצה איז אָבער אין דער אמת'ן צו זוכן אין דעם ציוניזם, אין לאַנד און יוגנט. די קבוצה איז אַ קינד פון דער היימאַטליכער מציאות אין ארץ־ישראל און פון אירע באַזונדערע תנאים".

די חלוקי־דעות פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט זיינען זייער וויכטיק און וועלן אונז אין ווייטערן צוזאַמענהאַנג, ביי דער פראַגע פון דער אינערער פּאַרטייאישער דיפערענציאַציע, באַזונדערש אינטערעסירן. דאָ איז אונז אָבער וויכטיק נאָר די סבה, פאַרוואָס גרוי־סע טיילן פון אונז. יוגנט זעען זיך געצוואונגען צו גיין אין קבוצים און דער ציל, צוליב וועלכן זיי גייען אין די קבוצים. די ביידע מאָמענטן זיינען אונז וויכטיק, ווייל זיי באַשטעטיקן די הנחה, וועלכע מיר האָבן אויבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געמאַכט בנוגע צו דער

קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן ארץ־ישראל און כלל־ישראל. אונזער יוגנט גייט אין די קבוצים, כדי אויף אַזאַ אופן צו שאַפן די תנאים, וועלכע זיינען נויטיק פאַר די פאַרווירקליכונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין ארץ־ישראל און דאָס דערפאַר, ווייל די היינטיקע ארץ־ישראל׳דיקע מציאות איז דערווייל אומגינס־טיק פאַר אונזער פּאַרטייאישער וועלט אַנשויאונג און אירע פּראַגראַמאַטישע הויפּט־פּרינציפּן.

מיר זעען אלזאָ, סיי די אַנאַליזירונגן פון דעם מהות, די לעבנס־און פאַרווירקליכונגס־באַדינגונגען פון דיביידע מינים כלל־ אידייען, סיי דאָס גענויע בעטראַכטן פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן ארץ־ישראל׳דיקן לעבן, ד. ה. סיי די טעאָריע, סיי די פּראַקטיק, באַשטע־טיקן די אויבן געמאַכטע הנחה, אז ארץ־ישראל, שטייענדיק היינט אין מיטן צווישן גלות און צווישן אַ אַבסאָליוט פריי לאַנד, איז אומגינסטיק פאַר ביידע מינים פון דער כלל־אידייע. דער ערשטע שפּראָץ פון אַ פריי לעבן האָט זי באַפרייט פון גלות׳דיקייט, גלות׳־דיקער געזעצליכקייט און ממילא פון דער גלות׳דיקער כלל־אידייע, וועלכע ברויכט דעם גלות־צוואַנג, אַ זאַך וועלכע פעלט דאָ לחלוטין. פון דער אַנדערן זייט איז דאָס פרייע לעבן נאָך ניט אַזוי ווייט גע־קומען, אַז עס זאָל דערמעגליכן די פאַרווירקליכונג פון דער אָרגאַ־נישער כלל־אידייע, וועלכע שטיצט זיך אויף מדינה־מאַכט, אַ מאָמענט, וועלכער פעלט אונז אין דער היינטיקער ארץ־ישראל.

אָבער, — אויב אַפילו די ארץ־ישראל׳דיקע מציאות פון דעם היינטיקן טאָג איז אומגינסטיק פאַר ביידע מינים פון דער כלל־אידייע, אַזוי איז דאָך דאָ אַ גרויסער אונטערשייד אין איר באַציאונג צו זיי ביידן. דער אונטערשייד קומט פון דער טענדענץ פון דעם ארץ־ישראל׳דיקן לעבן און ווירקליכקייט. אמת איז, אַז די קעגנוואַרטיקע ארץ־ישראל איז ניט גינסטיק סיי פאַר די אָרגאַנישע און סיי פאַר די אומאָרגאַנישע כלל־אידייע, אָבער די קעגנוואַרטיקע ארץ ישראל איז ניט די ארץ ישראל, וועלכע זאָל און וועט זיין אין משך פון דער צייט. די נאַציאָנאַלע אָנשטריינגונגען און די גאַנצע נאַציאָנאַלע אויפבוי־אַרבייט האָבן דאָך אַ באַשטימטן און קלאָרן ציל — ווידער אַמאָל צו מאַכן ארץ־ישראל פאַר אַ אידיש פאָטערלאַנד ווי זי איז דאָס געווען פאַר אונזערע עלטערן און אור־עלטערן אין די פאַרגאַנגענע צייטן. אמת, מיר גייען לאַנגזאַם צו אָט דעם ציל, און זיכער פיל צו לאַנגאַם פאַר די היסטאָרישע נויטן פון אונזער פאָלק, אָבער מיר גייען דאָך. אָט דאָס גיין פון

דער ארץ־ישראל׳דיקער ווירקליכקייט צו איר נאַציאָנאַלן ציל דערהייטערט זי אַלײן מער און מער פון דער אומאָרגאַנישער כלל־אידייע און דערנענטערט זי אַליין מער און מער צו דער אָרגאַנישער כלל־אידייע. דער גורל אַלזאָ פון דער ערשטער האַלט אין פאַרגיין, דער גורל דאַקעגן פון דער אַנדערער — אין אויפגיין.

דאָ קריגט די איבענגעשטעלטע שאלה, וועלכע פון די צוויי כלל־אידייען ווערט איינגענטליך געמאַכט צו דער אידעאַלאָגישער חוט השדרה פון דער באַנייטער אַלגעמיין ציוניסטישער פאַרטיי, אירע תשובה. די גלות׳דיקע כלל־אידייע קומט פאַר ארץ ישראל איבערהויפּט ניט אין בעטראַכט, ווייל דאָ פעלן אַלע פאַראויס־זעצונגען פאַר איר. ניט נאָר פעלט דאָ דער גלות־צוואַנג, נאָר איר גאַנצער אינערער מהות פאַרלירט דאָ זיינען יסוד. איז איר מהות דאָך, ווי מיר האָבן פריער געזען, אַריין נאַציאָנאַל־עטנישער, ד. ה. אַ מיטל פאַר די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ. אַט דער מהות ווערט אָבער אין ארץ־ישראל נעגירט, ווייל דאָ ווערן ווידער אַמאָל איינגעפירט די יעניקע נאַציאָנאַל־עטנישע מיטעל, וועלכע געפינען זיך אין ביי אַלע נאָרמאַלע פעלקער ווי לאַנד, שפּראַך וכדומה. טרעטן אַלזאָ אין ארץ ישראל אויף די נאַטירליכע נאַציאָנאַל־עטנישע מיטלען פון אַלע נאָרמאַלע פעלקער, אזוי ווערט דאָמיט צוגענומען פון דער אומאָרגאַנישער כלל־אידייע איר גאַנצער יסוד. עס בלייבט אַלזאָ נאָר די אָרגאַנישע כלל־אידייע. זיינען די דערווייליקע באַדינגונגען אין ארץ־ישראל אויך פאַר איר ניט גינסטיק, אזוי האָט דאָך דאָס ארץ־ישראל׳דיקע לעבן די טענדענץ אַט די אומגינסטיקע באַדינגונגען לאַנגזאַם צו באַזייטיקן און צו צוגרייטן פאַר איר דעם וועג צו לעבן און עקסיסטענץ. די אָרגאַנישע כלל־אידייע איז דערפאַר טאַקע די יעניקע כלל־אידייע, וועלכע איז און מוז זיין דער חוט השדרה פון דעם באַנייטן אַלגעמיינעם ציוניזם.

דאָ שטויסן מיר זיך אָבער אָן אויף אַ גרויסע שוועריקייט פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פּראַקטיק. די אָרגאַנישע כלל־אידייע, פאַר וועלכע די איצטיקע ארץ ישראל׳דיקע ווירקליכקייט איז ניט קוקענדיק אויף אירע טענדענצן דערוויל נאָך אומגינסטיק, איז נאָר אַ אידעאַל לעתיד לבוא, אַלזאָ אַ ציל פאַר ווייטערע אָדער אפילו ווייטע דורות, טאָ פרעגט זיך וואָס פאַרא וועגן און אויסוועגן שאַפט די אַלגעמיין־ציוניסטישע פּאַרטיי פאַר די פּראַקטישע און פאַקטישע אַרבייטן פון דעם רעאַלן טאָג־

טעגליכן לעבן, אָן וועלכע זי קען זיך גאָר ניט האַלטן און עקסיסטירן?

די תשובה אויף דעם פירט אונז צו דעם פּראָבלעם פון דער אינערער פּאַרטייאישער דיפערענציאַציע פון דעם באַנייטן אַלגעמיינעם ציוניזם, אַלזאָ צו דעם פּראָבלעם פון אונזערע פאַרשיידענע ריכטונגען.

. . . .

## ח. די ריכטונגען א' און ב'.

דער אַלגעמיינער ציוניזם, כאָטש ער איז דער עלטעסטע טייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ערשיינט אין קעגנזאַץ צו אַלע אַנדערע פון אים אָסך אינגערע ציוניסטישע פּאַרטייען און פראַקציעס, ערשט אין דער לעצטער צייט אַלס אַ באַזונדערע פּאַרטייאישע איינהייט. ביז צו די לעצטע פאַר יאָר האָט דער אַלגעמיינער ציוניזם געאַרבעט אין בריטעסטן ציוניסטיש־ליבעראַליסטישן זין: — באַפרייען אידן פון גלות און ברייגען זיי קיין ארץ־ישראל. וועלכע אידן ווערן אַהין געבראַכט און וואָס פאַר אַ ארץ־ ישראל ווערט געבויט —איבער אַ זעלכע פראַגן האָט מען זיך אין די רייען פון דעם עלטערן אַלגעמיינעם ציוניזם זייער ווייניק געבראָכן דעם קאָפּ. דער עיקר — ס׳גייען אידן קיין ארץ־ישראל און ארץ־ישראל ווערט געבויט, אַלעם אַנדערע איז ניט וויכטיק. דער אַלגעמיינער ציוניזם ווי דער ציוניזם בכלל איז געווען אַ ענין פאַר דעם גלות און כל זמן מ׳איז געווען אין גלות. פאַר די טויערן פון ארץ־ישראל האָט דער ציוניזם בכלל אויפגעהערט. וואָס דער אידישער עולה וועט זיין און טאָן אין ארץ־ישראל דאָס איז אַ ענין וואָס גייט בכלל ניט אָן די פּאַרטיי און ליגט מחוץ פון אירע תחומים. ביי אזא, וואָלט איך געזאָגט ציוניסטיש—אוניווערסאַליסטישער איינשטעלונג האָט דער אַלגעמיינער ציוניזם אַמאָל געקענט פון איין זייט זייער גרויסהאַרציק אַרבייטן פאַר אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און פון דער צווייטער זייט פּאַראייניקן אין זיינע רייען, אָן קיין שום ויתרו־צו, פאַרשיידן איינגעשטעלטע און פאַרשיידן געשטימטע ציוניסטן. איצט אָבער, ווען דער אַלגעמיינער ציוניזם הויבט אָן, צוליב פאַרשיידענע סבות, צו פאַרלאָזן זיינע ברייטע אַמאָליקע תחומים און שטרעבט צו ווערן אַ פּאַרטיי מיט פּאַרטייען גלייך, ווען מען ס׳איז גאָר ניט מער גלייכגילטיק, וועלכע אידן זיינען עולה און

ווי ארץ־ישראל ווערט געבויט, שווימען ארויס אויף דעם אויבער־פלאך אלע יענע אינערע נגודים און שפאנונגען, וועלכע האבן סוף כל סוף דערפירט צו דער שפאלטונג.

אט די עובדה פון אלטע, איצט פלוצלונג איפגעדעקטע און אקטועל געווארענע אינערע נגודים פון די פארשיידענע אלגעמיין־ציוניסטישע עלעמענטן איז דעם נייעם און באנייטן אלגעמיינעם ציוניזם פון אנפאנג אן געווען א גרויסער שטער אין זיין זעלבסט־געפיל אלס געאייניקטע פארטיי און א אבן־נגף אויף אלע וועגן פון זיין פארטייאישער ארבייט. א פארטיי קען נאר דאן שטארק זיין, ווען זי באזיצט א איינהייטליכן געשלאסענעם קאלעקטיוון רצון און שטרעבט צו גאנץ באשטימטע, קלארע און איינהייטליכע צילן. דאס איז אבער ליידער אין דעם אלגעמיינעם ציוניזם קיינמאל ניט געווען און איז אויך איצט ניטא, גראדע אין אזא ערנסטן מאמענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פון דעם ציוניסטישן לעבן, ווען א געאייניקטער און שטארקער אלגעמיינער ציוניזם איז א לעבנס־פראגע פאר דער גאנצער נאציאנאלער אויפבוי ארבעט. פילן דאך די אלגעמיינע ציוניסטן, און גאנץ געוויס מיט רעכט, אז אין דער איצטיקער שווערער אינער־ציוניסטישער לאגע, זיינען זיי בארופן צו ווערן דער חוט־השדרה פון דער גאנצער ארגאניזאציע, אויפהאלטן איר גאנצקייט און איר קראפט און אזוי ארום דער־מעגליכן א אויפבוי ארבעט, וועלכע זאל שטיין אין פראפארץ צו דעם, וואס פאדערן צייט און באדינגונגען פון אידישן היסטארישן לעבן אין די איצטיקע טראגישע דורות.

געטראגן פון אט דעם באוואוסטזיין, האט דער „וועלט־פארבאנד" ווי אויך די ארטיקע ארגאניזאציעס אין די פארשיי־דענסטע לענדער זיך שטענדיק באמיט מיט פארשיידענע מיטלען, אמת'ע ווי איליוזארישע, זיך אריבערצוהעלפן איבער די שפאנונגען און נגודים. מ'האט געפרואווט זיי צו איגנארירן, זיך און אנדערע איינצורעדן, אז זיי זיינען איבערהויפט ניטא און זאגאר אין דעם זין אנגענומען פייערליכע באשלוסן. דאס אלץ איז, ווי געזאגט, גע־קומען פון אקלארן און פעסטן ווילן צו א איינהייטליכער ארגאניזאציע וועלכע וואלט ביי דעם היינטיקן טאג גאנץ געוויס געווען א גרויסער און ענטשיידענדיקער פאקטאר אין דער ציוניסטישער באוועגונג בכלל. די פאקטישע לאגע איז אבער דורך אט די פייערליכע באשלוסן ניט בעסער געווארן אפילו אויף א האר. אנשטאט אויסצוטראגן אפן און פריי אין די אייגענע רייען דעם קאמף,

זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיין מהות און אוסגייענדיק פון אַט דער קלאָרקייט זוכן אמתע וועגן צו אייניקייט און געשלאָסנ־קייט, האָט מען זיך באַמיט אַלץ צו פאַרטושן, צו פאַרטרייבן אין די טיף אומאַזוי ארום אוטערערדיש, אזוי צו זאָגן, פאַ־נאַנדערבלאָזן צו אַפייער. די נגודים האָבן דערפאַר טאַקע אויפגע־פלאַקערט אין די טיפן ביז זיי זיינען אויסגעבראָכן אין זייער גאַנצער גרויס און סוף כל סוף געשפאָלטן די אייניקייט פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער וועלט ־ אָרגאַניזאַציע.

וואָס האָט די אַלגעמיינע ציוניסטן פון שטענדיק אָן געטריבן אין פאַרשיידענע ריכטונגען און זיי געצוואונגען זיך צו טיילן אין גרופּירונגען און לסוף אפילו אין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס?

די תשובה באשטייט פון עטליכע אין תוך איינע מיט די אַנדערע פאַרבונדענע מאָמענטן, וועלכע זיינען צום טייל פון גלייכן, צום טייל פון פאַרשידענעם כאַראַקטער. אונטערזוכן מיר זיי.

דער ערשטער מאָמענט, וועלכער ווערט געפירט אין שלאַכט אַלס דער ־ יעניקער, וועלכער טיילט די הערצער און די מיינונגען איז אַ סאָציאַלער און דרייט זיך אזוי צו זאָגן ארום די פּראָבלעמען פון געזעלשאַפטליכן פּראָגרעס און רעגרעס. אין דער צייט, ווען דער איין צד זאָל זיין סאָציאַל פאַרשריטליך, זאָל וועלן בויען ארץ ־ ישראל אין גייסט פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט און אויף פּראָגרעסיווע באציאונגען צווישן ארבייטער און אונטערנעמער, זאָל דער צווייטער צד מבליט זיין אַנדערע נטיות, וועלכע שטייען אין אויסגעשפּראָכענעם קעגנזאַץ צו אַלע אַט די סאָציאַל ־ פּראָ־גרעסיווע אידעאַלן.

אַז אָט די טענה, לכל ־ הפחות אין דיזער אַלגעמיינער פאָרם, קען ניט זיין דער סלע ־ המחלוקת צווישן די ביידע אַלגעמיין ־ ציוניסטישע ריכטונגן איז צו זען פון דער פּראָגראַם באַזיס פון וועלט ־ פאַרבאַנד, וואו אונטער פאַראַגראַף 3, אַלזאָ סאָציאַל ־ווירטשאַפט, ווערט געזאָגט: „ניט באַאיינפלוסט דורך סאָציאַליסטישע אָדער קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן טעאָריעס זאָל דער אויפבוי פון ארץ ישראל געפירט ווערן אין גייסט פון סאָציאַלן פאָרשריט און פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין פּונקט 4, אַלזאַ ארבייט און קאַפּיטאַל, הייסט נאָך: „די פאַרזיכערונג פון אַמענשליכן און ווירדיקן קיום פון דעם אַרבייטער מוז זיין אַ פאָדערונג פאַר דעם ארבעט־געבער, גלייך ווי פאַר דעם ארבעטער — די פּראָדוקציע באַדינגונגען פון לאַנד“. סאָציאַלער פאָרשריט, סאָציאַלע גערעכטיקייט און אַ מענשלי־

בער ווירדיקער קיום פון דעם אַרבייטער זיינען אַלזאָ מאַקסימען, וועלכע זיינען גלייך היילק פאַר אַלע אַלגעמיינע ציוניסטן אָן אונ־טערשייד פון שאַטירונג און איינשטעלונג. זיי קענען אַלזאָ ניט זיין די סבה פון שפּאַלטונג אין אונזער לאַגער.

קומען טאַקע אַנדערע און זאָגן: די פּראָגרעסיווע סאָציאַלע מאַקסימען זיינען, אמת פאַר אַלעמען גלייך, אָבער ניט אין זיי ליגט גאָר דער שווערפּונקט פון די ניגודים, נאָר אין דער פאַרשיידענער סאָציאַלער אָריענטאַציע, וועלכע איז איין מאָל לינקס און איין מאָל רעכטס. אָט די אָריענטאַציע איז דאָס, וועלכע טיילט דעם אַלגעמיי־נעם ציוניזם און באַפאַרבט ממילא אויך די פּראָגרעסיוויטעט פון די סאָציאַלע מאַקסימען, ווייל ס׳איז דאָך סוף־סוף אַנדערש די פּראַקטישע גירסא פון דעם סאָציאַל לינקס און סאָציאַל רעכטס אָריענטירטן מענטשן. אָט אַזוי שרייבט מ. קליינמאַן אין דער „אידי־שער שטימע“ נומער 4422 אין זיין מאמר „אַלגעמיינער ציוניזם — אור־ציוניזם: „דער היינטיקער אַלגעמיינער ציוניזם איז ניט נאָר אידעאָלאָגיש פאַרפלאָנטערט, נאָר אין א גרויסן טייל דורכגעוועבט מיט דירעקטער פאַראינטערעסירונג אַף איין צד פון די קעמ־פענדיקע כחות אין דעם ישוב. (מיינע צושפּרייטונג ־ ש.). צום טייל ווירקט זיך אויס אויף זיי דער רעפלעקס פון נאָענטע שיכטן אין ישוב, צום טייל שפּילן דאָ מענטאַלע און געזעלשאַפטליכע אויס־ווירקונג פון סאָציאַלע באַציאונגען אין גלות גופא“.

טראַכט מען זיך אין דעם אריין, אַזוי מוז מען זאָגן, אַז אויך די פאַרשיידענע סאָציאַלע אָריענטאַציעס, קענען אין תוך בשום אופן ניט זיין קיין יסוד פאַר אינערע רייבונגען און שפּאַלטונגען. מ׳ קען אפילו זאָגן, אַז אין געוויסן זין זיינען זיי גאָר דער יסוד פאַר אמת׳ר און גערעכטער פאַרווירקליכונג פון דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אַלזאָ פון דער כלל ־ ישראל אידייע. כלל־ישראל איז דאָך ניט קיין אַבסטרוקציע, נאָר דאָס רעאַלע פאָלק ישראל און דאָס רעאַלע פאָלק ישראל איז דאָך פאָרט ניט קיין איי־הייטליכע מאַסע און האָט פאָרט פאַרשיידענע שיכטן און ממילא פאַרשיידענע אינטערעסן. ווייל מען באמת איינהאַלטן א גלייכע, גערעכטע און אויפריכטיק יושר׳דיקע כלל־ישראל ליניע, אַזוי איז דאָך איינגענטליך איצט, וואו די מדינה־מאַכט וועלכע איז, ווי מיר האָבן געזען, נויטיק פאַר די פאַרווירקליכונג פון דער נאָרמאַלער כלל־אי־דייע, איז ניטאָ, זאָגאַר נויטיק, אַז אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פאַרטיי זאָלן טאַקע זיין פאַרשיידענע סאָציאַלע איינשטעלונגען, דען

האט מען נאר א האמאגענע מאסע, אזוי איז מען סוף־כל־סוף אויסגעליפערט דער געפאר, מיט דער צייט צו ווערן סאציאל איינזייטיק. זיינען דאקעגן דא גרופירונגען, וועלכע ציען נאך רעכטס און נאך לינקס, אזוי וועט ממילא געפונען ווערן די מיטעל־ליניע, וועלכע וועט באמת זיין כלל־ישראלדיק.

אבער אויך אחוץ דעם איז דאך מערקווירדיק, אז מאמענטן, וועלכע זיינען בשום אופן ניט קיין עיקרים פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם זאלן אזוי שטארק טיילן די הערצער און גייסטער, אז מ׳ האט געמוזט אפילו שפאלטן די ארגאניזאציע. נאך מער. די כלל— ישראל אידייע מיט איר יסודותדיקער איינשטעלונג פארן גאנצן פאלק אן קיין אונטערשייד פון קיין קלאס האט דאך אייגענטליך נעדארפט מלכתחלה אויסשליסן יעדע סאציאלע אריענטאציע, וועלכע פאלט ניט צוזאמען מיט איר, אפשיטא שוין, אז זי האט ניט געדארפט דערלאזן, צו טיפע חלוקי־דעות און שפאלטונגען אין אונזערע רייען. מיינען טאקע דערפאר ווידער אנדערע, אז אויך ניט די סאציאלע אריענטאציעס, וועלכע זיינען ניט קיין עיקרים אין אלגעמיינעם ציוניזם, האבן געדינט אלס יסוד פאר די חלוקי - דעות, נאר די פארשיידענע איינשטעלונגען לגבי די עצם הויפט טעזע פון דער פארטיי, אלזא לגבי דער כלל - ישראל אידייע. אין דער צייט, ווען איין טייל זאל זיין שטרייננג כלל - ישראלדיק, זאל דער צווייטער טייל זיך אויף אזויפיל מורה היתר זיין, אז מ׳קען שוין צווייפלען, צו איז ער נאך איבערהויפט כלל - ישראל׳ דיק. אט די טענה איז און ווערט נאך איצט אויפגעהויבן אין ברייטע קרייזן פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם סיי אין ארץ ישראל און סיי אין גלות. דער באשולדיקטער צד דאקעגן באשטרייט גאנץ ענטשיידן די באהויפטונגען, אז ער איז אין וועלכער ניט איז מאס קעגן די כלל - ישראל טעזע און פאר איין קלאס אין אידישן פאלק. אט אזוי האט שוין, אין די „ערשטע צייטן“ פון אלגעמיינעם ציוניזם געשריבן די „ציוניסטישע וואך“ פון לעמבערג אין איינע פון אירע ערשטע נומערן וועלכע איך ציטיר לויט דער „הציוני הכללי“ (נומער 15 זייטל 3): „פון די ידיעות, וועלכע קומען אן פון ארץ ישראל איז צו זען, אז עס פעלט דארט נאך די בשותפותדיקע ארבייט צווישן דער יוגנט און דער אפיציעלער ציוניסטישער ארגאניזאציע. נאטירליך הייגגט אפ אסך פון די עלטערע חברים און קענן זיי האט אפשר אונזער יוגענט וואס צו טענהן, אבער ניט קעגן דעם אלגעמיינעם ציוניזם. אומגעקערט, ס׳איז די אויפגאבע פון דער יוגענט צו פארשטארקן איר

השפעה און פארהעלפן אונזער אידיאלאניע צו ענטגילטיקער שליטה.
אבער מיר דארפן ניט באטראכטן דעם עלטערן דור אלס פאר־שטייער פון מיטלשטאנד, מיט וועמען די יוגענט האט אייגענע חשבונות. דער אלגעמיינער ציוניזם איז ניט קיין ציוניזם פון מיטעלשטאנד און וועט עס קיינמאל ניט זיין". צו דעם איז מוסיף די רעדאקציע פון „הציוני הכללי": „מיר זיינען אבסאליוט מסכים מיט דער שטעלונג פון אונזערע חברים פון דער לעמבערגער וואכנ־שריפט און ווילן, אז מ"זאל וויסן, אז די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציע אין ארץ ישראל איז אינגאנצן ווי איין מענש דערזעלבער מיינונג, אז אלגעמיינער ציוניזם און קלאסן אינ־טערעסן שליסן זיך קעגנזייטיק אוים און מיר באדויערן זייער, וואס אטייל פון אונזערע יוגנט גלויבט די אויסטראכטענישן, וועלכע אונזערע קעגנער פארשפרייטן בכוונה וועגן דעם קלאסן־כאראקטער פון אונזער ארגאניזאציע אין לאנד." *)

כ'מיין אז אזעלכע אפענע קלארע און רעזאלוטע ווערטער פארדינען, אז מ'זאל זיך לכל הפחות אביסל פארטראכטן און טיפער ארייננדרינגען אין דער זאכלאגע, וועלכע איז נעשאפן געווארן בנוגע דער כלל - ישראל אידייע. ס'איז ניט צו לייקענען, אז גרויסע טיילן פון אונזערע חברים אין ארץ־ישראל און גלות האבן א נטיה צו דעם מיטלשטאנד. דאס איז אבער זייער גוטעס רעכט, פונקט ווי ס'איז דאס גוטע רעכט פון גרויסע טיילן פון דער יוגענט זיך סאציאל אנדערש צו אריענטירן. וויכטיק איז נאר אז די אריענטאציע נאך רעכטס אדער לינקס זאל ניט ארויסגיין פון דעם געהעריקן ראמען פון סימפאטיען און זאל ניט אומווארפן דעם עצם יסוד, אויף וועלכן ס'בויט זיך אויף דער אלגעמיינער ציוניזם — דעם פרינציפ פון אבסאליוטער פאקטישער גלייכקייט ביי דעם אויפבוי פון א"י פארן אידישן פאלק, וועלכער זאל שפעטער בשעת די צייט וועט זיין געקומען, דינען אלס באזיס פאר א־סאציאלער ארדנונג פון אגעאייניקט און אייגהייטליך פאלק אן קלאסן און אן שטאנדן. און דאס טוט, ווי מיר הערן גאנץ קלאר און ענטשיידן, קיינער ניט. אויך די שטארק רעכטע ארץ - ישראלדיקע אלגעמיינע ציוניסטישע חברים ווילן בשום אופן ניט פארלייען דער ארגאניזאציע אאיינזייטיקן כאראקטער, אזוי אז זייערע סאציאלע נטיות זיינען ניט מער ווי סאציאלע סימפאטיעס קעגן וועלכער

*) מיינע צושפרייטונג — ש.

קיינער קען קיין זאך ניט האבן. אזוי שרייבט למשל משה קאלאדנע „די אלגעמיין ציוניסטישע יוגענט און איבערהויפט זיינע ערציערישע ארגאניזאציעס האבן ניט איינמאל געקעמפט פאר די אפענדערונג פון דער פארם פון דער ארגאניזאציע און קענן דאס באזונדערס זיך מטפל זיין מיט דעם מיטעלשטאנד און זיינע אינטערעסן. מיר האבן געזאגט אז סיי אין ארץ - ישראל און סיי אין גלות מוז די אלגעמיין־ציוניסטישע ארגאניזאציע פארנעמען אפאזיציע און זיך באפעסטיקן ניט נאר אין „התאחדות בעלי תעשיה“ אדער „התאחדות האכרים“ נאר אויך אין די ארבייטער ארגאניזאציעס“. *)

מיר זען, ניט קענן די עצם פארשיידענע סאציאלע סימפאטיעס איז מען אין די רייען פון דער אלגעמיין - ציוניסטישער יוגענט, נאר קענן דעם באזונדערן טפול מיט איין שטאנד. אין דעם זין האבן אויך אנדערע יוגנטליכע געשריבן און געפאדערט מבליט צו זיין ניט דאס וואס טיילט, נאר דאס וואס אייניקט און, געשטיצט אויף אט די אייניקענדיקע מאמענטן צו ענטוויקלען אגרויסע טעטיקייט. היינט פרעגט זיך צו פון וואנען טאקע די שפאנונגן, וועלכע האבן דאך ניט אויפגעהערט צווישן דער יוגענט און דעם עלטערן הור אין ארץ־ישראל און ביי דיביידע דורות גופא צווישן זייערע פארשיידענע טיילן, ניט קוקענדיק אויף דעם גוטן ווילן און די אויפריכטיקע באמיאונגן פוןביידע צדדים צו זיין אמת כלל - ישראלדיק? די זעלבע קשיא בלייבט נאטירליך אויך אין גלות לגבי די שפאנונגן, וועלכע זיינען אויך דארט ניט ווייניקער בולט ווי אין ארץ ישראל.

דער תירוץ איז, האט מען ווייטער געמיינט, אז טעארעטיש זיינען טאקע איבערהויפט ניטא קיינע הבדלים. די גאנצע אונטער־שיידן געפינען זיך ערשט איין, בשעת מ׳טרעט צו צו דער פאקטישער ארבייט אלס באזונדערע און זעלבסטשטעדיקע ציוניסטישע פארטיי. לעצטנס האט אט דעם געדאנקן ווידער אויפגענומען ש. אוסישקין אין זיין ארטיקל „במחננו“ וועגן דער ערשטער זיצונג פון דעם אקציאנס - קאמיטעט אין ארץ ישראל. אין דעם ארטיקל באמיט ער זיך צו געבן א דערקלערונג איבער די אינערע שפאנונגען פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם, וועלכע זיינען געראדע אין דער זיצונג אזוי בולט געווארן. „די אידעאלאגישע אונטערשיידן צווישן גרופן א׳ און ב׳ — מיינט ער דארט—„זיינען ניט לייכט פעסטצושטעלן, ווייל אין אבסטראקטע פרינציפן איז גאנץ באשטימט ניטא קיינע באמערק־

*) קאלאדנע „הלכה ומעשה“ הציוני הכללי גליון ח׳.

ענסווערטע הבדלים. ביי דער ערשטער פראקטישער פראגע אבער טיילן זיי זיך פאנאנדער און קעמפן איינער קעגן דעם אנדערן" עס פרעגט זיך נאטירליך דאביי צו פון וואנען נעמען זיך טאקע אט די שפאלטונגן און די נגודים ביי דער ארבייט ווען עס זיינען ניטא קיינע אידעאלאגישע פארשיידענהייטן? ש. אוסישקין גיט אויף דעם פאל־גענדע תשובה: „דער אונטערשייד צווישן דיביידע גרופעס שיינט צו זיין גליך צו דעם אונטערשייד, וועלכער באשטייט צווישן די אינטערנאציאנאליסטן און די קאסמאפאליטן. די ערשטע פארשטייען שלום אין דעם זין, אז זייער פאלק באטייליקט זיך אין אים גלייך מיט אלע פעלקער און דערפאר זיינען זיי קודם כל פאטריאטן פון זייער פאלק און ארבייטן אין זיינע תחומים און פאר זיין וואויל. די קאסמאפאליטן דאקעגן זוכן דאס גליק פון דער מענשהייט קודם כל דורך דאס מבטל מאכן זייער אייגענעם פאלק, און זען אין דער ארבייט פאר אים אשטער פאר דער גאנצקייט פון דער מענשהייט".

איבערלייגן מיר דאס וואס ש. אוסישקין זאגט דא אויף אונזער אלגעמיין - ציוניסטישן לשון אזוי הייסט עס: די גרופעס א' און ב' זיינען ביידע פארן כלל - ישראל (די מענשהייט אין זיין משל), נאר אין דער צייט ווען ב' (די אינטערנאציאנאליסטן אין דעם משל) ווילן קודם כל די כלל ישראל טעזע פארווירקליכן דורך זייער גרופע, (דאס אייגענע פאלק אין דעם משל), טוט דאס די גרופע א' (די קאסמאפאליטן אין זיין משל) דורך מבטל מאכן זייערע זעלבסטשטענדיקייט אלס גרופע. צו די אויספירונגן פון ש. אוסישקין מוז מען אבער מאכן עטליכע מהותדיקע באמערקונגען.

א. עס איז ניט דערוויזן, אז די גרופע א' וויל פארווירקליכן די כלל - ישראל אידייע דורך מבטל מאכן דעם אייגענעם זעלבסט־שטענדיקן פארטייאישן פרצוף פנים.

ב. לאמיר אפילו זאגן, אז ס'איז אזוי, איז אויך דאן זיין ערקלערונג ניט קיין ערקלערונג, ווייל מ'קען פשוט ווייטער פרעגן: צו פונוואנען נעמט זיך טאקע אט די פארשיידענקייט וואס די איינע זיינען אינטערנאציאנאליסטן און די אנדערע קאסמאפאליטן, ווען אין דער אידעאלאגיע איז גאר ניטא קיינע אונטערשיידן?

ג. דער משל שטייט אין תוך אין יסודות'דיקן קעגנזאץ צו דער הנחה, אז סזיינען ניטא קיין אידעאלאגישע און פרינציפיעלע אונטערשיידן צווישן די ביידע ריכטונגן. צווישן אינטערנאציאנאליסטן און קאסמאפאליטן איז דאך אפילו נאך ש. אוסישקינען אליין דא אמהותדיקער אונטערשייד—די איינע ווילן ביי דער צוזאמענגיסונג

פון פעלקער לאָזן דאָס נאַציאָנאַלע אַלס יסוד, די אַנדערע דאַקעגן ווילן אַמענשהייט, וועלכע שטייט מחוץ פון נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיקייטן און באַזונדערהייטן.

מיר זען, ש. אוסישקין, וועלנדיק געבן אַ ערקלערונג פאַרוויקלט זיך אַליין אין נגודים. אויב מ׳קען יע אַזעלכע ענינים פאַרגלייכן, אַזוי וואָלט דאָס געווען אַסך ריכטיקער צו פאַרגלייכן ניט מיט אינטערנאַציאָנאַליסטן און קאָסמאָפּאָליטן, וואו די הבדלים זיינען פון אָנפאַנג אָן מער אָדער ווייניקער מהותדיקע, נאָר מיט די שפּאַלטונג אין דער סאָציאַל - דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צווישן די מאַקסימאַליסטן און די מינימאַליסטן (ס׳איז מובן ממילא אַז די פאַרגלייכונג איז און קען זיין נאָר אַריין אויסערליכע און אַאויסגעשפּראָכן פאָרמעלע). דאָ זיינען די הבדלים אין זייער אויסגאַנגס־פּונקט ניט קיין מהות׳דיקע, נאָר ריין מעטאָדישע, אָבער מיט דער צייט האָבן אָט די לכאורה ריין מעטאָדישע חלוקי־דעות דאָך דערפירט צו אויסגעשפּראָכענע מהות׳דיקע פאַרשידענהייטן. פּונקט אַזוי ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מינימאַליסטן און די מאַקסימאַליסטן האָבן איין געמיינזאַמען ציל, נאָר גייען זיי צו דעם ציל מיט פאַרשיידענע וועגן, אַזוי וואָלט מען געקענט זאָגן איז אויך דער פאַל ביי די ביידע אַלגעמיין־ציוניסטישע ריכטונגען ביי דער דערגרייכונג פון זייער נאַציאָנאַל־ציוניסטישן ציל. ביידע, סיי א׳ און סיי ב׳, האָבן דעם גלייכן אידיש־נאַציאָנאַלן ציל, כלל־ישראל, נאָר גייען זיי צו אים מעטאָדיש פאַרשיידן. אָבער פּונקט ווי דאָרט האָבן די מעטאָדישע הבדלים מיט דער צייט דערפירט צו מהות׳דיקע, אַזוי האָבן זיי עס אויך דאָ געטאָן און דערפירט צו דער שפּאַלטונג פון דער אָרגאַניזאַציעס און צו דער טיילונג פון דער פּאַרטיי אין צוויי וועזענטליך פאַרשיידענע טיילן. אָט אַזוי קען מען טאַקע זאָגן און איך מיין, אַז דערמיט וועלן מיר טאַקע זיין ניט ווייט פון אמת. לכל־הפחות גיט אונז אָט די לעצטע פאַרגלייכונג אַריאַדנע־שנור, צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם אַלגעמיינעם־ציוניסטישן אידעאָלאָגיע־לאַבירינט. אמת מ׳קען אויך איצט פרעגן: גוט, צו פון וואַנען נעמען זיך סוף כל סוף אָט די מעטאָדישע פאַרשיידענהייטן צווישן א׳ און ב׳? איז די קשיא, ווייל זי איז נוגע נאָר די מעטאָדיק און ניט דעם מהות פון דער דערשיינונג, פאַר זיך שוין גאָר ניט קיין האַרבע. אַזוי איז אויך אויף דער ניט האַרבער קשיא אין תוך דאָ אַ תירוץ, וועלכער איז פאַרבונדן מיט אונזערע פריערדיקע באַטראַכטונגען

ווענן דעם מהות און די פּאַרווירקליכונגס־מעגליכקייטן פון דער סאָ־ציאַל־פּאָליטישער הויפּט־טענה פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אַלזאָ פון דער כלל־ישראל אידייע. די אונטערזוכונגען האָבן אונז אויבן געוויזן, אַז ארץ־ישראל איז ביי דעם היינטיקן טאָג אומגינסטיק פאַר ביידע סוגים פון דער כלל־אידייע. פאַר דער נאָרמאַלער אָר־גאַנישער פעלט איר די מלוכה־מאַכט, פאַר דער ניט־נאָרמאַלער אומאָרגאַנישער — דער גלות־צוואַנג. סען מען אַלזאָ די הויפּט־טענה פון דער פּאַרטיי דירעקט ניט פּאַרווירקליכן, אַזוי מוז מען בדרך הטבע זוכן אומדירעקטע וועגן. אומדירעקטע וועגן זיינען אָבער שטענדיק דאָ אַסך און פון דאַנען טאַקע די מעטאָדישע חלוקי־דעות אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם.

איידער מיר גייען אָבער אריבער צו די פּרטים פון די אין אָנפאַנג לכאורה נאָר מעטאָדישע מיינונגס־פאַרשיידענהייטן מוזן מיר פאַרענטפערן לכל־הפּחות איין הויפּט־קשיא, וועלכע מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט און אָפּגעלייגט ביז איצט. מועט דאָך גאַנץ באַשטימט פרעגן: — קען מען ניט אַרבייטן אין דעם היינטיקן ארץ־ישראל לטובת דער כלל ישראל אידייע אין אַ גרויסן מלוכה־שאַפטליכן פאַרנעם, ווייל דאַצו איז, אַדאַנק די אַנטאַגאַניסטישע מענשליכע אינטערעסן און עגאָאיזמען, נויטיק די מדינה־מאַכט, אַזוי זאָל מען דאָך דערווייל אַרבייטן, ווי אַלע אַנדערע פּאַרטייען, אין איינגערן קרייז, און שריט ביי שריט דעראָבערן די מעגליכקייטן, וועלכע קענען אַמאָל אין שפּעטערדיקע צייטן פירן צו דעם דער־וואונשטן ציל און ניט גלייך גיין אויף אומדירעקטע און ממילא ווייטע וועגן? אָט די טענה איז אָבער אַ טעות'דיקע און דאָס דערפאַר, ווייל, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פּאַרטייען, ליגט שוין אין עצם כאַראַקטער און מהות פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער סאָ־ציאַל־פּאָליטישער הויפּט־טענה, אַז זי קען זיך ניט באַשריינקן אויף אַ איינגן קרייז און קען איבערהויפּט ניט ווייטער קומען דורך קליינע טייל מעשים. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי?

די כלל־אידייע האָט אַלס אַ זעלכע די אויפגאַבע צו צאַמען אָדער לכל־הפּחות איינצושריינקן הן דעם אינדיווידועלן עגאָאיזם פון פאַרשיידענע יחידים, הן דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם פון פאַרשיידענע גרופּירונגען, שטאַנדן און קלאַסן לטובת דעם וואוויל פון דעם כלל, אין אונזער פאַל לטובת דעם גאַנצן אידישן פאָלק. אין וועלכן פאַר־נעם דאָס זאָל ניט געשען, קען דאָס בדרך הטבע פאַרווירקליכט

ווערן נאָר דורך אַ גלייכן צוואַנג פאַר אַלעמען און דורך אַ גלייכן ממשות׳דיק־רעאַלן דרוק אויף אַלעמען. ד. ה. דורך מדינה ־ מאַכט. איז אָבער דער אַלגעמיינער, ממשות׳דיק רעאַלער דרוק ניטאָ, ד. ה. איז ניטאָ די רעאַלע מדינה־מאַכט, אַזוי בלייבט פאַר דער דירעקטער פאַרווירקליכונג פון דער כלל־אידייע נאָר דער וועג פון איבערצייגונג, ד. ה. דער וועג פון אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע פאַר פרייוויליקע ויתורים פון יעדעם צד לטובת דעם וואויל פון דעם כלל. אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע האָט אָבער קיינמאָל ניט געגעבן און וועט אויך קיינמאָל ניט געבן קיינע אמת פּאָזיטיווע תוצאות, בפרט ווען דער צד־ שכנגד האָט אַ אַנדער איבערצייגונג, וועלכע פליסט אַרויס פון גאַנץ קאָנקרעטע אינדיווידועלע ווי קאָ־לעקטיווע אינטערעסן. וואָלט מען זיך אין דעם פאַל געמוזט אָפּזאָגן פון ווירקן אויף דעם צווייטן צד און דורפירן דערווייל די כלל אידייע דאָרט וואו מ׳ איז מודה אין איר ריכטיקייט, ד. ה. ביי די אַלג״צ אַליין, וועלכע וואָלטן געגאַנגען אויף פרייוויליקע ויתורים. איז אָבער אויך דאָס ניט מעגליך. אויב, לאָמיר זאָגן, דער אַרבייטער־קלאַס קעמפט אין ארץ־ישראל אָדער אַנדערש וואו פאַר זיין הווה און עתיד ניט האָבנדיק די מדינה־מאַכט, אַזוי קען ער דאָס טאָן, ווייל ער שטעלט אַנטקעגן עגאָאיזם קעגן עגאָאיזם, דעם עגאָאיזם פון איין קלאַס קעגן דעם עגאָאיזם פון אַ צווייטן קלאַס. אַזאַ סאָרט קאַמף איז אַגלייכער און וויפל מ׳געווינט דאַביי איז אַ שריט פאָרווערטס. די אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע וועלן פריי־וויליק מוותר זיין אויף זייערע אינדיווידועלע ווי קאָלעקטיווע אינ־טערעסן לטובת דעם וואויל פון דעם כלל שטעלן אַוועק אידעאַליזם קעגן עגאָאיזם. דאָס איז ניט קיין קאַמף, וואו מ׳קען שריטווייז וואָס געווינען, נאָר אַ איינזייטיק קרבנות־ברענגען. דאָס איז אָבער סאָציאַל אַ אומעגליכע זאַך. איז דאָס אַפילו פאַר אַ יחיד ניט שטענדיק מעגליך, אַזוי איז דאָס פאַר אַ צבור שוין אינגאַנצן אויס־געשלאָסן, ווייל ער פאַרלירט דאַך דאַדורך פשוט די עלעמענטאַרסטע מעגליכקייט צו זיין און צו לעבן. אין איין סאָציאַלער קערפּער־שאַפט קענען ניט עקסיסטירן צוויי סאָציאַלע אָרדנונגען ובפרט נאָך, ווען די איינע ווערט געשפייזט פון אידעאַלע, די אַנדערע אָבער פון עגאָאיסטישע פּרינציפּן. אָבער לאָמיר שוין אַפילו זאָגן, אַז ס׳איז יע מעגליך, אַז אַ געוויסער טייל אין פאָלק וועט אַ דאַנק זיין גרויסער אידעאַליסטישער בארייטשאַפט באמת אויף זיך נעמען קרבנות, וועלן אָבער אָט די קרבנות בשום אופן ניט דערפירן צו

אַ פאַרווירקליכונג פון די דערווינשטע אידעאַלן. אַ זעלכע הערא־אישע ויתורים קענען גאַנץ געוויס האָבן אַ עטישע השפּעה און אַ ערציערישע באַדייטונג, זיי וועלן אָבער קיינמאָל ניט מקרב זיין די גאולה פון דער געגעבענער אידייע. דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל אַלע אָט די אַלטרואיסטישע ויתורים וועלן ווערן אַבסאָרבירט פון דעם צווייטן עגאָאיסטישן צד און פאַראַרבייט פאַר אייגענע רעאַלע צילן ד. ה. יעדער ויתור וועט אין תוך זיין נאָר אַ פלאַץ־מאַכונג פאַר די עגאָאיסטישע עקספּאַנסיע פון דעם צווייטן צד. קאָנקרעט גערעדט — יעדער ויתור וואָס דער אַלגעמיינער ציוניסט אין ארץ־ישראל וועט מאַכן לטובת דעם ואויל פון גאַנצן אידישן פאָלק, וועט אויפ־געשלונגן ווערן פון דעם קאָלעקטיוון עגאאיזם פון די אַנדערע פאָלקס־שיכטן און וועט בשום אופן ניט פירן צו דער פאַרווירקליכונג פון דער כלל־אידייע. דאָרט וואו עס הערשן אַלזאָ און ווירקן עלעמענ־טאַרע עגאָאיסטישע כחות, קענען זיי אנטקעגנווירקן נאָר אַנט־שפּרעכנ׳דיקע גלייכע כחות. ניט דורך ויתורים ווערט און קען איבערגעבויט ווערן אַ פאָלק און זיין סאָציאַלע אָרדנונג, נאָר דורך קראַפט און מאַכט. אָט די מאַכט, וועלכע איז אַלזאָ אומבאַדינגט נויטיק פאַר דער נאָרמאַלער כלל־אידייע, וועלכע איז, ווי פריער באַטאָנט, ניט קיין סערטיפיקאַטן־שליסל פאַר די עולים, נאָר אַ גרונט־פּרינציפּ פון דעם צוקונפטיקן אידישן פאָלקס־בנין אין ארץ ישראל, איז אָבער ביי אונזער היינטיקער לאַגע אין לאַנד פון די אבות ניטאָ.

מיר זעען — ס׳איז ניטאָ קיין דירעקטער וועג פאַר די גיבע פאַרווירקליכונג פון דער כלל־אידייע, אַזוי אַז מוז מען גיין אויף אומדירעקטען וועג. וויבאַלד אָבער דער אומדירעקטער וועג איז קיינמאָל ניט איינער, נאָר אסך, ענטשטייען ממילא חלוקי־דעות, וועלכע האָבן אין אָנפאַנג לכאורה נאָר אַריין מעטאָדישן כאַראַקטער.

דער אומדירעקטער וועג, ריכטיקער די אומדירעקטע וועגן, וועלכע זאָל פאַרבערייטען די פאַרווירקליכונג פון דער כלל־ישראל טעזע לאָזן זיך אין תוך צוריקפירן אויף צוויי יסודות׳דיקע. דער איינער פון זיי איז אַ ראַדיקאַלער, דער אנדערער — גייט אויף קאָמפּראָמיסן. באַטראַכטן מיר אַלזאָ אָט די ביידע וועגן.

די כלל־אידייע איז, ווי ניט איינמאָל באַטאָנט, אַ מאַקסימע פון אַ באַשטימטער סאָציאַל־פּאָליטישער אָרדנונג, אַ בנין־פּרינציפּ פון דעם צוקונפטיקן אידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין ארץ־ישראל. די אידייע בעטייט אַבסאָלוטע גלייכשטעלונג פון אַלע

שיכטן פון אידישן פאלק הן אין באצוג אויף פליכטן און הן אין באצוג אויף רעכט. אלזא די אבסאליוטע בכורה פון דעם כלל. אלע אינטערעסן פון אינדיווידועלן יחיד מוזן קאלעקטיוו הארמאניזירט ווערן. אויך די קלאסן אינטערעסן מוזן אלגעמיין־נאציאנאל האר־מאניזירט ווערן. אלע ארבייטן אין דער צוקינפטיקער סאציאל־פאליטישער ארדנונג אין ארץ־ישראל פאר דעם העכסטן וואויל פון אלעמען, לייסטן דאס גלייכע און געניסן דאס גלייכע. אט דעם ציל קען מען טאקע דערגרייכן נאר דורך אגלייכן מלוכה צוואנג פאר אלעמען. אבער ווער זאגט עס, אז מיר זיינען שוין אזוי ווייט מיט דער כלל־ישראלדיקייט, אז מיר קענען שוין בכלל שרייטן צו צו איר פארוויקליכונג. וואלטן מיר אפילו געהאט איצט אמדינה־מאכט, וואלטן מיר אפשר איבערהויפט געדארפט נאך אפווארטן מיט דער פארווירקליכונג, כדי צורעכט צו מאכן פריערדיקע טעותים אדער עוולות און אויסצוגלייכן די סאציאלע כחות־פאר־העלטניסן? קאנקרעט גערעט—אין ארץ־ישראל, האט זיך צוליב די אדער יענע סבות געשאפן א לאגע, וואו די ארבייטער זיינען א היבש שטיק פאראויס פאר אלע אנדערע שיכטן און קלאסן פון אידישן פאלק. אט דא, קען מען זאגן, ליגט אאויפגאבע, וועלכע מוז דער־ליידיקט ווערן נאך איידער מ׳טרעט צו צו דער פאקטישער פאר־ווירקליכונג פון דער כלל־ישראל אידייע. אט די אויפגאבע, וועט מען ווייטער זאגן, איז בשום אופן ניט קיין זייטיקער ענין, אפשיטא שוין ניט קיין נגוד צו דער אידייע אלס א זעלכער. אומגעקערט, דאס איז די אמתע פארבערייטונג פאר איר אדער אפילו איר נויטיקסטע פארבאדינגונג. די ארבייט באשטייט אין דעם, וואס מ׳וועט קודם־כל דערווייל ארבייטן פאר אנדערע שיכטן פון אידישן פאלק, אין אונזער פאל פאר דעם מיטעל־שטאנד, כדי צו שאפן דעם ריכטיקן געזעלשאפטליכן גלייכגעוויכט אין דעם איצטיקן ארץ ־ישראל און ממילא דעם גערעכטן באדן פאר די כלל־ישראל אידייע.

אט דעם וועג גייט טאקע איין טייל פון אלגעמיינעם ציוניזם, די ריכטונג ב׳ און גלויבט אזוי ארום, ארבייטענדיק צייטוויי־ליק פאר דעם מיטעלשטאנד, צו ארבייטן אין תוך פאר די פארווירקליכונג פון דער כלל־אידייע.

ראיות?—אלע זייטן פון דעם ה„ציוני הכללי“, נאר לאמיר ארויס־גרייפן אפאר. „די פארווירקליכונגס־ארבייט“ —שרייבט ד״ר מא סינזאן, הציוני הכללי נומער 2 אין זיין מאמר „הציונות הכללית ובעיותיה“ —„האט געפאדערט גרויסע געלט־סכומים. דער לאסט

פון קריגן אט די סכומים איז דערעיקרשט געלעגן אויף די אלגע־מיינע ציוניסטן...אין דער צייט אבער, ווען די אַלגעמיינע ציוניסטן זיינען געווען באַשעפטיקט מיט פאַרשאַפן די מיטלן פאַר די אַרבייט אין ארץ־ישראל און ניט געהאַט קיין צייט זיך מטפל צו זיין ניט מיט דער אויפקלערונג פון זייער פּראָגראַם און איר צופּאַסונג צו דער נייער לאַגע אין דער באַוועגונג און ניט מיט דער אָרגאַניזירונג פ ן זייערע כחות, האָבן אנדערע פּאַרטייען וועלכע זיינען געווען פריי פון דעם געלט יאָך, געאַרבייט אַגרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע ארבייט און זיינען געוואָרן דער הויפט־כח אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די אַרבייט־פּאָזיציעס זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּאַר־טייען פון לינקס און פון רעכטס און ס'איז אזוי אַרום געשאַפן גע־וואָרן אמשונהדיקע ארבייטס־פּאַרטיילונג: דער צענטר האַט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו שאַפן די מיטלן פאַר דעם אויפבוי, די בויער אבער זיינען געווען די פליגל־פּאַרטייען, ביחוד די אַרבייטער־פּאַרטיי... איצט זיינען אויפגעגאַנגען די אויגן פון די אַלגעמיינע ציונ. און זיי האבן דערזען דעם ניט־נאַטירליכן מצב פון דער אַרבייטס־פּאַרטיילונג צווישן די וועלכע שאַפן די מיטלן און די, וועלכע באַנוצן זיי".

אין דעם דריטן המשך פון זיין מאמר ווערט אַט דער גע־ראַנק געפירט צום סוף: „יענער סתם־איד, וועלכער איז פון שטענדיק אָן געווען די באַזיס פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם, וויל ניט מער בלייבן ביי דער אויפגאַבע נאָר צו שאַפן מיטלן פאַר דעם אויפבוי. ער וויל זיך באַטייליקן אליין אין דעם אויבוי...דער אַלגעמיינער ציוניזם מוז רעגולירן אַט די עליה, מוז זיך מיט איר באַשעפטיגן און נעמען אויף זיך די אחריות פאַר איר גורל, ווייל אַט די עליה איז פליש פון אַלגעמיין־ציוניסטישן פלייש און איז אין איר גייסט אים די נאָענטסטע". (הציוני הכללי נומער 3.)

און אַט אַווייטערדיקע שטימע: „די אַלגעמיינע ציוניסטן"— שרייבט א. קליוטש אין הציוני הכללי נומער 22 אין זיין מאמר „בפרוס הקונגרס" —„די צענטר־מענשן, וועלכע זיינען געווען דער רוב אין קאָנגרעסן, ציוניסטישע לייטונגן און מוסדות, פלעגן היטן אויף דעם גלייכגעוויכט צווישן די פאַרשידענע ריכטונגן און קלאַסן. פון צוועלפטן קאָנגרעס אָבער הויבט זיך אָן אַנייע תקופה... אין משך פון דער צייט איז די לייטונג פּאַמעליך אָריבער צו דעם לינקן פּליגל... אַט די זיינען געוואָרן די איינציגע עולים און מיר אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האָבן אונז שטענדיק באַמיט ניט צו זיין פאַר איין

קלאַס, האָבן אַליין געהאָלפן צו שאַפן אַקלאַס, וועלכער שטופּט אַרויס די אַנדערע. אַט אַזוי האָט עס זיך געצויגן ביז ס'איז געקומען די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע — אַסתּמא־איד האָט אַזוי גוט ווי גאָר קיין מעגליכקייט ניט צו קריגן אַסערטיפיקאַט און אויב ער האָט דאָס שוין יע באַקומען און איז בדרך נס געקומען קיין ארץ־ישראל, אַזוי איז אים שווער דאָ צו קריגן אַרבייט... מיר מוזן דערפאַר אַנהויבן אַאַקטיווע אַרבייט פאַר די פאַרפעסטיקונג פון אונזערע פּאָזיציעס אין ציוניזם און זיכערן אונזער חלק אין דעם אויפבוי פון לאַנד״

אַט די טענה ווערט באַשטעטיקט אויך דורך די יוגענט, וועל־כע שטייט אין תּוך אויף אַ אַנדער שטאַנדפּונקט „אַ געוויסער סוג פון עולים״ — זאָגט יחיאל פּוס — „ וועלכער ווערט באַצייכענט אַלס מיטעלשטאַנד, געפינט ניט די ריכטיקע אויפמערקזאַמקייט מצד דער הסתדרות. אַט די מיטעלשטאַנד־מענטשן זיינען נעכטיקע סוחרים און מוזן זיך היינט צופּאַסן צו אַארבייטער־לעבן... די עולים פון דעם סוג פילן זיך אַפּטמאַלס ווי אין אַפרעמדע לאַנד. אמת, זיי זיינען ניט געקומען געטריבן פון אידעאַלן. זיי האָט געבראַכט די ביטערע נויט, אָבער זיינען זיי איינמאָל געקומען, אַזוי מוז די הסתדרות פאַר זיי זאָרגן ווי פאַר די אַרבייטער־עליה״. (הציוני הכללי נומ. 10 אין דעם באַריכט פון דער ועידת הסתדרות העובדים).

די צווייטע ריכטונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, די גרופּע א', איז קעגן אַזאַ איינטשעלונג און טעטיקייט. זי האַלט, אַז מיט דעם אַרבייטן פאַר דעם מיטעלשטאַנד, אַפילו לשם אַ אויסגלייך פון דעם סאָציאַלן גלייכגעוויכט אין דעם היינטיקן איינזייטיק געשיכ־טעטן ארץ־ ישראל, באַגייט מען לכל־הפּחות אַ מעטאָדישן פעלער. אמת, אַ אידעאַל קען מען ניט פאַרווירקליכן אויף אַמאָל אין זיין גאַנצער גרויס, אַזוי אַז מ'מוז לאַנג און אינטענסיוו פאַרבאַרייטן דעם באָדן, אָבער ווען איז דאָס גערעט, ווען די פאַרבערייטונגען שטייען ניט אין קעגנזאַץ צו דעם גייסט פון דעם אידעאַל אַלס עטוואָס גאַנצעס. דאָס אַרבייטן אָבער פאַר דעם מיטעלשטאַנד, ווי דאָס טוט די ריכטונג ב', אמת מיט די בעסטע כלל־ישראל'דיקע כוונות, איז אין תּוך פאַרט אַ אַרבייטן פאַר איין קלאַס און שטאַנד — אַמאָמענט, וועלכער שטייט אין בולטן נגוד צו דעם אידעאַל פון כלל־ישראל. אמת מ'וויל דאָבײ צורעכט מאַכן אַ אַלטן פעלער פון דעם סאָציאַלן גלייכגעוויכט, אָבער גלייכצייטיק

מיט אַט די צורעכטמאַכונגן גראָבט מען נאָך טיפער דעם תהום צווישן די שטאַנדן אין ארץ־ישראל, וואָס איז בשום אופן ניט קיין כלל־ישראל׳דיקע אַרבייט. נאָך מער, כלל־ישראל איז דאָך אַ אָפּשאַפונג פון קלאַסן אינטערעסן לטובת דעם וואויל פון דעם גאַנצן פאָלק. היינט צו וואָס, פרעגט זיך, אַפּריערדיקער סאָציאַלער אויסגלייך בכלל? ער קומט דאָך ממילא דורך די כלל־ישראל אָרדנונג. אלא וואָס? — פריער האָבן זיי געהערט צו פאַרשידענע אינטערעסן־ספערן. דאָס דאַרף דאָך ביי דער פאַרווירקליכונג פון דער כלל־אידייע קיינעם ניט מער אַרן און אויב דאָס אַרט יע, איז עס דאָך אַ סימן פאַר פאַרשלייערטע קלאַסן־שפּאַנונגען אין האַרצן פון דער כלל־ישראל אָרדענונג.

אַט אַזוי הויבן אָן צו דיווערגירן די וועגן פון די ביידע אַלגעמיין־ציוניסטישע ריכטונגען און זיי הויבן אָן צו דיווערגירן לכאורה נאָר ריין מעטאָדיש אָבער אויך טאַקע נאָר לכאורה. אין תוך שטעקן שטענדיק הינטער מעטאָדישע חלוקי־דעות גרויסע און טיפע מהות׳דיקע מיינונגס־פאַרשיידענהייטן, ביחוד אָבער אויף דעם געביט פון סאָציאַלע דערגרייכונגען און סאָציאַלע אידעאַלן. און דאָס ניט דערפאַר, ווייל מ׳קען ביחס צו סאָציאַלע באַשטרעבונגען בכלל ניט אָפּטיילן מעטאָדיק פון מהות, אַלזאָ די וועגן פון די צילן. ניין, אויך אויף דעם געביט לאָזט זיך מעטאָדיק אָפּטיילן פון מהות, אָבער נאָר אָביעקטיוו ביחס צו די וועגן אַליין, און ניט סוביעקטיוו ביחס צו די וואָס גייען אין אַט די מעטאָדיש פאַר־שיידענע וועגן. צו איין סאָציאַלן ציל קענען טאַקע פירן מערערע וועגן און אַט די פאַרשיידענהייט איז אַ מעטאָדישע, אָבער דער, וועלכער וויל גיין אין איינע פון אַט די מעטאָדישע וועגן מוז הוילן צווישן זיי. אַט די בחירה פון די וועגן, אַלזאָ דער גורם, וועלכער שטופּט איינעם אויף דעם און ניט יענעם מעטאָדישן וועג איז שוין ניט קיין מעטאָדישער, נאָר אַ ריין מהות׳דיקער מאָמענט. בחירה איז שטענדיק אַ וואַל־פּערוואַנדשאַפט, ביחוד ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן סאָציאַלע געשטאַלטונגען. פאַרשיידענע וועגן צו איין ציל זיינען פאַרשיידן אין זייער מעטאָדיק נאָר לגבי דעם ציל. נעמט מען זיי אַבסאָלוט פאַר זיך, אַזוי זיינען זיי מהות׳דיק פאַרשיידן און עס וועט שטענדיק אָפּהייענגען פון די, וואָס גייען אויף די וועגן, צו וועלן זיי טאַקע באמת אויף די פאַר־

שיידענע וועגן דערגיין צו דעם געמיינזאַמען ציל, אָדער זיי וועלן געפאַנגען ווערן פון די מהות'דיקער פאַרשיידענקייטן, וועלכע עס באַזיצט יעדער וועג אַבסאָלוט פאַר זיך, ניט קוקענדיק אויף זיין באַציאונג צו דעם ציל. דאָ ליגט די דערקלערונג פאַר די מהות'דיקע חלוקי־דעות, וועלכע באַהאַלטנזיך אויף דעם סאָציאַלן געביט הינטער מעטאָדישע פאַרשיידענקייטן. אויף דעם שטח מוז מען אַלזאָ זוכן דעם פּאַרטיי־פּסיכאָלאָגישן פלאָנטער פון די אַלגעמיין־ציוניסטישע שפּאַנונגען. ביידע טענה'ן פאַר כלל־ישראל און גלויבן צו זיין מחולק נאָר אין די וועגן, און דער מעטאָדיק. זיי פילן אָבער ניט, אַז דאָס וואָס באַשטימט און צווינגט זיי צו יווילן פאַרשיידענע מעטאָדישע וועגן איז ניט אַנדערש ווי טיפע מהות'דיקע אונטער־שיידן. צו דאָס איז אַזוי, צו ניט מוזן באַווייזן די תוצאות צו וועלכע די מעטאָדיש פאַרשיידענע וועגן וועלן דערפירן, ד. ה. צו וועט מען טאַקע דערגיין צו דעם געמיינזאַמען כלל־ישראל'דיקן ציל, אָדער מ'וועט בלייבן געפאַנגען פון דעם מהות, וואָס דער באַזונדערער וועג אַלס אַזעלכער באַזיצט. די ווייטערדיקע אונטער־זוכונגען דאַרפן אַלזאָ באַווייזן פאַר וואָס אין צוליב וואָס איז אין די אַלגעמיין־ציוניסטישע רייען, ניט קוקענדיק אויף דעם געמיינ־זאַמען ציל, דאָך געקומען די און ניט יענע בחירה פון דעם און ניט יענעם מעטאָדישן וועג. אונטערזוכן מיר אַלזאָ דאָס.

ווי אַלץ וואָס לעבט און ווירקט זיינען אויך אידייען אונטער־וואָרפן אַ שטענדיקער ענטוויקלונג. אַט די ענטוויקלונג, ריכטיקער וואַנדלונג, איז נאַטירליך פאַרשיידן ביי די פאַרשיידענע אידייען. מיר האָבן דאָ דערעיקרשט אין זינען סאָציאַלע אידייען. אַ סאָציאַלע אידייע קען אין אָנפאַנג זיין קליין און אומבאַדייטענדיק, זי קען אָבער שפּעטער אויסוואַקסן און ווערן גרויס און וויכטיק און לסוף ווידער פאַרלירן איר אינערן ווי אויסערן געוויכט און פאַרנעם. אַ סאָציאַלע אידייע קען ווידעראַמאָל זיין אין אָנפאַנג פּאַרטיקולאַ־ריסטיש, אָפּשטאַמען פון איינגע געזעלשאַפטליכע תחומים און אָפּ־צילן נאָר אויף זיי. שפּעטער אָבער קען זי ווערן אוניווערסאַליסטיש, ד. ה. זיך דורכקעמפן צו די ווייטעסטע מענשליכע גרעניצן און אָפּצילן אויף זייער אַ גרויסן היקף. ער קען נאַטירליך אויך זיין אומ־געקערט. די אידייע קען אָנהויבן פון די ווייטעסטע אוניווערסאַלע גרעניצן און ענדיקן אין פּאַרטיקולאַריסטישער איינגקייט. אַ סאָ־

ציאַלע אידייע סיי ווען זי איז פּאַרטיקולאַריסטיש און סיי ווען זי איז אוניווערסאַליסטיש, טראָגט אין זיך געוויינליך בײַ איר אַנטשטיין אַ געוויסן עטישן אימפּולס און איז אַלס אַ זעלכע שטענדיק מער אָדער ווייניקער אידעאַליסטיש. זי קען אָבער אין משך פון איר לעבן, איבערהויפּט אין דער תקופה פון איר פאַרווירקליכונג, צוליב געוויסע סבות פאַרלירן אירן עטישן אימפּולס, אָדער לכל־הפּחות אים אײַנזייטיק אויסטייטשן און אַזוי אַרום אַריבערגיין פון אידעאַליזם צו קאָלעקטיוון עגאָאיזם. אַ אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן בײַשפּיל ליפערט אונז אין דער הינזיכט די סאָציאַליסטישע אידייע.

דער סאָציאַליזם אַלס אידייע ווערט, ווי באַקאַנט, געבאָרן אוניווערסאַל. אין נאָמען פון עטישע אימפּולסן ווענדעט ער זיך צו דער גאַנצער מענשהייט, צו אַלע אירע שיכטן, צו די רײַכע ווי צו די אָרימע, צו די אונטערדריקטע ווי צו די אונטערדריקער און פאָדערט פון זיי אויפצובויען אָדער איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף גערעכטע סאָציאַלע יסודות. די סאָציאַליסטישע אידייע ווערט אין אירע אָנפאַנגן געטראָגן מער צו די מאַכט־האָבער, צו די הערשער, אַלס צו די באַהערשטע. פון זיי ווערט געפאָדערט זיי זאָלן פרייוויליק אין נאָמען פון דער סאָציאַלער עטיק אויסבעסערן די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג און אַזוי אַרום ענטלאַסטן זייער געוויסן. די סאָציאַליסטישע אידייע איז אַלזאָ אין דער צייט זאָגאַר דאָפּעלט אוניווערסאַל, אינערליך און אויסערליך. אויסערליך אוניווערסאַל איז זי, ווייל זי שטרעבט צו ברענגען אישועה פאַר די גאַנצע מענשהייט און אַלע אירע שיכטן אָן אונטערשייד. אינערליך אוניווערסאַל איז די אידייע דורך דעם, וואָס אירע טרעגער זײַנען ניט קיין באַשטימטע שיכטן פון פאָלק אין מענשהייט, נאָר טאַקע יעדעס פאָלק אַלס גאַנצעס און אַלע טיילן פון דער מענשהייט.

אָט אַזוי לעבט די סאָציאַליסטישע אידייע הונדערטער און ווען מ'וויל אַפילו טויזנטער יאָרן אין איר דאָפּעלטן אוניווערסאַליזם, שוועבט פאַר דער גאַנצער מענשהייט אַלס גרויסער סאָציאַל־עטישער אידעאַל און באַצווינגט די געמיטער פון אַלע באַהאַרצטע מענשן אין די פאַרשיידענסטע שיכטן און קלאַסן, ביז זי ווערט סוף כל סוף נאָך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ביחוד אָבער אין נײַנצענטן יאָרהונדערט געשפּאָלטן אין איר מהות. איין טייל

בלייבט אויך ווייטער סאָציאַליסטיש אין אַלטן אוניווערסאַליסטישן זין פון די אמאָליקע יאָרן. דער צווייטער טייל דאַקעגן פאַרלירט אין גאַנצן זיינע אינערע צום טייל אויך אויסערע אוניווערסאַלישקייט און ווערט אויסגעשפּראָכן פּאַרטיקולאַריסטיש. ער הערט אויף זיך צו ווענדן צו אַלע שיכטן און קלאַסן פון דער מענשהייט, נאָר שפּאַנט איין אין דעם סאָציאַליסטישן וואָגן די אונטערדריקטע אַליין, די פּראָלעטאַריער, מאַכט די אידייע א ענין פון זייער קאָ־לעקטיווען עגאאיזם און דעם איין קלאַס פאַר אירע איינציקע טרעגער. אמת אויסערליך בלייבט דער סאָציאַליזם אויך איצט נאָך אוני־ווערסאַל, זוכענדיק אישועה פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אין תוך איז אָבער אויך אָט דער אויסערער אוניווערסאַליזם שוין געבראָכן, ווייל פּאַקטיש זאָרגט אָט דער טייל נאָר פאַר די אַרבייטענדיקע קלאַסן. דער סאָציאַליזם איז דאָ געוואָרן פּאַרטיקולאַריסטיש און אידענטיפיצירט די מענשהייט מיט איין קלאַס. דעם ערשטן מין סאָציאַליזם קען מען באַצייכנען אַלס אוניווערסאַלן פאָלקס־דעם צווייטן אַלס פּאַרטיקוליאַריסטישן פּראָלעטאַריער סאָציאַ־ליזם, אָדער קורץ מאַרקסיזם. דער לעצטער איז צוגלייך אויך קעמפעריש. דאָס איז א דירעקטע תוצאה פון דעם, וואָס ער שטיצט זיך אויף עגאָאיסטישע כחות. דער ערשטער דאַקעגן איז אָן קאַמף־אימפּולסן, אידעאַליסטיש און אַרבייט מיט איבערצייגונגס־מיטלען.

דאָס וואָס האָט פּאַסירט מיט דער סאָציאַליסטישער אידייע האָט אויך פּאַסירט מיט דער כלל־אידייע פון די אַלגעמיינע ציור־ניסטן אין זיינע ביידע ריכטונגען א׳ און ב׳. די כלל אידייע ווערט אויך געבאָרן אוניווערסאַל, ווען אויך אין א ביסל אָפּגעענדערטן זין. דאָס דערפאַר, ווייל אירע גרעניצן זיינען איינגער — דער תחום איז דאָ דער פון פאָלק און ניט פון מענשהייט — אָבער אין די איינגערע גרעניצן איז זי שטריינג אוניווערסאַל, ד. ה. זי דינט ניט איין שיכט אָדער קלאַס, נאָר אַלע שיכטן און קלאַסן — דעם גאַנצן פאָלק. זי איז אויך דאָפּעלט אוניווערסאַל, אינערליך און אויסערליך. אויסערליך אוניווערסאַל איז זי, ווייל זי שטרעבט צו דעם וואויל פון אַלע שיכטן פון פאָלק, אינערליך — ווייל זי איז באַשטרעבט, אַז אירע טרעגער זאָלן זיין אַלע שיכטן פון פאָלק. אָבער אויך דאָ ווי דאָרט קען מען אויפהאַלטן דעם אוניווערסאַלן כאַראַקטער אין זיין ערשטער ריינקייט, אָדער מ׳קען ווערן פּאַרטיקולאַריסטיש,

איינשפּאַנענדיק אין דעם וואָגן פון דער אידייע די עגאָאיסטישע אינטערעסן פון אַ געוויסן קלאַס. דעם ערשטן וועג גייט די א׳ ריכטונג, דעם צווייטן — די ב׳ ריכטונג, שאַפֿענדיק אויף אַזאַ אויפֿן ניט נאָר מעטאַדישע, נאָר טיפֿע מהות־אונטער־שיידן.

באַווייזן?

אין דעם אויבן ציטירטן אַרטיקל „הציונות הכללית ובעיותיה" ווייזט אָן ד״ר מאָסינזאָן אויף די נייע כחות, וועלכע זיינען אויפֿגעשטאַנען אין דער ציוניסטישער וועלט און וועלכע מאָנען זייער שטאַרק זייער תקון. אָט די כחות זיינען, ווי ער דריקט זיך אויס, די פּאָטערס פון די חלוצים, פון די אַרבייטער — דער מיטעלשטאַנד. מיט דער עליה מוז זיך דער אַלגעמיינער ציוניזם זייער באַשעפֿטיקן, ווייל אָט די עולים זיינען אייגן פלייש און אייגן גייסט פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. נאָך קלאָרער און דייטליכער האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אין אַ צווייטן מאמר „בעית העליה וההתישבות בתכניתנו" (הציוני הכללי נומער 11), וואו אויפֿן ערשטן פּלאַץ ווערט אוועקגעשטעלט די באַהויפּטונג: „דאָס אמת׳ע פּראָבלעם פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם איז די עליה פון דעם מיטעלשטאַנד".

פאַרגלייכן מיר דאָס מיט זיינע אייגענע רייד, וועלכע זיינען געקומען אַלס אַ תושבה אויף די רייד פון ד״ר גליקסאָן אין דער יערליכער קאָנפֿערענץ פון די פאַראייניקטע אַלגעמיינע ציוניסטן אין ארץ־ישראל (תל־אביב י׳—י״א תמוז תרצ״ג, הציוני הכללי נומער 28). ד״ר גליקסאָן האָט דאָרט גערעדט וועגן די חטאים פון דעם ארץ־ישראל׳דיקן אַלגעמיינעם ציוניזם ביחס צו דער אידייע פון כלל־ישראל וכדומה. אויף דעם ענטפערט ד״ר מאָסינזאָן: „ד״ר גליקסאָן, מיט וועלכן איך בין מסכים אין אַסך זאַכן, האָט געהאַנדעלט ווי אַלע אנדערע און האָט אַרויסגעגאָסן דאָס וואַסער צוזאַמען מיט דעם קינד. ער האָט יעדעס מאָל אונטערשטראָכן „איר אַלגעמיינע ציוניסטן" און ניט „מיר"... ד״ר גליקסאָן וויל דערווייזן, אַז מיר זיינען פאַרטיי־מענשן און אַפילו קלאַסן־מענשן און מישט דאַביי הורך ביידע ענינים. אמת, מיר זיינען אַ פּאַרטיי, אָבער קיין קלאַס זיינען מיר ניט. די פאַרטייאישקייט האָבן מיר ניט געשאַפן און אַ צייט לאַנג האָבן מיר קעגן זיי שאַרף געקעמפט. אָבער די אַנ־

דערע שטרעמונגען האָבן אונז געצוואונגען זיך צוזאַמענצונעמען אין א פּאַרטיי, כדי מיר זאָלן קענען האָבן א השפּעה. דערפאַר דאַרפן מיר זיך אויך איצט אָרגאַניזירן אַלס שטאַרקע פּאַרטיי, וועלכע נעמט ארום ציונים פון אַלע קלאַסן...“

מיר זעען, פון איין זייט גילט פאַר ד"ר מאָסינזאָן דער מי־טעלשטאַנד „אַלס פלייש פון דעם אַלגעמיין־ציוניסטישן פלייש און גייסט, וועלכער שטייט אים נענטער פון אַלע“ און „די אמת'ע פּראָבלעם פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם איז די עליה פון דעם מי־טעלשטאַנד“, פון צווייטן זייט — „מיר זיינען א פּאַרטיי, אָבער נים קיין שטאַנד“. עס פרעגט זיך דאָך דאָביי: מה נפשך, איז מען ניט קיין קלאַס, אַזוי קען מען דאָך ניט זאָגן אז דער מיטעלשטאַנד איז „אייגן פלייש“. זאָגט מען דאָס יע, איז מען דאָך סוף־סוף א קלאַס. די ערקלערונג פאַר דעם ליגט אין דער קאַנצעפּציע פון דער ריכטונג ב', וועלכע וויל פאַרווירקליכן די כלל־אידייע דורך די ענגע־איסטישע אינטערעסן פון דעם מיטעלשטאַנד. מ'איז כלל־ישראל'דיק, אַלזאָ א איבערקלאַסן פּאַרטיי, נאָר וויל מען אָט די איבער קלאַסישע צילן דערגרייכן דורך די כחות פון א באַשטימטן קלאַס. די מהותדי־קייט פון דעם וועג אַלס אַזעלכע נעמט דאָ געפאַנגן זיינע גייער און דערווייטערט זיי פון געמיינזאַמען ציל. ניט פילענדיק דאָס אָבער קען ד"ר מאָסינזאָן און אויך אנדערע מיט איםריידן פון איין זייט פון מיטעלשטאַנד אַלס דאָס אייגן־פלייש און דאָך האַלטן אז מ' איז ניט פאַר איין קלאַס, נאָר פאַר אַלע קלאַסן צוגלייך.

דאָס וואָס כ'האָב געמוזט בנוגע צו ד"ר מאָסינזאָן ארויס־דרינגען אויף אומוועגן, געפינען מיר ביי י. פּערסיץ בפירוש. „ס'איז ריכטיק“ — זאָגט ער אין זיין מאמר „ציונות מעמדית“, הציוני הכללי נומער 35(73) — „אַז די מענשליכע געזעלשאַפט איז צוטיילט אין פאַרשיידענע קלאַסן, וועלכע ענטשטייען דורך דעם לעבן אַליין, ווייל פאַרשיידענע טיילן פון דער געזעלשאַפט זיינען פאַרשיידן טעטיק. ס'איז אָבער ניט ריכטיק, אַז די טעטיקייטס־פאָרמען און דער עקסיסטענץ־קאַמף פון איין קלאַס מוז דוקא זיין געווענדעט קעגן די טעטיקייט און קעגן דעם עקסיסטענץ־קאַמף פון אַנדערע קלאַסן. אומגעקערט. הן אַמאָל און הן אין אונזערע צייטן שטייט ניט די טעטיקייט פון איין קלאַס אַלס ניגוד צו די ענינים פון אַנדערע קלאַסן, נאָר אומגעקערט יעדער קלאַס שאַפט א יסוד פאַר די טעטי־

קייט פון אנדערע קלאסן, ניט קוקענדיק אויף די קעגענזייטיקע סכסו־כים. גייט מען אריבער פון דער טעאָריע צו אונזער ציוניסטישער ווירקליכקייט, אזוי זעהן מיר, אז אויך דאָ באשטעטיקט זיך די יסודותדיקע הנחה, אז די אינטערעסן למשל פון דעם ארבייטער קלאַס זיינען ניט נאָר ניט קעגן די אינטערעסן פון מיטעלשטאנד, נאָר אומגעקערט — די אינטערעסן פון די ארבייטער זיינען מחייב די פון דעם מיטעלשטאנד. ס'איז א פאקט, אז דער אידישער ארביי־טער שטויסט אָפּט אין ארץ־ישראל צוזאמען מיט דעם אידישן ארבייט־געבער, אָבער די עקסיסטענץ פון דעם קאפּיטאל איז אַ תנאי פאר זיין אייגענע עקסיסטענץ, דען דער קאפּיטאל שאפט די ארבייט פאר דעם ארבייטער. דער אידישער קאפּיטאל איז דער אל"ף און דער תי"ו פון דער ציוניסטישער טעטיקייט... וואלט אלזאָ געווען באמת א יסודותדיקער נגוד צווישן קאפּיטאל און ארביי־טער (א קלאס קעגן א קלאס), וואלט מען איבערהויפּט ניט געקענט ריידן וועגן א וועלכע ניט איז ציוניסטישע טעטיקייט. צום גליק איז ניטאָ קיין יסודות'דיקער נגוד צווישן דעם מיטעלשטאנד אלס קאַ־פּיטאליסט און דעם אידישן ארבייטער, ניט קוקענדיק אויף זייערע צוזאמענשטויסן".

ה' פערסיץ אנערקענט אלזאָ בפירוש קלאסן און מיינט, אז אזוי מוז דאָס זיין. אין דער ציוניסטיער געזעלשאפט איז ער דער־פאר פאר דעם מיטעלשטאנד און זעט אין זיין הצלחה די הצלחה פון דעם גאנצן ציוניסטישן עתיד. „פון דעם אלץ" — פירט ער אויס ווייטער — „קען מען אויספירן די איינציק לאָגישע מסקנה, אז אין קעגענווערטיקער תקופה פון דעם ארץ־ישראל'דיקן בנין דארף דער מיטעלשטאנד שטיין אין צענטער פון אלע אינטערעסן פון דער גאנצער ציוניסטישער וועלט — ארגאניזאציע, ווייל ער באפרוכפערט דעם גאנצן בנין".

קען ער דאָס ניט דורכזעצן ביי דער גאנצער אָרגאניזאציע, אזוי זאָל עס לכל־הפחות אזוי זיין ביי די אלגעמיינע ציוניסטן פון דער ריכטונג ב': „וואָס ווילן" — שרייבט ער דאָרט — „די אלגע־מיינע ציוניסטן, וועלכע ווערן באצייכענט אלס „שווארצע" אין דעם זשארגאָן פון די פּראָגרעסיסטן? זיי שטרעבן צו שאפן א שטארקע אָרגאניזאציע פון דעם מיטעלשטאנד פון אידישן פאָלק". (די צושפּרייטונג איז מיינע — ש.) די אויפגאבן פון דעם

אָרגאַניזירטן מיטעלשטאַנד איז אָבער אויך לויט די מיינונג פון ה׳ פערסיץ ניט צו באַקעמפן אַנדערע, נאָר דוקא צו דינען אַלס יסוד פאַר אַנדערע. „ער (דער מיטעלשטאַנד — ש.) דערוואַכט צום לעבן" — הייסט אין דעם זעלבן אַרטיקל — „אַליין און איז דער איינציקער, וועלכער קען שאַפן אַ באַזיס אויך פאַר די טעטיקייט פון דעם אַרבייטער ־ קלאַס". און אַ ביסעל ווייטער אונטן: „די מאַכט, וועלכע וועט ליגן אין די הענט פון דעם מיטעלשטאַנד וועט זיין אַ מאַכט, וועלכע וועט העלפן דעם בנין אין אַ ממשותדיקער פאָרם... ס׳איז ניט קיין פראַגע פון אַ הערשן פון דעם מיטעלשטאַנד איבער אַלע קלאַסן און ניט קיין אונטערדריקונג פון דעם אַרבייטער קלאַס. דאָס איז אַ פראַגע פון אַ ריינשטראָמען אַ שטראָם פאָלקס־בלוט און די אָדערן פון אַלע קלאַסן און פון אַלע שיכטן פון פאָלק".

די אַלגעמיינע ציוניסטן פון דער ב׳ ־ ריכטונג זיינען אַלזאָ פאַר דעם מיטעלשטאַנד, אָבער ניט כדי אים אַליין צו פאַרהעלפן צו הערשאַפט און מאַכט, נאָר כדי צו בויען דורך אים און מיט אים דעם גאַנצן ציוניסטישן בנין פאַר אַלע שיכטן און אַלע קלאַסן פון דעם אידישן פאָלק. מיט אַנדערע ווערטער, די ב׳ ־ ריכטונג איז אויסגעשפּראָכן כלל־ישראלדיק׳ נאָר גייט זי צו אָט דעם ציל אויך אַ אייגענעם און באַזונדערן וועג. זי מערקט אָבער ניט, אַז דורך דעם פאַרלירט זי דער אידייע אַ איינגערן כאַראַקטער. בלייבט נאָך דער אויסערער ציל ביי זיין אַלטער ריינקייט, ד.ה. ביי דעם וואויל פון דעם גאַנצן פאָלק, אַזוי זיינען אָבער די טרעגער פון דער כלל־ישראל אידייע ניט אַלע שיכטן פון פאָלק, נאָר איין קלאַס פון אים — דער מיטעלשטאַנד. די ב׳ ־ ריכטונג טוט אַלזאָ וואָס ס׳האָט געטאָן דער פראָלעטאַרישער סאָציאַליזם — ער פאַרבינדט זיין אוניווערסאַלע אידייע מיט אַ באַשטימטן קאָלעקטיווען עגאָאיזם. ער טוט דאָס אמת מיט דער ערליכער כונה זי אין איר ריינקייט צו פאַרווירקליכן, אָבער פאַקטיש ווערט דער אומפאַנג פון דער אידייע פאַרשמעלערט און איר ברייטער מהות פאַרקירצט. ביי דער ב׳ ריכטונג פון דעם אַלגעמיי־נעם ציוניזם ווערט אַלזאָ די כלל ישראל אידייע פאַרבונדן מיט דעם עגאָאיזם פון דעם מיטעלשטאַנד, וועלכער ווערט איינגעשפּאַנט אין איר וואָגן אמת ניט לשם ענגהערציקע צילן, נאָר דוקא כדי זי צו פאַרווירקליכן אין איר גאַנצן פאַר־נעם. פאַרלירענדיק אָבער דורך דעם דעם אינערן אוניווערסאַליזם, די אַלגעמיינהייט פון די טרעגער, שטעקט דאָ נאָך די געפאַר מיט דער צייט צו פאַרלירן אויך דעם אויסערליכן אוניווערסאַליזם, ד.ה.

די געפאַר אין משך פון דער צייט, צו אידענטפיצירן דעם כלל ישראל מיט דעם קלאַס, וועלכער קעמפט פאַר אים—דעם מיטעלשטאַנד. די א׳ ריכטונג דאַקעגן בלייבט ביי דער אורשפּרינגליכער אוניווער־סאַלישקייט פון דער כלל—אידייע. זי שפּאַנט ניט איין קיין קאָ־לעקטיווע עגאָאיזמען אין איר אידייאישן וואָגן און זוכט ניט ארויס קיין באַזונדערע טרעגער פאַר איר כלל־ישראלדיקן אידעאַל. אַלע קלאַסן פון פאָלק זיינען אידעעל די טרעגער פון דער כלל ישראל אידייע און אַלע צוגלייך זאָלן זי פאַרווירקליכן. דער אונטערשייד צווישן אַט די ביידע איינשטעלונגען מאַכט זיך קודם — כל באַמערקבאר אין דעם כאַראַקטער פון דער ארבייט ווי אין די אַר־בייט—מעגליכקייטן אין ארץ־ישראל בכלל. די ב׳ ריכטונג, וועלכע בויגט איבער דעם אוניווערסאַליזם פון דער אידייע אויף אַ עגאָאיסטיש פּאַרטיקולאַריסטישן שפּיץ ווערט, ווי יעדער עגאָאיזם, דורך דעם קעמפּעריש. דאַקעגן איז די כלל־ישראל׳דיקייט פון דער א׳ ריכטונג אַ ענין פון אידעאַליזם, פאַר וועלכן ס׳ווערט געאַרבייט מיט אידעאַליסטישע מיטלען. מיט אנדערע ווערטער, די ב׳ ריכטונג ווערט אַ דאַנק איר פּאַרטיקולאַריזם אַ קעמפּערישע פּאַרטיי מיט אַלע קעמפּערישע פּאַרטייען צוגלייך, די א׳ ריכטונג דאַקעגן וויל באמת שטיין איבער די פּאַרטייען. פון דאַנען נעמען זיך די פּאַרוואורפן פון דער ב׳ ריכטונג לגבי דער א׳ ריכטונג, אַז זיי זיינען אָרגאַני־זאַציאָנעל שוואַך, אונפּייאיק צו ארבייטן וכדומה. אזוי זאָגט למשל ש. שוואַרץ אין דער אויבענדערמאָנטער קאָנפערענץ פון די אַלגע־מיינע ציוניסטן אין א״י: „ד״ר גליקסאָן און זיינע חברים, וועלכע זיינען אָנהייגער פון דער שוואַכקייטס־שיטה (שיטת הרפיפות) מערקן ניט די טראַגיק פון אונזער לאַגע. מיר דאַקעגן גלויבן אין אַ גרויסן אַלעמיינעם ציוניזם מיט אַלע אונזערע חושים. וואָס איז פּאַסירט מיט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אַ דאַנק דער שוואַכקייט פון אונזערע חברים? מיר זיינען כמעט אזוי גוט ווי פאַרשוואונדן. מיר ווילן איינהיטן די אייניקייט פון אונזער פּאַרטיי, אין דער צייט ווען אונזערע חברים פון דער שוואַכקייטס־שיטה באַדינען אנדערע אין שאַדן אונז" (הציוני הכללי נומער 28).

נאָך קלערערע ווערטער רעט אריה לאָרינסון אין הציוני הכללי נומער 12: „דער לאַנגער וכוח ארום דעם אַלגעמיינעם ציוניזם לאָזט דאָך אָבער אַ ליידיקן אָרט: וואָס זאָל איך אַלזאָ איצט טאָן?... די אָנהייגער פון דער אַבסטראַקטער כלליותדיקייט פילן זיך גאַנץ באַקוועם ביי דער אַלטער טראַדיציע... אָבער אין דער פאַרווירקלי־

בונגס תקופה קענען א זעלכע זאכן ניט אויפהאלטן קיין באוועגונג און ס'איז א גרויסער ספק אויב ס'איז בכלל דא א אַרט פאַר אזעלכע מיני באוועגונגען אין א צייט פון הייסער אַרבייט... די מצוות מעשיות פון דעם ציוניזם מוזן חל זיין אויך אויף אונז. זיי וועלן מיר מקיים זיין לויט אונזער הכרה און לויט אונזער אויפאַסונג. די אבסטראַקטע טעאָריע איז פאַר אונז ניט קיין פירערין".

ס'איז ניט אונזער ענין צו נעמען דאַ שטעלונג צו די עצם טענות, איינס איז אָבער קלאָר: דער ארבייטס־כאַראַקטער פון דער א' ריכטונג שטייט אלס רוחיקער און אפגעקלערטער אין בולטן קעגנזאַץ אנטקעגן דעם קעמפעריש ארבייטס־כאַראַקטער פון דער ב' ריכטונג און ווייל די איינע איז קאָלעקטיוו עגאָאיסטיש די אנדערע אָבער ווייזט ארויס א אָרגאַנישע נטיה צו א סאָציאַלן אידעאַליזם, זיינען אויך די ארבייטס־מעגליכקייטן אין ארץ ישראל פאַר זיי ביידע פאַרשיידן. די ב' ריכטונג קען, ווי יעדע עגאָאיסטישע קאַמף־גרופע, ארבעטן ממשות'דיק אויך אין דער היינטיקער ארץ ישראל'דיקערווירקליכקייט. זי איז ניט אָנגעוויזן אויף די מדינה־מאַכט, ד. ה. אויף דעם גלייכן דרוק אויף אלעמען, ווייל זי שטעלט ניט אידעאַליזם אנטקעגן עגאָאיזם, נאָר טאַקע עגאָאיזם אנטקעגן עגאָאיזם. זי פאַרפאָלגט דערווייל קליינע עגאָאיסטישע גרופן־אינטערעסן און גלויבט אויף אזא אופן זיך דאָך דערנענטערן צו איר אידייאישן ציל. אנדערש אָבער די א' ריכטונג, וועמענס אקטיווע ארבייטן אין דער היינטיקער ארץ־ישראל'דיקער ווירקליכקייט איז, ווי פריער דערקלערט, נאָר א שטענדיקעס קרבנות־ברענגען לטובת פון די אנדערע שיכטן, ווייל זי שטעלט אנטקעגן דעם פרעמדן עגאָאיזם איר אייגענעם אלטרואיזם.

מיר זען, די לכאורה נאָר מעטאָדיש פאַרשיידענע וועגן פון די ביידע ריכטונגען האָבן סוף כל סוף דערפירט צו אַגאַנצער ריי אונטערשיידן, וועלכע ציען זייער יניקה פון אויסגעשפּראָכענער פאַרשיידנקייט פון מהות. אפנים אז די בחירה פון דעם אָדער יענעם וועג דורך די ביידע אָלגעמיין - ציוניסטישע ריכטונגען איז א אויסגעשפּראָכענע וואָל־פאַרוואַנדשאַפט. די ב' ריכטונג אָלזא, וועלכע האָט זיך געוויילט דעם וועג פון דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם פון דעם מיטלשטאַנד, כדי צו פאַרווירקליכן דעם געמיינזאַמען ציל פון דער כלל - ישראלדיקייט, האָט דאָס, שטעלט זיך איצט ארויס, געטאָן ניט ווייל זי איז מחולק אין

די מעטאָדן, נאָר ווייל זי איז טאַקע אין תוך גאָר מחולק אויך אין דעם מהות אליין. די פּראָבּע פאַר דעם וועט נע־ליפערט ווערן, ווען ס'וועלן זיך צוזאַמענשטויסן די אינטערעסן פון דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם מיט די אינטערעסן פון כלל - ישראל. דאָס פּאַסירט אין דער קאַרדינאַלער פראַגע פון דעם ציוניזם בכלל און פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם בפרט — אין דער פראַגע פון חלוציזם און פּריוואַט - איניציאַטיוו, אונטערזוכן מיר זי.

## ט. חלוציזם און פּריוואַט - איניציאַטיוו.

דער ציוניזם איז אין דער לעצטער צייט אַריין אין זיין אַנטשיידענער, אפשר אַנטשיידענסטער תקופה. דאָצו האָבּן נאַטירליך געפירט אַסך גורמים: די פּאָליטישע אויסרייסונג פון דער באַוועגונג, אירע גרויסע אינערע ווי אויסערע נצחונות, די פאַרשלעכטערונג פון דעם אידישער לאַגע אין אַלע לענדער פון זייער פאַרשפּרייטונג, די בוואָליעס פון אידישער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אונטערעכטונג אין גלות, דער וועלט קריזיס, וועלכער האָט צווישן אידן, אַלס אייביק פרעמדע אין אַלע לענדער פון זייער צושפּרייטונג, אָנגעמאַכט באַ־זונדערש גרויסע חורבנות וכדומה מאָמענטן, וועלכע ווייזן אַלע אין טאַקע במפגיע אויף ארץ - ישראל אַלס גאולה -לאַנד הן פאַרן אידישן כלל און הן פאַרן אידישן פּרט. דאָס קומען פון יחיד ניט אין נאָמען פון דער כלל - גאולה, נאָר אין נאָמען פון זיין יחידישער גאולה האָט אויפגעהויבּן אין ציוניזם אַסך נייע פּראָבּלעמען אין דעם כלל אויך דאָס פּראָבּלעם פון חלוציזם און פּריוואַט - איניציאַטיוו. די מיינונגן זיינען אין דעם פונקט זייער שטאַרק גע־טיילט. דער איין עקסטרעם נעגירט אין גאַנצן די אַלטע ביז איצטיקע וועגן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער פאָרם פון חלוציזם און שטעלט אוועק די גאַנצע אַרבייט נאָר אויף דער פּריוואַט - איניציאַטיוו, דער אַנדער עקסטרעם דאַקעגן פאַרשטייפט זיך נאָך מער אויף דעם חלוצישן אויפבּוי פון דעם ישוב און לאָזט פאַר דער פּריוואַט - איניציאַטיוו גאָר אַקליינעם מקום. אין דער מיט ליגן נאַטירליך אַ גאַנצע ריי פּשרות'דיקע שטעלונגען.

אָט די חלוקי - דעות האָבּן נאַטירליך ניט איבּערגעחיפּט אונזער אַלגעמיין - ציוניסטישן שוועל און האָבּן אויך בּיי אונז

שטאַרק געטיילט די הערצער. זייער סימפּטאָמאַטיש איז אָבער דער פאַקט, וואָס די טיילונגס ליניע צווישן חלוציזם און פּריוואַט - איניציאַטיוו פאַרלויפט ביי אונז צווישן דיביידע ריכטונגען א׳ און ב׳.

דאָס פּראָבלעם פון חלוציזם און פּריוואַט - איניציאַטיוו איז מיט אַנדערע ווערטער דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן און פּריוואַטן קאַפּיטאַל. רעדט מען וועגן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אַזוי האַנדעלט עס זיך נית וועגן דעם הויכקאַפּיטאַל, וועגן וועלכן אַלע האָבן אַ גלייכע פּאָזיטיווע שטעלונג, נאָר וועגן דעם קליינקאַפּיטאַל, וואו די מיינונגען נייען זיך שטאַרק פונאַנדער. דאָבייִ זאָל גלייך דאָ באַמערקט ווערן אַז אין דעם צוזאַמענהאַנג האַנדעלט זיך בשום אופן נית צו ענטשיידן די פראַגע אַלס אַזעלכע הלכה למעשה. נית דאָס פּראָבלעם אַלס אַ זעלכע אינטערעסירט אונז דאָ, נאָר אויף וויפל זי וואַרפט ליכט אויף די אַלגעמיין-ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, ריכטיקער אויף די אידעאָלאָגישע דיפערענצן פון די ביידע ריכטונגען. אפילו די מאָטיוון פון פאַר און קעגן וועלן אָנגעפירט ווערן נאָר אויף וויפיל זיי באַלויכטן די אידעאָלאָגישע מאָמענטן פון דעם אַלגעמיינעם-ציוניזם.

די פראַגע פון חלוציזם און פּריוואַט-איניציאַטיוו שטויסט זיך צוזאַמען אויפן גאַנצן אויפבויערישן פראָנט פון דער ארץ-ישראלדיקער ווירקליכקייט, אָנהויבנדיק מיט עליה און ענדיקנדיק מיט התישבות. צוליב געוויסע, אינערע ווי אויסערע סבות, האָט זיך די עליה איינגעשטעלט אין אַ באַשטימטע ריכטונג בהתאם צו דעם וואָס האָט אין יענע יאָרן פּאַקטיש עקסיסטירט און זיך געריסן קיין ארץ-ישראל. אַזוי איז פאַראַיבער אַ לאַנגע צייט, אין וועלכער ס׳ זיינען דעם ישוב צוגעפירט געוואָרן אַ גאַנץ באַשטימטער מענשן—מאַטעריאַל. (פגל. ד״ר מאַסינזאָן, הציוני הכללי נומער 11). במשך הזמן האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געביטן די לאַגע אין גלות און דאָס קלאַפּט ממילא אויף די טויערן פון ארץ - ישראל. האָט אמאָל עולה געווען דער יוגענטליכער, אַזוי קומט היינט דעם סתם - איד. אָט דער סתם איד ווערט אין גלות אַלץ מער און מער אַרויסגעוואָרפן פון זיינע פּאָזיציעס און זעט זיך דערפאַר געצוואונגען צו זוכן פאַר זיך אַ מקום מקלט, דאָרט וואו ס׳ווינקט פאַר אים אַ שטיקל ישועה — אין ארץ ישראל. דאָ שטויסט ער זיך אָבער אָן אויף די עליה - געזעצן, וועלכע פאַרמאַכן פאַר אים די טויערן פון ארץ - ישראל. קיין טויזנט , פונט האָט ער נית און עלטער פון 35 יאָר איז ער אויך אַזוי אַז ער קען נית נהנה זיין פון דעם וואָס ארץ ישראל איז ביכולת

אים צו געבן. אין נאָמען פון אָט דעם סתם אידן ווערט אין דער לעצטער צייט געפירט אַ קאַמף אויפן אינערן ווי אויף דעם אויסערן פראָנט, וואו מ׳באַמיט זיך צו דערשלאָגן צו אָפּענדערונגן פון דער עליה פּראַקטיק און אירע געזעצן. דער קאַמף קומט אָבער כידוע ניט פאַר אין אַליידיקן חלל, נאָר טרעפט זער פילבאַר אַצווייטן צד — דעם ביז איצטיקן עולה, דעם אַרבייטער. אָט דער צד זעט אין דער אָפּענדערונג פון דער עליה - באַזיס אַפאַרשמעלערונג פון דער חלוציאַנישער עליה און אין ברען פון דעם קאַמף באַשולדיקט ער דעם צד - שכנגד אין אַקעגנערשאַפט צו דער חלוציזם בכלל און צו דער חלוציאַנישער עליה בפרט. דעם רעכטן אַלגעמיין - ציוניסטישן שטאַנדפּונקט באַמיט זיך צו ערקלערן ד״ר מאָסינזאָן אין דעם איבנדערמאָנטן אַרטיקל. „עס איז לעכערליך צו ריידן וועגן אהתנגדות פון די אַלגעמיינע ציוניסטן צו דער חלוציאַנישער עליה“. — שרייבט ער דאָרט — „זי איז אונז טייער הן אַלס ציוניסטן און הן אַלס אַלגעמיינע, ווייל מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז אונזער יוגנט זאָל עולה זיין. מיר קענען אָבער ניט אָפּזאָגן זיך פון דער עליה פון אַנדערע. ארץ ישראל קען אויפנעמען דעם סוג מענשן וועלכע האָבן אַפאַך און אַביסל געלט. אין גלות גייט אָט דער סוג אונטער, דאָ קען ער אָבער זיין אַ ברכה פאַר זיך און פאַר זיין פאָלק. וואָס פאַר אַרעכט האָבן מיר צוצונעמען ביי אים די מעגליכקייט עולה צו זיין? די עליה דאַרף ניט שטערן דער חלוציאַנישער עליה, געוויס!.. אָבער איין זאַך מוז קלאָר ווערן — אָט די קרייזן, וועלכע ווערן באַצייכנט אַלס מיטלשטאַנד האָבן דאָס פולע רעכט אויף עליה און די אידישע אַגענץ, דערעיקערשט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מוז פאַר זיי זאָרגן“.

איז דאָס אַ שטאַנדפּונקט פון די געמעסיקט־רעכטע עלעמענטן אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. דער גרויסער רוב פון די עקסטרעמערע קוקן אויף די פראַגע אַנדערש. זיי מיינען, אַז די צייט פון דער הערשאַפט פון דער נאַציאָנאַלן קפיטאַל איז אַריבער און זיין פּלאַץ דאַרף פאַרנעמען דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל און די פּריוואַט־איניציאַטיוו. (פלג. די אַרטיקלען פון ד״ר י. בערגער וועגן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין דער „אידישער שטימע“, דעם אָרגאַן פון די ליטווישע אַלג. ציוניסטן, פאַר דאָס יאָר 1934). נאָך מער. אָט דער טייל באַטראַכט דעם חלוץ ניט אַלס אַ שליח פון גאַנצן פאָלק, וועלכער קעמפט פאַר אים אויף די פאָדערסטע נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס, נאָר אַלס פאַרשטייער פון איין קלאַס, וועלכער פאַר־

שמעלערט אלס אזעלכער די פאזיציעס פון דעם מיטעלשטאנד.

קענען אט דעם שטאנדפונקט גייט ארויס די ריכטונג א'. זי מאכט דעם מעסיקערן ווי אויך דעם עקסטרעמערן רעכטן אלגע־מיינעם ציוניזם דעם פארוואורף, אז די עליה פון מיטעלשטאנד ווערט ניט פארוואָרצלט אין לאנד און פירט ניט ממילא צו נוצן פון ביידן. (פגל. דעם דו"ח פון דעם ערשטן כנוס פון דעם הנוער־הציוני אין ארץ־ישראל). דוקא איצט, מיינט אט דער טייל, ווען עס עפענען זיך נייע וועגן און מעגליכקייטן פאר דעם אויפבוי, מוז נעשטארקט ווערן די הכרה פון די נויטיקייט פון דעם נאציאָנאלן קאפיטאל פאר ארץ ישראל. (פגל. די דעבאטע פון דעם כנוס אין הציוני הכללי נומער 8).

ווייס טאקע דער מעסיקער טייל פון דער ריכטונג ב' אפ־צושאצן דער ווערט פון דעם נאציאָנאלן קאפיטאל, נאר מיינט ער, אז די צייטן האבן זיך געביטן און מ'מוז זיך דאמיט רעכענען. „מיר ווייסן" — לייענען מיר ביי ד"ר מאסינזאן אין זיין ארטיקל „התנועה הציונית והישוב בארץ" — „אז אָן דעם נאציאָנאלן קאפיטאל איז ניטאָ קיין מעגליכקייט פאר דעם פריוואטן.... אבער מיר מוזן אויך מודה זיין, אז להבא קענען מיר זיך ניט פארלאזן נאר אויף דעם נאציאָנאלן קאפיטאל... יעדער איד, וועלכער בויט אין לאנד און בריינגט אהער זיינע ענערגיע, דערמעגליכט די חלוציאנישע עליה. די עליה פון אט די איז בשום אופן ניט קיין קעגענזאץ צו דער חלוציאנישער, ווייל ביידע זיינען פארבונדן". (הציוני הכללי נומער 26).

וועלן מיר נאטירליך ניט ציען קיין אידעאָלאָגישע מסקנות אויפן יסוד פון די קיצוניים אין ביידע לאגערן, אבער אויך די מעסיקע עלעמענטן דיווערגירן זייער שטארק אין דער פונקט. אמת, דאס באהאלט זיך הינטער א אומשולדיקער פאָרמעל פון פראָפּאָרציע, אלזאָ ווער האט צו פארנעמען דער ערשטן פלאץ, צו די חלוצים צו דער מיטעלשטאנד, אבער געראדע אין אט דער פראָפּאָרציע ברעכן זיך דורך די אמת'ע אידעאָלאָגישע נויגונגען. „דאָס אריבער־פירן פון דער יוגענט צו חלוצים" — שרייבט אילנא אין זיין מאמר תנועת הנוער הציוני־הכללי — „איז ניט נאָר אתנאי פון „זיין און ניט זיין", נאָר איז אויך די איינציקע קאָנסעקווענץ, וועלכע איז מעגליך פאר א ציוניסטישן יוגענטליכן. אמת, אויך די באַ־וועגונג פון דעם מיטעלשטאנד איז אָ אייזערנער הכרח. ס'איז אָבער

דאָך קלאָר, אז ארץ־ישראל שטייט און פאלט מיט דעם וואוקס פון דער חלוציאנישער באַוועגונג„. (הציוני הכללי נומער 27). ראקעגן קערט ד״ר מאָסינזאָן אום דער שפּיץ און שטעלט אוועק אין דעם אויבענאָן פון זיין שוין אַפּאָר מאָל ציטירטן מאמר „בעיות העליה וההתישבות בתנועתנו, (הציוני הכללי נומען 11), דער זייער כאַראַקטעריסטישן און סימפּטאָמאַטישן זאַץ: „דאָס אמת'ע פּראָבלעם פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם איז די עליה פון דעם מיטעלשטאנד„.

דער צוזאַמענשטויס פון חלוצים און פּריוואַט־איניציאַטיוו באַשריינקט זיך ניט נאָר אויף דער עליה אַליין. ער גרייפט נאַטירליך אַריבער אויף אַלע אנדערע ערשיינונגען פון דעם ישוב, אין דער כלל אויך אויף די התישבות. „אויך דאָ“—שרייבט מאָסינזאָן אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל — „וויל מען אוועקשטעלן די פּריוואַטע התישבות קעגן די נאַציאָנאַלע, די התישבות פון דעם מיטעלשטאַנד אַנטקעגן די פון די חלוצים, פּונקט ווי איינע וואָלט געשאַדט דער צווייטער. אָדער מען מאַכט זיך נאַאיוו און מ'זאָגט: וואָס מאַכט מען פאַר אַטומל, דער מיטעלשטאַנד קען דאָך איינאָרדנען זיינע פּרדסים דורך די געזעלשאַפט „יכין“ אָדער „הנוטע“. דאָס פּראָבלעם איז אָבער טיפער. דער אַלגעמיינער ציוניזם, ווען ער פאָדערט די התישבות פון דער מיטעלשטאַנד, זאָרגט ער ניט נאָר פאַר דעם פּרט. ער וויל עפענען נייע מעגליכקייטן פאַר די התישבות, צוציען נייע קרייזן פאַר דער אויפבוי און אָפּענדערן די גאַנצע סטרוקטור פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע“.

אויך אין דעם פּונקט ריידן די מעסיקע עלעמענטן אין די ביידע ריכטונגען אַ שטאַרק ענליכע שפּראַך און גייען זיך אָבער ווידעראַמאָל אין תוך שטאַרק פאָנאַנדער דורך די פּראָפּאָרציע און די פראַגע פון הויפּט־באַטאָנונג. די אמת'ע שלאַכט פון חלוצים און פּריוואַט־איניציאַטיוו ווערט אָבער געגעבן אין דעם פּונקט פון עבודה עברית.

•

וואָס איז דער מהות פון דעם פראַגן־קאָמפּלעקס עבודה עברית און אין וואָס ליגט איר גרויסער ציוניסטישער און אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער ווערט? כ'וויל אויך אין דעם פּונקט ניט ריידן פאַר די ריכטונגען, נאָר ווי ביז איצט זיי לאָזן ריידן אַליין. דעם מאָל זאָל דאָס טון משה קליינמאַן. נאָכדעם ווי ער באַהאַנדלט אין זיין

אַרטיקל „ציונות כללית — אי דרכה?“ די פראַגע פון דאָס פאַרוואָרצלט זיין אין דער ערד פון ארץ־ישראל און די שאַפונג פון אַ פויערים שטאַנד, זאָגט ער ווייטער: „דעם האַנדעל און די אינדוסטרי האָבן מיר אַפילו ניט געוואָלט פאַרפלאַנצן אויף די ערד פון די אבות. פון דעם האָבן מיר דאַן געזאָגט, האָבן מיר גענוג אין גלות. אמת, מ׳האָט דאָ צופיל איבערטריבן. אַ שפּעטערדיקע צייט האָט אונז געוויזן, אַז מסחר און אינדוסטרי זיינען אָרגאַנישע עלעמענטן אין לעבן פון אַ פאָלק, ווען זיי ווערן אויפגעבויט לויט אַ נאַציאָנאַלער פראָגראַם. דער עיקר איז אָבער און בלייבט, אַז דער יסוד פון אַלע יסודות איז דאָך דער באָדן און זיינע באַארבייטער. באַלד איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז די גרינדונג פון קאָלאָניעס מיט פויערים... ענטהאַלטן אין זיך ניט קיין נאַציאָנאַלע זיכערקייט, כל זמן אָט די ווירטשאַפטן זיינען ניט אַבסאַלוט נאַציאָנאַל. דאַן האָט זיך אויפגעהויבן דאָס צווייטע נאַציאָנאַלע פּראָבלעם לויט דער צייט, אָבער די ערשטע לויט איר חשיבות: די שאַפונג פון אַבסאָלוט נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן אויף דעם יסוד פון אידישער אַרבייט. דאָס איז אַ אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע, אייגענטליך אַ אַלגעמיין־ציוניסטישע פּראָבלעם... דאָס שאַפן פון אַ אַרבייטער־שטאַנד איז אַ הכרחיות׳דיקע באַדינגונג פאַר די אויפהיטונג פון דער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון אונזער דאָרף. אַז מיר האָבן אָנגעהויבן מיט אינדוסטרי און שטעטישער קולטור, איז עס ווידער געווען אַ נויטגעדרונגענע נחיצות, אַז מ׳זאָל אויך דאָ שאַפן אַקאַדער פון אידישע אַרבייטער. אויך דאָ הערשט דער זעלבער כלל: די ווירטשאַפט איז נאָר דאַן אַ נאַציאָנאַלע, ווען זיינע אַרבייטער זיינען אידן... און דערפאַר זע איך, דער אַלגעמיינער ציוניסט, דאָס ענטשטייען פון אַ אידישן אַרבייטער־קלאַס אין ארץ־ישראל אַלס אַ גרויסע נאַציאָנאַלע געשעעניש, אַלס איינע פון די וואונדער פון אונזער נאַציאָנאַלער געשיכטע. איך שטעל זיך ניט פאָר קיין שטאַנדהאַפטיקייט פון אונזער גאַנצן בנין, אָן די שאַפונג פון אָט דער קלאַס“. (הציוני הכללי נומער 8).

אָט אַזוי איז די שטעלונג פון דער א׳ ריכטונג צו דעם פּראָבלעם עבודה־עברית, אַלזאָ פּאָזיטיוו אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. דאָס זעט מען פון דעם ציטירטן אַרטיקל, דאָס קען מען זייער לייכט געפינען אין די מאמרים פון אַלע אַנדערע חברים פון דער א׳ ריכטונג

אין דערעיקערשט אין די פּאַרטיי־שריפטן פון דעם הנוער־הציוני. מיר מוזן גלייך אונטערשטרייכן, אַז אויך די ב׳ ריכטונג איז גאַנץ אויסגעשפּראָכן פאַר עבודה עברית. „דער אַלגעמיינער ציוניזם שטייט און פאַלט מיט דער עיקר פון אידישער אַרבייט, אָבער דאָס שטערט איר ניט צו פאָדערן א ברייטע עליה פון אַנדערע קרייזן, וועלכע קומט ניט אַלס נגוד צו דער חלוציאַנישער עליה, נאָר דער־גענצט זי״. (מאָסינזאָן, הציוני הכללי נומער 8). אַזאַ שטעלונג נעמט איין ניט נאָר דער מעסיקער מאָסינזאָן, נאָר אויך דער אַסך ראַ־דיקאַלערער סופּראסקי און אַלע אַנדערע חברים, וועלכע זיינען מאסגעבענדיק אין דעם ארץ־ישראל׳דיקן אַלגעמיינעם ציוניזם. וואָלט דאָך אַלץ געווען גוט. שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז די ווירקליכ־קייט איז ווייט פון די טעאָרעטישע הנחות. אָט אַזוי הערן מיר פון ד״ר גליקסאָן אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ תרצ״ג אין ארץ ישראל: „די שטימונג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, לכל הפחות פון די וואָס ריידן אין זייער נאָמען, ווירקט נעגאַטיוו אויף פּרינציפּעלע ציו־ניסטישע ענינים. כ׳האָב מורא צו זאָגן, אַז די נטיה נאָך רעכטס פירט איבער אונזער שטעלונג אויך בנוגע דעם עיקר פון אידישער אַרבייט. מיר זיינען מכריז אויף דעם חוב פון אידישער אַרבייט, אָבער מיר שפּירן ניט קיין דרוק פון אַלגעמיינע ציוניסטן. וואָלט דער דרוק געווען, וואָלט מען אויך געקענט דעם צווייטן צד צווינגען״. (הציוני הכללי).

אַז דער אַלגעמיינער ציוניזם פון דער ב׳ ריכטונג האָט באמת נעזינדיקט אין דעם פּונקט עבודה עברית זאָגט אונז ניט קיין אַנדערער ווי ד״ר מאָסינזאָן אַליין: „אמת, דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט געזינדיקט אין פּונקט פון עבודה עברית ביז איצט. ער האָט זיך באַקענט צו דעם עיקר, האָט אָבער פאַר אים קיין זאַך ניט געטאָן. דורך דעם האָט ער געמאַכט מעגליך, אַז אַנדערע זאָלן איבערנעמען דעם מאָנאָפּאָל אין דעם ענין און אים פאַרלייען א באַ־זונדער ריכטונג, וועלכע איז ניט שטענדיק די ריכטיקע״. (הציוני הכללי נומער 11).

ניט קוקענדיק אַלזאָ אויף די פּרינציפּיעל פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער עבודה עברית, מוזן מיר אַלזאָ פעסטשטעלן, אַז למעשה זיינען דאָ אונטערשיידן צווישן די ריכטונגען א׳ און ב׳ בנוגע צו דער

פאַרווירקליכונג פון אַט דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דעם ציוניזם בכלל. אַט די הבדלים אין דער פאַרווירקליכונג פון דער עבודה עברית שטייען, ווי יעדער וועט זען, אין איינגסטן צוזאַמענהאַנג מיט דער שטעלונג פון די ריכטונגען צו חלוציזם און פּריוואַט־איניציאַטיוו. ריכטיקער, עבודה עברית איז איינע פון די מאָמענטן, וועלכע פילן אָן דאָס פּראָבלעם פון חלוציזם און פּריוואַט־איניציאַטיוו מיט קאָנקרעטן אינהאַלט. וואָס מער מ'באַטאָנט חלוציזם, אַלץ מער וועט מען נאַטירליך זיין פאַר א חלוציאַנישער עליה, א חאַלוציאַנישער התישבות און דערעיקירשט דורכאויס פאַר עבודה עברית אין וואָרט און האַנדלונג. וואָס מער מ'איז דאַקעגן פאַר פּריוואַט־איניציאַטיוו, אַזוי וועט מען זיך אַלץ מער איינזעצן פאַר עליה און התישבות פון דעם מיטעלשטאַנד און אַלץ שוואַכער וועט זיין די שטעלונג אָדער לכל־הפחות די פּראַקטישע פאַרווענדונג פון דעם עיקר פון אידישער אַרבייט. עס פרעגט זיך דאַבּיי וואָס איז אייגענטליך דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אידעאָלאָגישער גורם, וועלכער צווינגט די ריכטונגען אויף זייערע פאַרשידענע וועגן אומעטום, וואו עס שטויסן זיך צוזאַמען די אינטערעסן פון חלוציזם און פּריוואַט־איניציאַטיוו?

די תשובה אויף דעם לאָזט זיך זייער לייכט געבן געראַדע אין דעם פּונקט עבודה עברית. דער אידישער אַרבייט־געבער אַלזאָ געוויינליך דער אידישער קאַפּיטאַליסט פון דעם מיטעלשטאַנד האָט אין דעם פּונקט אַלס פּרט עקאָנאָמישע אינטערעסן, וועלכע שטייען אין בולט'סטן קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון דעם אידישן אַרבּייטער. דער אידישער אַרבייטער איז טייערער פאַר דעם ניט־אידישן, אַזוי אַז דער אַרבייט־געבער איז נוטה זיך אונטערצוגעבן זיינע איינצעלע אינטערעסן. דאַקעגן איז אָבער דאָס אידישע פאָלק, וועלכע זוכט זיין גאולה אין ארץ־ישראל, בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם אַז די אידישע אַרבייט זאָל גע־געבן ווערן אידישע אַרבייטער, וויל דורך דעם ווערט פאַרברייטערט די אידישע באַזיס, די אויפנעם־פעהיקייט פון לאַנד און ממילא אויך פּאַרפּעסטיקט דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער און דאָס פּאָליטישע געוויכט. די פּריוואַט־איניציאַטיוו און דער פּריוואַט קאַפּיטאַל, ציען אַלזאָ זייער יניקה פון איזאָלירטע פּרט אינטערעסן, וועלכע נעמען ביי א צוזאַמענשטויס פון אַט די אינטערעסן מיט די פון דעם כלל, גאַנץ נאַטירליך די אויבערהאַנט. דאָס הייסט בשום

אופן ניט, אז דער פּריוואַט קאַפּיטאַל קען ניט זיין כלל ישראל׳דיק. ער קען דאָס זייער און זייער גוט זיין, נאָר דאַצו געהערט אַ באַשטימטער תנאי: אַ נאַציאָנאַלע קאָנטראָל איבער דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל. האָבן מיר אָט די קאָנטראָל אַזוי קען דער פּריוואַט קאַפּיטאַל זיין כלל ישראל׳דיק, האָבן מיר דאָס ניט, אַזוי מוז דער פּריוואַט קאַפּיטאַל, אַ שליח פון דעם עגאָאיסטישן יחיד, זייער אָפּט אויסשלאָגן בניגוד צו די אינטערעסן פון כלל, ווי מיר זען דאָס אונטער אַנדערן אין דעם פּונקט פון עבודה עברית. אין דער שטעלונג פון די ריכטונגען צו דער נאַציאָנאַלער קאָנטראָל פון דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, לאָזט זיך אַלזאָ אויפדעקן דער אמת׳ער כאַראַקטער פון דער פּריוואַט איניציאַטיוו. אַלץ וואָס קומט פון אַ כלל־וואָרצעל און איז באמת כלל ישראל׳דיק וועט זיין פאַר דער קאָנטראָל, דאַקעגן אָבער דאָס וואָס ציט זיין יניקה פון פּרט־אינטערעסן וועט זיין קעגן. ווי שטעלן זיך אַלזאָ דיביידע אַלגעמיין ציוניסטישע ריכטונגען א׳ און ב׳, פון וועלכע די ערשטע איז מער פאַר חלוציזם און די צווייטע איז מער פאַר פּריוואַט־איניציאַטיוו, אַנערקענען אָבער ביידע די נחיצות סיי פון דעם חלוציזם און סיי פון דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, צו דער פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער קאָנטראָל איבער דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל? „דער רעדנער" (ד״ר גליקסאָן) — לייענען מיר אין דעם באַריכט פון דער לעצטער אַלגעמיין־ציוניסטישער קאָנפערענץ אין תל אביב — „האַלט, אַז דער אַלגעמיינער ציוניזם דאַרף פאָדערן אַנאַציאָנאַלע קאָנטראָל איבער דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, פּונקט אַזוי ווי דאָס ווערט גע־פאָדערט בנוגע דער אַרבייט. ס׳איז נויטווענדיק אַ נאַציאָנאַלע אויפזיכט אין דער עקאָנאָמיק, ווייל פּריוואַטער קאַפּיטאַל פאַרמאָגט אַפילע נעגאַטיווע מאָמענטן. אין דערינען שטעקט דער הויפּט־זעכליכער קעגנזאַץ צווישן די מיינונגען פון ד״ר גליקסאָן און ה׳ סופּראַסקי, באשר סופּרסקי און זיינע חברים זיינען פאַר אַ פרייען כחות־שפּיל פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו". (אידישע שטימע נומער 4937. די צושפּרייטונג איז מיינע — ש.) אַז דאָס איז ניט נאָר אַ אונטערשייד אין טעאָרעטישע מיינונגען, נאָר טאַקע אַ אונטערשייד פון פּראַקטישן האַנדלען באַווייזט די שטעלונג פון די רעכטע אַלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע זיינען קעגן דעם, אַז דער ועד־הלאומי זאָל זיך אַריינמישן אין אַרבייט

קאָנפליקטן. אַלס ביישפּיל קען אָנגעפירט ווערן די שטעלונג פון ח׳ סופּראסקי אין ועד־הלאומי בשעת דעם באַקאַנטן סכסוך אין פּתח־תקוה, וועלכן דער ועד הלאומי האָט דערלייידיקט אויפן וועג פון אַרביטראַזש. (מ. גליקסאָן „הארץ״ פון 25 יוני 1935).

ביי דעם ליכט פון אָט דעם לעצטן מיינונגס און האַנדלונגס־אונטערשייד ווערט גאַנץ קלאָר די פאַרשיידענהייט פון די שטעלונגען מצד דיביידע אַלגעמיין ציוניסטישע ריכטונגען צו דעם פּראָבלעם פון חלוציזם און פּריוואַט קאַפּיטאַל בכלל, אַ פאַרשיידענהייט, וועלכע איז בשום אופן ניט קיין צופעליקע, נאָר איז אַתוצאה פון זייערע אמת׳ע מהות׳ן. די ב׳ ריכטונג, וועלכע איז, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, פאַר אַ קאָלעקטיוון עגאָאיזם אַלס טרייב־ קראַפט אין דער פאַרווירקליכונג פון דער כלל אידייע, איז מער פאַר פּריוואַט איניציאַטיוו. די א׳ ריכטונג דאַקעגן, וועלכע שליסט אויס דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם ביי דער פאַרווירקליכן פון דער סאָציאַל־פּאָליטישן הויפּט טעזע פון דער אַלגעמיין ציוניזם איז מער פאַר חלוציזם. דאָס אידעאָלאָגיש אינטערעסאַנטע איז דערעיקרשט דאָס וואָס די ריכטונג ב׳ איז אַוועק אַזוי ווייט אין די קאָנסעקווענצן פון איר קאָלעקטיוון עגאָאיזם, אַז זי וואַרפט פּאַקטיש אָפּ די נאַציאָנאַלע קאָנטראָל איבער דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל, ד. ה. זי שטעלט זיך אין תוך אַנטקעגן דעם אידעאַל, וועלכן זי וויל פאַרווירקליכן. אָט אַזוי האָט דאָס לכאורה נאָר מעטאָדיש פאַרשיידענע זיך אַנטפּלעקט אַלס טיפער מהות׳דיקער אונטערשייד. בויט די ב׳ ריכטונג אויף דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם פון דעם מיטעלשטאַנד, מעג זי דאָס אַפילו טאָן מיט דער ערליכער און אויפריכטיקער כוונה צו פאַרווירקליכן די כלל ישראל אידייע, אַזוי איז דאָס אין תוך ניט קיין באַשטימטער מעטאָד, נאָר אַ באַשטימטע מהות. דאָס האָט אין זיינע לעצטע קאָנסעקווענצן, אַ דאַנק דער אינערער זעלבסשטענדיקער געזעצליכקייט פון די עקאָנאָמיש מאַטעריאַליסטישע פּרינציפּן, געפירט און געמוזט פירן צו אַ פּאַקטישער נעגירונג פון דער כלל ישראל אידייע. מעג מען טעאָרעטיש נאָך ריידן וועגן כלל ישראל׳דיקייט, יעדעס מאָל אָבער ווען מ׳וועט די טעאָריע דאַרפן פאַרוואַנדלען אין פּראַקטיק,, וועלן ווי ס׳איז באמת דעם פאַל ביי דער ב׳ ריכטונג, שטענדיק זיגן די אַנטי־כלל ישראל׳דיקע טענדענצן, וועלכע ליגן אין יסוד פון איר

מהות, אַלס אַ קאָלעקטיוו ענגאַאיסטישע סאָציאַלע ערשיינונג. די ריכטונג א׳ דאַקעגן, וועלכע איז קעגן יעדן קאָלעקטיוון עגאָאיזם אַלס טרייב קראַפט פאַר די פאַרווירקליכונג פון דער כלל ישראל אידייע, איז פריי דערפאַר פון איר געזעצליכקייט ווי פון עקאָנאָמיש מאַטעריאַליסטישע פּרינציפּן בכלל, אַזוי אַז די פאַרוואַנדלונג פון דער טעאָריע אין פּראַקטיק שטויסט זיך ניט אָן אויף קיינע אַנטאַגאָניסטישע טענדענצן.

די שפּאַנונגן פון די ביידע אַלגעמיין־ציוניסטישע ריכטונגען, לערנען אונז אַלע די פריערדיקע באַטראַכטונגען, איז בשום אופן ניט נאָר אַ פּראַקטישע נאָר טאַקע אַ אויסגעשפּראָכן אידעאָלאָגישע פּראָבלעם. מ׳גייט זיך פאַנאַנדער אין דער פּראַקטיק, ווייל מ׳גיט זיך פאַנאַנדער אין דער טעאָריע. דאָס פאַנאַנדערגיין זיך אין דער טעאָריע, לערנען אונז ווייטער די זעלבע באַטראַכטונגען, איז ניט נאָר אַמעטאָדיש דיווערגירן, ווי עס זעט אויס לכאורה, נאָר טאַקע אַ טיפער הבדל אין דעם מהות. אָנהויבנדיק מיט סאָציאַלן פּאַרטיקולאַריזם גייט די ב׳־ריכטונג אריבער צו קאָלעקטיוון עגאָאיזם, אַנטפּלעקט זיך אַלס עקאָנאָמיש־מאַטעריעלע ערשיינונג און נעגירט לסוף פאַקטיש די כלל ישראל׳דיקייט. די א׳ ריכטונג דאַקעגן, וועלכע איז און בלייבט סאָציאַל אוניווערסאַליסטיש גייט צו אַ קאָלעקטיוון אַלטרואיזם, אַנטפּלעקט זיך אַלס אַ געזעלשאַפטליך־אידעאַליסטישע ערשיינונג און אין איר פאַקטיש מחייב די כלל ישראל׳דיקייט. די בעסטע איליוסטראַציע פאַר אָט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אידעאָלאָגישע שפּאַנונגען און אונטערשיידן איז דער ענין פון דעם אירגון, וועלכער האָט די ביידע טיילן פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם שאַרף אָוועק געשטעלט איינעם קעגן דעם אַנדערן און איז לסוף געוואָרן דער פּאַרטייאישער אבן־נגף איבער וועלכן די פּאַרטיי האָט זיך געשטרויכעלט און איז אויפגעשפּאָלטן געוואָרן אין צוויי העלפטן.

# י. דער אירגון.

די אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז לעצטנס געגרינדעט געוואָרן אין תל־אביב, איז געוואָרן דער פאַטאַלסטער שטרייט פּונקט פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, צונע־מענדיק ביי אים די געמיינזאַמע שפּראַך און די געמיינזאַמע באַזיס. דאַביי איז איינס גאַנץ באַשטימט זיכער — ניט דער אירגון אַלס טייל־פראַגע האָט אַזוי דערהיצט די געמיטער און לסוף געשפּאַלטן די אָרגאַניזאַציע, נאָר דער אירגון אַלס ברען און זאַמעלפּונקט, אין וועלכן ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע ניגודים און שפּאַנונגען צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען און זיינען דאָ דערפירט געוואָרן צו זייער פּראַקטיש־אַנטאַגאָניסטישן אויסדרוק.

וועלכע סבות האָבן געצוואונגען צו גרינדן און אויך ווייטער אויפצוהאַלטן אַ אייגענע אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער אָרגאַני־זאַציע און וואָס זיינען די טעמים דאַקעגן?

דאַביי מוז איך באַמערקן, אַז אויך אין דיזעם צוזאַמענהאַנג האַנדלט עס זיך ניט וועגן הלכה למעשה. ווי ביי אַלע אַנדערע פראַגן פון דער אַלגעמיין ציוניסטישער פּראַקטיק, אַזוי אינטערעסירט אונז אויך דאָ נאָר די טעאָרעטישע זייט, אַלזאָ אויף וויפל זי וואַרפט ליכט אויף די אידעאָלאָגיע. אָבער אויך דאָס איז כדרך הטבע מחייב זיך נעענטער צוצוקוקן צו די טעמים פון פאַר און קעגן דעם אירגון, וועלכן לאָזן זיך דרך כלל איינטיילן אין פינף מער אָדער ווייניקער פאַרוואַנדטע קאַטעגאָריעס: פּראָפעסיאָנעלע, ציוניסטיש־עטישע, פּאַרטיי אַרגאַניזאַציאָנעלע, אַלגעמיין נאַציאָנאַלע און פּאַרטיי אידעאָ־לאָגישע. הויבן מיר אָן פון די פּראָפעסיאָנעלע.

די אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבעטער, טענה'ן די אָנהייגער פון דעם אירגון, זיינען אין דער הסתדרות אַ פרעמד־פּאַרטייאישער עלעמענט און אַלס אַזעלכע ווערן זיי פאַרשמעלערט אין זייערע רעכט און ממילא אויך אין די נוצן, וואָס אַ אַרבייטער קען ציען פון אַ פּרעפעסיאָנעלן פאַראיין. אויף דעם ווערט געענטפערט פון דעם צד שכנגד, אַז ערשטענס ווערן די רעכט פון דער אַלגעמיין ציוניסטישן אַרבייטער אין דער הסתדרות בשום אופן ניט געשמעלערט. צווייטנס רעט מען שוין יע פון פּראָפעסיאָנעלע טעמים, אַזוי מוז מען זאָגן אַז זיי דיקטירן דוקא, אַז מ'זאָל יע זיין אין דער הסתדרות. אַ פּראָ־פעסיאָנעלער פאַראיין, מיינען די מתנגדים פון דער אירגון, קען נאָר דאַן זיין שטאַרק, ווען ער האָט הינטער זיך דעם געאייניקטן און

איינהייטליך געשלאָסענעם ווילן פון אלע אַרבייטער, וועלכע געפינען זיך אין לאַנד. איז דאָס ניט דער פאַל, אַזוי וועלן נאַטירליך ביידע טיילן ליידן, אָבער דער קלענערער טייל, וועלכער וועט זיין דער אירגון, וועט ליידן מער, ווי דער גרעסערער פשוט דערפאַר, ווייל ער איז דער שוואַכערער. „די שאַפונג פון אַ באַזונדערער אַלגעמיין ציוניסטישער אַרבייטער אָרגאַניזאַציע... שטעלט אויף אַ מחיצה צווישן אַט דער יוגענט און צווישן דער ארץ ישראל'דיקער אַרבייטערשאַפט, וועמענס מערהייט בלייבט אָרגאַניזירט אין דער הסתדרות". („העולם" 1935 נומער 24, דער חוזר פון דער הנוער הציוני).

די הסתדרות, טענה'ן ווייטער די חסידים פון דעם אירגון, איז ניט נאָר אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, נאָר גלייכצייטיק אַ פאַרטיי מיט אַ באַשטימטער, שאַרף־אָפּגעצייכנטער און קלאָרערער פאַרטייאישער וועלט אנשויאונג און פאַרטייאישער אידעאָלאָגיע. אין די רייען פון די אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער זיינען אָבער דאָ אַזעלכע, וועמענס פאַרטייאישער געוויסן דערלויבט זיי ניט אריינצוטרעטן אין די רייען פון דער הסתדרות. זיי טאָרן אָבער אויך ניט געלאָזן ווערן מחוץ פון אַ אַרבייטער - אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל שיצן זייערע אינטערעסן. דעריבער ווערט זייער אַקטועל די פראַגע פון אַ פּראָפעסיאָנעלער אַלגעמיין־ציוניסטישער אַרבייטער־אָרגאַניזאַציע, אַוואו אונזערע אַרבייטער זאָלן קענען געניסן אַ פּראָפעסיאָנעלן שוץ, ניט מוזנדיק דאַביי איינגיין אויף געוויסע קאָמפּראָמיסן מיט זייער ציוניסטיש־פאַרטייאישן געוויסן.

אנערקענט דער צד שכנגד אָט די גערעכטע פאַרטיי־עטישע טענה, נאָר מיינט ער, אַז די מסקנות, וועלכע די חסידים פון דעם ארגון ציען פון דעם זיינען ניט די ריכטיקע. „די הסתדרות" — זאָגט ד"ר גליקסאָן אויף דער לעצטער קאָנפערענץ אין תל־אביב — „פּראָקלאַמירט אייגענטליך די פולשטענדיקע פּאָליטישע און פּאַרטייאישע פרייהייט פון אירע חברים. אָבער דאָס איז בלויז אַ פראַזע. אינזערע חברים פילן זיך ניט גוט דאָרטן. דער אויסוועג דערפון איז אָבער ניט צו שאַפן אַנייע אָרגאַניזאַציע, נייערט איבערבויען די הסתדרות אין אירע מוסדות אויף נייע יסודות, וועלכע זאָלן דערמעגליכן די אַרבייטער פון פאַרשיידענע ריכטונגען צו פילן זיך דאָרטן ווי ביי זיך אין דער היים". (ציטירט לויט אידישע שטימע נומער 4937). אחוץ דעם, מיינען די מתנגדים פון דעם אירגון, רעט

מען פון געוויסען און עטיק אזוי מוז מען ברענגען אין חשבון, אז דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אַרבייטער, ניט קוקענדיק אויף זיין כלל — ישראלדיקע און אַלגעמיי־נאַציאָנאַלע איינשטעלונג, איז און בלייבט אַ אַרבייטער. אַלס אַזעלכע סאָלדאַרזירן זיך זייער אַסך פון זיי מיט אַלע ארבייטער פון אַנדערע לאַגערן, וואו זיי זאָלן ניט זיין. קען מען איין צד ניט צווינגען גיין אין די הסתדרות קענען זיין געוויסן, אזוי קען מען פון צווייטן זייט דעם אַנדערן טייל ניט צווינגען אויפ־צושטעלן אַ נייע ארבייטער—אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט און מוז איינגעמען אַ קאָנקורענץ—פּאָזיציע צו דער שוין עקסיסטירנדער. „די אַלוועלטליכע אַלגעמיין ציוניסטישע פּאַראייניקונג״ — הייסט עס אין דעם ערשטן כרוז, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן דער ארץ ישראל־דיקער סניף פון דער „פּאַראייניקונג״ — „וועט זיך באַמיען צו באַ־פרידיקן די באַדערפעניש פון דעם הנוער — הציוני און דעם אַלגע־מיין—ציוניסטישן אַרבייטער און חלוץ און צו לייזן זיינע האַרבע פּראָבלעמען ניט אויף דעם וועג פון טיילונג, קאָנקורענץ און פיינט־שאַפט צו די ארבייטער פון אַנדערע לאַגערן, ווי אויך ניט דורך קינסטליכע שאַפונגען, וועלכע האָבן ניט קיין האַלט און קענען וועלכע עס טרעטן אַרויס די בעסטע פון די אַלגעמיין - ציוניסטישע אַרבעטער און חלוצים אַליין, נאָר אויף פּאָזיטיווע און קאָנסטרוקטיווע וועגן״. (הארץ 21 יוני 1929).

דער וויכוח איז נאַטירליך דאַמיט בשום אופן נאָך ניט באַענדיקט. ביידע צדדים האָבן נאָך אַסך וואָס צו זאָגן און וואָס צו ענטפערן און גייען אַלץ מער און מער אַריבער פון ווייניקער וויכטיגע צו מער וויכטיקע און זייער וויכטיקע טעמים, וועלכע שפּילן אַריבער אויף די געביטן פון די פּאַרטיי אָרגאַניזאַציאָנעלע, נאַ־ציאָנאַל ציוניסטישע און פּאַרטיי־אידיאָלאָגישע ארגומענטן פון פּאַר און קעגן. אזוי ווי אָט די מאָמענטן, זיינען דאָס געראַדע די - יעניקע וועלכע האָבן די אמת'ע פּרינציפּיעלע באַדייטונג פּאַר אונזערע אידעאָלאָגישע באַטראַכטונג, וועלן מיר זיך אויף זיי אָפּשטעלן אביסל ברייטער.

יאָרנלאַנג טענה'ן די יוגנטליכע אָנהייגער פון דעם אירגון, וועלכע שטייען היינט פּאַקטיש אין זיינע אָרגאַניזירטע רייען און פילן זיי אָן מיט רעאַלן לעבן, האָט דער אַלגעמיין ציוניסטישער חלוץ אויפגענומען אין גלות זיין באַזונדערע אַלגעמיין - ציוניסטישע תורה און האָט געשטרעבט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה צו האָבן די זכיה עולה צו זיין און זי דאָרט צו פּאַרווירקליכן. דער נעכטיקער

חלוץ, היינטיקער עולה איז דער מאָרגנדיקער אַרבייטער, וועלכער מוז קומענדיק קיין ארץ – ישראל האָבן אַרבייט כדי צו לעבן און צו עקסיסטירן. ערשט ווען ער האָט דאָס, קען ער טראַכטן וועגן זיין אַלגעמיין – ציוניסטישער תורה און איר פאַרווירקליכונג. האָבן אַרבייט הייסט אָבער גיין צו דער הסתדרות, דען די אַלגעמיינע ציונים אין ארץ ישראל האָבן ניט קיין אַרבייטס־קאַמער און קענען ממילא ניט געבן קיין אַרבייט אָט אַזוי ענטשטייט די ערשטע ענטוישונג פון דעם אַלגעמיין ציוניסטישן אַרבייטער. קומענדיק קיין ארץ ישראל מוז ער זייער באַלד איינזען אַז לעבן און עקסיסטירן קען ער נאָר מיט דער הילף פון אַנדערע ניט — אַלגעמיין - ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס, דערעיקרשט פון דער הסתדרות. ער גייט אַהין, איז זיך מתקרב צו זיי און קריגט סוף כל סוף אַרבייט. דאָס בינדט אים אָבער אינערליך צו דער הסתדרות און מיט דער צייט הערט ער אויף צוליב די אַדער יענע סבה מבחין צו זיין צווישן דעם עקאָנאָמיש פּראָפעסיאָנעלן און פּאָליטישן צד פון דער הסתדרות. וואָס ווייטער אַלץ מער פאַלט ער אונטער דער השפעה פון דער הסתדרות און גייט פאַרלאָרן דער אַלגעמיין ציוניסטישער באַוועגונג. (עקביה בן מהולל, לבטים, אַאיינמאַליקע איסגאַבע פון דעם אירגון, תל – אביב 1935).

זאָגן מיר שוין, אַז דער אַלגעמיין ציוניסטישער יחיד האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער פּאָליטישער השפעה פון דער הסתדרות, איז אויך דאַן די לאַגע האָפנונגסלאָז. אין בעסטן פאַל קענען די אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער דאָרט בילדן אַקליינע מינדערהייט, וועלכע וועט אַגעוויסע צייט זיך אַנטקעגן שטעלן די פּאָליטישע השפעות פון דער הסתדרות. וועט אָבער זייער לאַנג זיך ניט קענען האַלטן קעגן דעם ים פון די סאָציאַליסטישע אַרבייטער און וועט סוף כל סוף אונטערגיין אין דער פרעמדער מערהייט. (ד"ר שוואַרצבאַרט).

אָט די סכנה איז געוואָרן נאָך גרעסער, צייט עס זיינען אוועק פון דער הסתדרות די רעוויזיאָניסטן, גראָססמאַניסטן און מזרחיסטן און די אַלגעמיין – ציוניסטישע אַרבייטער זיינען אַליין געבליבן מיט די טרעגער פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. (לבטים, לייטאַרטיקל) דער מאָמענט האָט נאָך געשאַפן אַ ווייטערע קאָמפּלי־קאַציע. זייט דעם עס איז געשאַפן געוואָרן די נייע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע פון די רעוויזיאָניסטן זיינען אַהין אַוועק די - יעניקע אַלגעמיין - ציוניסטישע אַרבייטער, וועלכע האָבן ניט געקענט גיין אין די הסתדרות, האָבן אָבער ניט געקענט און ניט געוואָלט בלייבן אָן אַפּראָפעסיאָנעלן שוץ. הורכדעם איז געשטעלט געוואָרן אין

גרויס סכנה די אָרגאַנישקייט און די איינהייטליכקייט פון דער אַלגעמיין - ציוניסטישער פּאַרטיי און דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל אַ פּאַרטיי קען ניט עקסיסטירן, אויב אירע חברים נעמען אַנטייל אין צוויי צווישן זיך פיינטליכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ציען זייער מיטגלידער אין פאַרשיידענע זייטן און ריכטונגען. (ש. אוסישקין).

אין אַט די אַלע אַרגומענטן פון די אָנהייגער פון דעם אירגון טרעט אונז אַנטקעגן דער פעסטער ווילן און דער ענטשלאָסענער רוף צו פולער פּאַרטייאיש - אָרגאַניזאַציאָנעלער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. „מיר ווילן לעבן" — שרייבט ש. אפשטיין אין לבטים — „מיר ווילן אַזעלבסטשטענדיק לעבן און ענטוויקלונג אין דעם ראַמען פון אונזערע באַשטרעבונג און אונזער הסרה. אַט דעם ווילן, קענען מיר פאַרווירקליכן נאָר אַלס אַבאַזונדערער, לעבעדיקער אָרגאַניזם". אַז אַט די פאָדערונג פון פולער פּאַרטייאיש־אָרגאַני־זאַציאָנעלער פרייהייט און זעלבסשטענדיקייט איז אַסך אַברייטערע און באַציט זיך אויף אַלע געביטן פון דעם אַלגעמיין - ציוניסטישן לעבן פון וועלכע דער אירגון איז נאָר אַ איינצעלפאַל, וועלכער איז איצט צוליב געוויסע סבות געשטעלט געוואָרן אין דעם אויבענאָן פון אינטערעס, זאָגט אונז גאַנץ בפירוש דער שעפער פון דעם „וועלט־פאַרבאַנד" ד"ר שוואַרצבאָרט. ד"ר וואַרצבאָרט גייט אויס פון דעם ריכטיקן שטאַנדפּונקט, אַז דער אירגון איז נאָר אַ אויסשניט וועגן אויך אַוויכטיקער פון דעם גרויסן פּראָבלעמען ־קאָמפּלעקס, וועלכער טיילט דיביידע אַלגעמיין ציוניסטישע ריכטונגען און טרייבט זיי אין פאַרשיידענע זייטן. אין וואָס ליגט אַלזאָ דער אַנטאָגאָניזם צווישן א' און ב', וועלכער איז אָרגאַניש אַריבער אויף זייערע שטעלונגען צו דעם אירגון?

קנעכשאַפט! — ענטפערט אויף דעם ד"ר שוואַרצבאָרט. „דאָס איז די הויפּט־סבה פון דער צוריסענקייט אין דעם אַלגעמיין ציוניס־טישן לאַגער. דער גאַנצער ויכוח צווישן די צוויי פאַרשיידענע פליגלען און דער אַלגעמיין - ציוניסטישער באַוועגונג דרייט זיך אַרום דער פראַגע צו זאָל מען גיין מיט די לינקע, צו מיט די רעוויזיאָניסטן. פון דעם ויכוח שפרינגען אַרויס אַלע ווייטערע חלוקי - דיעות, אַלע ווייטערע צאַנקערייען און רייסערייען, (ציטירט לויט אידישע שטימע נומער 4824).

ד"ר שוואַרצבאָרט איז אין אַט דעם געשטעלטן פּאַרטיי - אידעאָלאָגישן דיאַגנאָז גאַנץ באַשטימט ניט גערעכט. דאָס טענדירן

פון דיביידע אלגעמיין - ציוניסטישע ריכטונגן כלפי די רעכטע און כלפי די לינקע קען ניט זיין קיין סבה, ווער רעט נאך אהויפט - סבה. זי איז אין דער אמת'ן נאר אתוצאה פון אאנדער סבה, וועלכע מאכט אויס זייער ריכטיקן מהות. ווארום אויב ניט אזוי איז דאן ניט צו פארשטיין, פארוואס צוויי מענשן - גרופן, וועלכע באזיצן פארשיידענע פאליטישע, עקאנאמישע, סאציאלע און קולטורעלע טענדענצן (אזויאיז דאך דער מצב פון רעכטס און לינקס) זאלן איבערהויפט גאר טראכטן וועגן א פאראייניקונג, ארומקעמפן ארום איר יארלאנג, זיך פאראייניקן און שפירן אאמתן צער, ווען אט די פאראייניקונג איז לסוף אויפגעריסן געווארן. זיי וואלטן דאך פון אנפאנג אן געדארפט זוכן ניט קיין וועגן איינע צו די אנדרע, נאר צו די פון רעכטס און צו די פון לינקס. פון דעם איז קלאר, אז די נטיות נאך רעכטס און נאך לינקס זיינען ניט קיין זעלבסטשטענדיק ווירקענדיקע כחות פון די ביידע אלגעמיין—ציוניסטישע פליגלען, נאר א תוצאה פון זייערע מהותן, וועלכע זיינען פון איין זייט אל־געמיין — ציוניסטיש פארוואנדט, פון צווייטן זייט דאקעגן האבן זיי הבדלים, וועלכע טרייבן זי יאין פארשיידענע זייטן. קורץ די פארשיידענע סאציאלע טענדענצן זיינען ניט קיין סבה, ווי שווארצ־בארט מיינט, נאר אתוצאה, וועלכע דארף גאר אליין דערקלערט ווערן און ניט געלייגט ווערן אלס דערקלערונג אין יסוד פון אנדערע אלגעמיין — ציוניסטישע ערשיינונגען.

ווי ס'זאל ניט זיין, אונז איז דא וויכטיק ניט די עצם הנחה פון ד"ר שווארצבארט וועגן די חלוקי־דעות פון א' און ב', נאר די מסקנה, וועלכע ער ציט פון דעם לגבי דעם ארגון. ווען ניט די קנעכט־שאפט פון די אלגעמיינע ציוניסטן פון די ביידע ריכטונגען, וועלכע צווינגט זיי צו דעם ויכוח מיט וועמען צו גיין, צו מיט רעכטס צו מיט לינקס, אנשטאט צו גיין דעם אייגענעם, פרייען און זעלבסט־שטענדיקן וועג, וואלט מען זייער לייכט זיך געקענט צוזאמענריידן אין אלע פראקטישע ענינים, אין דעם כלל אויך וועגן דעם אירגון. די אלגעמיינע ציוניסטן מוזן אנהויבן זיך צו אריענטירן אויסשליס־ליך אויף זיך אליין אין אלע דערשיינונגען פון דעם ציוניסטישן לעבן, דאן וועלן פאזיטיוו דערלייזט ווערן אסך אנדערע שטרייט—פראגן ווי אויך די פראגע וואס אינטערעסירט אונז דא וועגן א באזונדערער ארבייטער—ארגאניזאציע. „עס איז דאך קלאר און זעלבסטפאר־שטענדליך, אז א שטארקע, זעלבסשטענדיקע, אומאפהיינגיקע, פרייע ניט פארקנעכטעטע באוועגונג מוז האבן אירע אייגענע פאך —

ארגאניזאציעס אין וועלכע זי קען פריי באשטימען דעם גאנצן אי־
רעאלאגישן פרצוף פון אירע אנהייגער און דערציען לויט אירע איי־
גענע געזעצן און אידעאלן". (דארט).

דער געדאנק, אז דער אירגון איז אלאגישע און ארגאנישע
קאנסעקווענץ פון „אשטארקער, זעלבסטשטענדיקער, אומאפהייני־
קער, פרייער און ניט פארקנעכטעטער" אלגעמיין—ציוניסטישער
באוועגונג איז איסודותדיקער ארגומענט פון די אנהייגער פון דעם
ארגון, וועלכע האבן אים, ניט קוקנדיק אויף דעם סטאטוס־קווא
באשלוס פון דער ערשטער קראקאער קאנפערענץ, סוף ־ כל ־ סוף
געגרינדעט און דאמיט ארויסגערופן אשטורם אין די רייען פון דעם
צד ־ שכנגד. די שווערע לאגע וועלכע האט זיך דאביי געשאפן,
האט ד"ר שווארצבארט געצוואונגען נאכאמאל און אויספירליך
צו נעמען שטעלונג צו דער אירגון—פראגע און ווייטער אויסצו־
בויען דעם ארגאניזאציאנעל־ארגאנישן ארגומענט, וועלכער הייסט לויט
זיין מיינונג געביטעריש צו שאפן דעם אירגון, ווען ער וואלט נאך ניט
געווען און אים צו דערהאלטן, ווען ער איז שוין דא. ד"ר שווארצ־
בארט איז אמת מודה, אז דאס שאפן פון דעם אירגון איז געווען
א פארלעצונג פון די באשלוסן פון דער קראקאווער קאנפערענץ,
אבער איצט איז דערעיקרשט וויכטיק דער מעריטארישער, אלזא דער
זאכליכער, צוועקמעסיק — נוצליכער מאמענט. „דעריבער איז וויכ־
טיק אין דער איצטיקער שעה די פראגע אויב דאס שאפן פון אבא־
זונדערער ארבייטער — ארגאניזאציע איז א נויטווענדיקייט און
איז וויכטיק פאר דער אנטוויקלונג פון אלגעמיינעם ציוניזם ווי
אזעלבסטשטענדיקע ארגאניזאציע אדער ניט... אויף דער דאזיקער
פראגע ענטפער איך א אבסאליוטן: יא!... עס איז געווען אפאטאלער
טעות אין דער אנטוויקלונג פון דער אויפלעבנדיקער אלגעמיין —
ציוניסטישער באוועגונג, וואס איר ארגאניזירטע יוגנט איז ניט
געגאנגען גלייך אויף א סעפעראטן וועג, אויף דעם איינציקן וועג,
וואס זאל דערמעגליכן איר אנטוויקלונג. צוליב דעם טעות שטייען
מיר היינט פאר דעם קריזיס אין דעם אלגעמיינעם ציוניזם, וועלכן
מיר קענען באזיגן נאר דורך גרויסע אנשטריינגונגען: די אלגעמיין—
ציוניסטישע ערציעריש—חלוצישע ארגאניזאציעס און זייער קבו־
צים אין ארץ — ישראל דארפן זיך אויפהויען ערב דער נייער קאנ־
פערנץ פון דעם וועלט—פארבאנד אויף אמאראלישער הויך, מאכן
א רעוואלוציאנערן שריט און זיך שטעלן אידעאלאגיש און פראקטיש
אויף אבאזיס פון אבאזונדערער ארבייטער—ארגאניזאציע". (ד"ר

שוואַרצבאָרט וועגן אַלגעמיין—ציוניסטישער אַרבייטער—פּאַרטיי „כווילא", לעמבערג, 26 אַפּריל 1935, ציטירט לויט „אונזער ציוניסטישער געדאַנק" קאָונאַס, 6 יוני 1935).

דאַצו קומט נאָך אוווייטערער מאָמענט. דער אַלגעמיינער ציוניזם איז אַיבער—קלאַסן באַוועגונג, וועלכער שטרעבט אויפצובויען ארץ־ישראל אין גייסט פון דער כלל—ישראל אידייע און דאָרט דורכצופירן אַ געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וואו די סאָציאַלע קעגנזאַצן זאָלן זיך האַרמאָניזירן אין דער בכורה פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. דאָס קען נאָר דאַן דורכגעפירט ווערן, ווען די אַלגעמיינע ציוניסטן וועלן האָבן דעם דאַצו פּאַסענדיקן אַפּאַראַט, די אייגענע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט פריי קענען ווירקן אין זין פון דער אַלגעמיין—ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. נאָר אַבאַזונדערע אלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער—אָרגאַניזאַציע" — שרייבט ד"ר שוואַרצבאָרט אין דעם „כווילא" אַרטיקל — „וועלכע ענטוויקלט און פאַרווירקליכט דעם אַלגעמיינעם ציוניזם ניט זייענדיק געצוואונגען זיך צו אונטערוואַרפן דעם דרוק און דעם צוואַנג פון דער איבערוויגענדיקער מערהייט פון די לינקע און דער שותפותדיקער הסתדרות, קען רעטן דעם אַלגעמיינעם, נאַציאָנאַלן איבער—קלאַסן כאַראַקטער פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם און זיינע אויפגאַבן צו לייזן די געזעלשאַפטליכע פראַגן פון די אידישע מאַסן אין דעם זיך בויענדיקן ארץ־ישראל".

אויף אָט די אַרגומענטן פון די ארגון אָנהייננגער, ענטפערט דער צד—שכנגד מיט פאָלגענדיקע קעגן ־ אַרגומענטן. קיין זאַך טענה'ן זיי, ברויכט ניט דער ישוב היינט צו טאָג מער ווי שלום און סאָלידאַריטעט הן נאָך אינעון און הן נאָך אויסן. אַלץ וואָס קען שטערן אָט דעם שלום און ארויפבאַשווערן סאָציאַלע רייבונגען מוז עלימינירט ווערן פון היינטיקן ארץ־ישראלדיקן לעבן, וואו ס'ווערן געמאַכט די גרעסטע נאַציאָנאַלע אָנשטריינגונגען פון אידישן פאָלק צו שאַפן פאַר זיך אַ אייגן און פריי פלאַץ אונטער דער זון. דער אירגון טראָגט אָבער אין זיך אַסכנה צו ווערן אַ סאָציאַלער שלום שטערער גראַדע אין אַ צייט, ווען דער שלום איז דער גרעסטער נאַציאָנאַלער חוב פון יעדן אידן און יעדן ציוניסטן און דער העכסטער געבאָט פון דער איצטיקער היסטאָרישער שעה.

דער ארגון הייסט ווייטער טיילט אויף דעם אַרבייטער פראָנט און דורכברעכט זיין איינהייטליכע אָרגאַניזירטקייט און וועט דערפאַר שאַפן אַ ספּעציעלע מחיצה צווישן דעם גרויסן אַרבייטער—צבור

און צווישן דעם אלגעמיינעם ציוניזם, וועלכע וועט מאכן אומעגליך יעדע קעגנזייטיקע השפעה און יעדע קעגנזייטיקע פארשטענדניש צווישן אט די ביידע ציוניסטישע מחנות.

נאך מער. דער אירגון שאפט אפילוג צווישן די אלג.־ציוניסטישע ארבייטער אליין. „א גרויסער טייל, אויב ניט די מערהייט פון דער אלגעמיין־ציוניסטישער ארבייטער—יוגנט איז געווען און איז נאך איצט קעגן און וויל ניט אט דעם נייען אירגון. ער בלייבט טריי געזעצליכקייט און דיסציפלין, ער גלויבט אין די מעגליכקייט צו קעמפן פאר זיין אידעאלאגישער פרייהייט אין די רייען פון דער אלגעמיינער ארבייטער ארגאניזאציע". (משה קליינמאן, „העולם" 1935 נומער 26, לייט ארטיקל).

די גרינדונג פון דעם נייען אירגון איז, טענה'ט מען ווייטער, א שווער פארגיין קעגן דעם אלגעמיינען־נאציאנאלן ארגאניזירונגס־ווילן און קעגן די געזעצליכקייט און די דיסציפלין אין דער ציוניס־טישער ארגאניזאציע. מעג די החלטה זיין גוט אדער שלעכט, דער אכצענטער קאנגרעס האט אבער זי אנגענומען און פעסטגעלעגט, אז די ציוניסטישע ארגאניזאציע אנערקענט נאר איין ארבייטער ארגא־ניזאציע. דאס איז געווען ניט סתם א החלטה, נאר א קאנגרעס־החלטה. אלס אזעלכע מוז זי זיין פאר יעדער דיסציפלינירטן ציוניס־טישן מענשן א געזעץ, וועלכער מוז בלייבן באשטיין, ביז ער וועט אפיציעל אפגעשאפט ווערן. אט די יסודות'דיקע נאציאנאל־ציוניס־טישע פאדערונג איז מיט דער גרינדונג פון דעם אירגון גאנץ ברוטאל אומגעווארפן געווארן (קליינמאן דארט).

די גרינדונג פון דעם אירגון שטייט, לויט דער מיינונג פון זיינע קעגנער, איבערהויפט אין שארפן קעגנזאץ צו דעם טיפסטן מהות פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם, וועלכע איז א אויסגעשפראכן איבער־קלאסן באוועגונג. „ווער עס טוט אן מלחמה—קליידער קעגן די ארגאניזירטע ארבייטער איז דאמיט מכריז און מודיע, אז ער קעמפט פאר דעם אנדערן קלאס פון די ארבייט־ געבער און קיין מאסקירונג וועט דא ניט העלפן, אפילו ניט אין דער פארם פון א אנדער ארבייטער־ארגאניאציע, א נאציאנאלער, פאר וועמענס טובה מ'וויל ארבייטן. מיר זיינען רייך מיט אזעלכע נסיונות, ווי אויך די גאנצע מענשהייט איז רייך מיט זיי און ניט נאר מיט דער גרינ־דונג פון „נאציאנאלע" ארבייטער—ארגאניזאציע קעגן די „סאציא—ליסטישע", נאר אפילו מיט דער גרינדונג פון „סאציאליסטישע"

פארטייען, כביכול, קעגן דעם „מארקסיסטישן“ סאָציאַליזם... אַלע ווייסן וואָס איז דער פירוש פון אָט די אָרגאַניזאַציעס און פון אָט די פּאַרטייען, וועלכע זיינען פעסטונגן פון רעאַקציע און די העלפּס־העלפער פון די אונטערדריקער... דער שטיין צוליב וועלכן עס איז צובראָכן געוואָרן די אַלגעמיין—ציוניסטישע איינִיקייט איז געווען די גרינדונג פון דער באַזונדערער אלגעמיין—ציוניסטישער ארבייטער אָרגאַניזאַציע אַלס אַ קעגן־כח צו דעם עקסיסטירנדיקן ארבייטער־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז נאָר אַ סימבאָל און אַ צייכן פאַר די פּאַרטיי־אישקייט, וועלכע באַדעקט זיך מיט דעם נאָמען אַלגעמיינעם ציוניזם..., און איז ניט אַלגעמיין, נאָר איינג פּאַרטייאיש און צילט זיך צו אַ אויסגעשפּראָכן קלאָרע קלאַסן־שטעלונג“. (קליינמאַן דאָרט).

אַ ווייטערע אידעאָלאָגישע טענה קעגן דעם אירגון איז די פאָלגענדיקע. דער ציוניזם איז לויט דער אויפאַסונג פון דעם אַל־געמיינעם ציוניזם, ניט נאָר אַ תחיה פון דעם אידישן לאַנד, נאָר אויך פון דעם אידישן פאָלק. ער שטרעבט ניט נאָר צו ליקווידירן דעם טעריטאָריעלן גלות, דאָס פאַקטישע צושפּרייטזיין צווישן פעל־קער און לענדער מיט אַלע זיינע טרויעריקע תוצאות, נאָר ער וויל אָבשאַפן אויך דעם נאַציאָנאַל־פאָלקישן גלות, אַלזאָ אַלץ וואָס ס'האָט דאָס פאָלק געבראָכן אין זיינע נאָרמאַלע עקסיסטענץ און נאָרמאַ־לער ענטוויקלונג און אים עקאָנאָמיש מאַטעריעל ווי אויך גייסטיק־קולטורעל געטריבן אויף מענשליכע אָפּוועגן און אַפּנאָרמאַליטעטן. דאָס באַפרייטע און אויפלעבענדיקע אידיש פאָלק אויף זיין היס־טאָריש אידיש לאַנד מוז ווידער ווערן, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט, נאָרמאַל אין פולן זין פון וואָרט. קודם כל און פריער פאַר אַלץ מוז עס ווערן סאָציאַל געזונט, ד. ה. עס מוז ווערן אַ אויסגע־שפּראָכן פּראָדוקטיוו פאָלק מיט אַלע פּראָדוקיווע פעלקער צוגלייך. דאָס זעצט פאַראויס אַ געזונטן און נאָרמאלן אַרבייטער־קלאַס. דאָס איז אָבער נאָר דאַן מעגליך, ווען די אַרבייטער וועלן זיין געאייניקט אין איין ארבייטער־אָרגאַניזאַציע. „אין פאַרבינדונג מיט דעם עבר“ — הייסט עס אין דעם פּראָגראַם פון „קדימה“ — „זאָל דערנייט ווערן דער אויפבוי פון דעם אידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. אויפן יסוד פון אַ געזונטער סאָציאַלער סטרוקטור זאָל דאָס פאָלק גיין אויף דעם וועג פון פּראָדוקטיווירונג פון זיינע שעפערישע כחות..: אַ געזונטע סאָציאַלע סטרוקטור איז מחייב א הויכן נאָך מעגליכקייט לעבנס־ניוואָ פון דעם אידישן אַרבייטער. דאָס צו דערגרייכן און איינצוהאַלטן מוז זיין אַ פעסטע אָרבייטער־אָרגאַניזאַציע... „קדמה“

פאַרערט דערפאַר אײן–אײנציקע און אײנהײטליכע אומפּאַרטײאישע אַרבײטער אָרגאַניזאַציע". („הארץ" פון 25 מערץ 1935).

צו אַ תחיה פון דעם אידישן פאָלק געהערט אָבער ניט נאָר דער שטאָטישער, נאָר אױך און אפשר דער׳עיקר׳שט גאָר דער דאָר־פישער אַרבײטער, דער אמת׳ער חלוץ און דאָס אמת׳ע חלוציזם. „אומזיסט װעסטו זוכן אַ ערקלערונג" — שרײבט מ. קאָלאָדני אין דעם „ציוניסטישן גערדאַנק" פון 28 יוני 1935 — „פאַר דער מי־נימאַלער, נישטיקער צאָל פון די חברים פון דעם נײען אירגון אין דאָרף. אומזיסט װעסטו פרעגן פאַרװאָס האָט זיך דער יושב־ראש ניט אָפּגעשטעלט אױף דער דאָזיקער אָנגעװײטיקטער פראַגע, װאָס פון איר לײזונג איז אָפּהײנגיק אונזער גאַנצע צוקונפט אין לאַנד".

די פראַגע פון זײן אין דאָרף איז אין תוך אַ פראַגע פון פאַר־שטאַרקן די חלוציאַנישע יסודות אין ציוניזם בכלל און אין דעם אַלגעמײנעם ציוניזם בפרט. עס מוזן געשאַפן װערן פאַקטישע באַ־דינגונגען, װעלכע זאָלן העלפן צו פאַרװאַרצלען דעם אַרבײטער בכלל און דעם אַלגעמײן־ציוניסטישן אַרבײטער בפרט אױף ערד און באָדן אין דאָרף, אין דער קאָלאָניע. געראַדע הײנט, װען די חלוציאַ־נישע ערציאונג, דער חלוציאַנישע ברען און אידעאַליזם איז אָפּגע־שװאַכט, מוז מען שאַפן אַ אױסערליכן מאָראַלישן דרוק אױף דעם אײנצעלנעם חלוציאַנישן עולה, װעלכער זאָל אים אָװעקשטעלן אױף דעם אמת׳ן װעג פון נאַציאָנאַלן חלוציזם, װעלכער פירט אין דאָרף אַרײן. דאָס איז אָבער נאָר דאַן מעגליך, װען די אַרבײט־פאַר־טײלונג אין לאַנד װעט זײן קאָנצענטרירט נאָר אין אײן אָרט. „װײל הײנט צו טאָג איז דאָך װיכטיק די אײניקײט פון דער אַרבײטער־אָרגאַניזאַציע ניט נאָר צוליב דעם װאָס עס איז נױטװענדיק אָרגאַ־ניזירטע אַרבײט אין אַ לאַנד װאו עס פעלן געזעצן, װאָס באַשיצן דעם אַרבײטער, נאָר אױך צוליב דעם װאָס אין איצטיקע טעג איז עס אַפראַגע פון אײנהיטן די חלוציאַנישע פליכטן פון יעדער אײנציקן, װעלכער מוז אומבאַדינגט פילן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ אױג װאָס זעט, אַ אױער װאָס הערט און אַ קאָלעקטיװע דיסציפּלין, װעלכער ער מוז זיך אונטערװאַרפן". (פגל. דעם הוזר פון „הנוער הציוני").

זיך שטיצענדיק אַלזא אױף אַלע אָט די אַרגומענטן איז דער אַנדערער טײל פון דעם אַלגעמײנעם ציוניזם קעגן אַבאַזונדערע אַר— בײטער־אָרגאַניזאַציע. ער לײגט פאָר צו בלײבן אין דער הסתדרות און דאָרט צו קעמפן פאַר דעם, אַז זי זאָל פּאָליטיש נײטראַליזירט

ווערן. פֿאַר דעם בלײַבן אין דער הסתדרות שטעלן זיי נאָך אַרויס אַוויטערן נאַציאָנאַל־ציוניסטישן גרונט.

אין דער איצטיקער לאַגע פֿון דער ציוניסטישער אויפֿבוי־אַרבעט מוזן אַלע נאַציאָנאַלע כחות פֿון דעם גאַנצן אידישן פֿאָלק און פֿון אַלע זיינע שיכטן און קלאַסן זיין געווענדעט נאָר אויף דעם איין־איינציקן עלעמענטאַרן ציל — שאַפֿן אַ היימאַט לאַנד פֿאַר דעם היימאַטלאָזן, אין דער גאַנצן וועלט גערודפֿטן אידישן פֿאָלק. אַלץ וואָס פֿירט ניט דירעקט צו דעם צוועק איז אַ פֿאַרשווענדונג פֿון די נאַציאָנאַלע כחות, אַלץ וואָס לענקט אָפּ פֿון דיזעם צוועק איז אַ נאַציאָנאַל פֿאַרברעכן. באַשטייען ביי אידן קלאַסן און שיכטן אַזוי דאַרף יעדער קלאַס און יעדע שיכט, בויענדיק זיך אַליין, איינפֿלעכטן זיינען מעשים אין דעם גרעסטן און עלעמענטאַרסטן ציוניסטישן ציל. אַזוי איז דאָס טאַקע ביז איצט געווען אין אַלע שיכטן פֿון דעם ציוניזם. אין דער לעצטן צייט האָבן זיך אָבער באַוויזן אין לינקן פֿליגעל פֿון ציוניזם סימפּטאָמען, וועלכע רופֿן אַרויס אין דעם הינזיכט אַ געוויסע זאָרג. אָט דאָ ליגט, לויט די מתנגדים פֿון דעם אירגון, אַגרויסע נאַציאָנאַל־ציוניסטישע אויפֿגאַבע, וועלכע צווינגט דירעקט, אַז מ׳זאָל בלײַבן אין דער הסתדרות. „מיר שטעלן פֿעסט" — לייענען מיר אין דעם איינציגע מאָל שוין דערמאָנטן חוזר פֿון דער הנוער הציוני — „אַז די שטימונגען וועלכע נעמען אַרום ברייטע קרייזן פֿון דער הסתדרות קען פֿאַרשאַפֿן זאָרג יעדעם ערליכן ציוניסטן. אין דער הסתדרות פֿאַרברייטעט זיך אין דער לעצטער צייט דער מאַטעריאַליסטישער עגאָאיזם ווי אויך ראַדיקאַלע קלאַסן־טענדענצן. אמת, דערווייל מערקט מען נאָך ניט די השפּעה פֿון אָט די קרייזן אין דער הסתדרות, עס שטייט אָבער פֿאַר דער גאַנצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די פֿראַגע ווי זאָל מען אָפּשוואַכן אָט די שטרעמונג און אָט די שטימונגען. און דאָ באַטאָנען מיר מיט דעם גרעסטן נאָכדרוק און אין פֿולן באַוואוסטזיין פֿון דער אחריות, וועלכע ליגט אויף אונז דער אַלגעמיין ציוניסטישער יוגענט אַז די איינציקע מעגליכקייט זיך אַנטקעגן צו שטעלן אָט דעם פּראָצעס ליגט אין אַ אָנגעשטריינגטער און וואָגיקער טעטיקייט אין די רייען פֿון דעם אַרבייטער צבור, זייענדיק מיטגלידער פֿון דער הסתדרות . . . אַציבור פֿון אַלגעמיין־ציוניסטישע אַרבייטער אין דער הסתדרות, וועלכער וואָלט פֿון איין זייט ניט מחלל געווען די פּאָזיטיווע ווערטן פֿון דער אַרבייטער־באַוועגונג, וואָלט פֿון דער צווייטער זייט געעפֿנט פֿאַר זיך אַ מעגליכקייט פֿאַר אַ גרויסער השפּעה פֿון דעם אַלגעמיינעם

ציוניזם אויף די שטארקע ארבייטער ארגאניזאציע. ווייסן מיר דאך אז אין דער הסתדרות זיינען ארגאניזירט טויזנטער ארבייטער, וועמענס געדאנק - גאנג איז אציוניסטישער סתם און קיין קלאסן — שטעמפל און אט די מאסן וואלט מען געקענט געווינען פאר דעם אלגעמיינעם ציוניזם".

באטראכטן מיר די ארגומענטן, וועלכע ווערן פון יעדן צד ארויסגעשטעלט פאר און קעגן דעם אירגון, אזוי זען מיר בעשיינ פערליך, אז אין אים שפיגלן זיך אפ אלע די יעניקע פארטיי-אידעאלאגישע און פארטיי פסיכאלאגישע שפאנונגן און אונטערשיידן וועלכע מיר האבן אויבן בכלל געפונען צווישן די ביידע אלגעמיין ציוניסטישע ריכטונגן, איצט ביידע אלגעמיין-ציוניסטישע ארגאניזאציעס. קודם כל און פריער פאר אלץ איז העכסט אינטערעסאנט פעסטצושטעלן, אז אויך איצט ווי אסך מאל פריער טענה'ן ביידע צדדים, אלזא הן די וואס זיינען קעגן דעם אירגון, ווי אויך די וועלכע זיינען פאר דעם אירגון אז זיי זיינען ביידע אויסדריקליך און אויסגעשפראכן פאר די כלל-ישראל אידייע. נאך מער. ביידע באגרינדן זאגאר זייערע דיאמעטראל פארשיידענע שטאנדפונקטן, דער איינער מיט כלל – ישראל קעגן דעם אירגון און דער אנדערער מיט כלל ישראל פאר דעם אירגון. זאגט דאך ד"ר שוואַרצבארט ווי מיר האבן פריער געזען בפירוש, אז דער אירגון וועט צווישן אסך אנדערע ענינים דערמעגליכן דעם איבער-קלאסן, אלזא דעם כלל – ישראלדיקן ציוניזם. צוגלייך מיט דעם שעפער פון דעם וועלט - פארבאנד באהויפטן דאס אויך אין די פארשיידענסטע וואריאציעס די יונגע חברים פון דעם אירגון, אלזא די אלגעמיין-ציוניסטישע ארבייטער, וועלכע זיינען אין דעם אירגון ארגאניזירט. (פגל. זייער איינמאליקע אויסגאבע „לבטים"). דאקעגן טענה'ן די מתנגדים פון דעם אירגון, אז די באזונדערע ארגאניזאציעס איז א בפירוש'ער בראך מיט דער כלל-ישראל אידייע, וועלכע איז מחייב, אז מ'זאל ניט רייסן, נאר איינוקן אומעטום וואו דאס איז נאר מעגליך. ס'איז אלזא קלאר, אז מיר האבן דא צו טאן מיט דעם כאראקטעריסטישן פארטיי - פסיכאלאגישן און פארטיי — אידעאלאגישן פלאנטער, וועגן וועלכן מיר האבן פריער אונז ברייטער אפגעשטעלט.

ווי אסך מאל פריער, מיין איך, אז מיר האבן אויך איצט

ניט קיין שום גרונט צו צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון די אנהייגנער פון דעם אירגון לגבי דער סאציאל־פאליטישער הויפט טענה פון דעם אלגעמיינעם־ציוניזם, אלזא לגבי דער כלל—ישראל אידייע.ביידע צדדים, אלזא אויך די אנהייגנער פון א באזונדער ארבייטער ארגאניזאציע אין דעם אלגעמיינעם ציוניזם, גלויבן באמת און טיף, אז זיי האנדלען אין גייסט פון כלל־ישראל און ארבייטן פאר איר פארווירקליכונג. הייגט פרעגט זיך דאך — צו וואס איז מעכב דעם צוזאמענרייד און וואס אלזא טרייבט זיי אין פארשיידענע ריכטונגען? דער תירוץ איז, אז מעכב איז די כלל - ישראל אידייע אליין, ריכטיקער דער אנטאגאניזם צווישן דער ארגאנישער נאר־מאלער כלל – אידייע און דער היינטיקער ארץ – ישראלדיקער ווירק־ליכקייט.

„מיר מיינען" — הייסט עס אין דעם לייט ארטיקל פון „לבטים" — „אז די גאולה פראבלעמאטיק פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם ליגט דערעיקרשט אין דעם שטח פון דער ארבייט. דא הויבן זיך אן אלע ספקות און דא רייסט זיך איבער די טעטיקייטס־ליניע פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם . . . ווייל דא טרעפט זיך די אלגעמיין - ציוניסטישע וועלט – אנשויאונג מיט דער ארץ ישראל–דיקע ווירקליכקייט. אט די ארץ־ישראלדיקע ווירקליכקייט איז געוועזן ביז איצט ניט אלגעמיין - ציוניסטיש... אלע פארזוכן און אלע אנשטריינגונגען צו ברייגגען צום אויסדרוק דעם אלגעמיינעם ציוניזם אין דעם שטח האבן ניט געהאט קיין ממשותדיקע תוצאות".

אז די ארץ ישראלדיקע ווירקליכקייט איז באמת ניט גינסטיק פאר די דירעקטע און גיכע פארווירקליכונג פון דער כלל - ישראל אידייע ווייזן מיר פון אסך אנדערע מקורים (פגל. אויבן) אינטערעסאנט איז אז דערזעלביקער מאמענט וועלכער האט אויף אלע אנדערע אלגעמיין - ציוניסטישע געביטן געטריבן צו גיין אויף אומדירעקטע וועגן לשם דער פארווירקליכונג פון דעם הויפט ציל, האט דאס אויך דא געטאן. אויך דא צווינגט דער אנטעגאניזם צווישן דער אלגעמיין ציוניסטישער טעאריע און דער ארץ ישראל'דיקער ווירקליכקייט צו זוכן אויסוועגן און ממילא אומוועגן. פאר וואס קען מען ניט ארבייטן דירעקט? — ווייל דאצו ברויכט מען, ווי פריער אויספירליך דערקלערט *). מדינה מאכט און מלוכה

---

*) פגל. אויבן.

צוואַנג. איז די מדינה־מאַכט ניטאָ, קען מען אַלזאָ ניט צווינגען אַלע צדדים צוגלייך, אַז זיי זאָלן אונטערוואַרפן זייערע פּרט־אינטערעסן (סיי פון דעם אינדיווידואוועלן און סיי פון דעם קאָלעקטיוון פּרט) אונטער די העכערער אינטערעסן פון כלל, אַזוי בלייבט נאָר איבעריק צו גיין אויף אומדירעקטע וועגן. אָט די זיינען, ווי פריער ווידער אַמאָל אויספירליך דערקלערט, דערעיקערשט צוויי. דער איינער באַשטייט אין דעם וואָס מ'ווענדעט אָן אידעאַליסטישע מיטלען, ווי אויפקלערונג, איבערצייגונג און מ'מאָנט אין נאָמען פון נאַציאָנאַל־מאָראַלישן חוב, פון נאַציאָנאַלן ווילן און נאַציאָנאַלן ענטשלוס, קורץ מ'אַרבייט מיט די אידעאַליסטישע מיטלען פון דער אַלגעמיינער מיינונג און מיט איר דרוקקלאָזן דרוק. דער צווייטער וועג זוכט ערזאַץ פאַר דאָס פעלן פון מדינה־מאַכט און געפינט דאָס אין דעם, וואָס ער שפּאַנט איין אין דעם וואָגן פון דעם איבערקלאַסישן אַלגעמיינעם ציוניזם אַ באַשטימטן קאָלעקטיוון עגאָאיזם און ווערט אַזוי ארום אַ פּאַרטיי מיט פּאַרטייען צוגלייך. אמת, דאָ ליגט אַ אָפּווייכונג פון דער כלל ישראל'דיקייט, אָבער די אָפּווייכונג, גלויבן די אָנהייגנגער, ליגט נאָר אין דעם מיטעל אָבער ניט אין דעם צוועק און דאָס אויך דווקא לשם די פאַרווירקליכונג פון דער אידייע. אַזוי האָט מען פריער איינגעשפּאַנט דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם פון דעם מיטעלשטאַנד לשם די פאַרווירקליכונג פון דעם איבערקלאַסן־ציוניזם און אַזוי טוט מען דאָס איצט מיט דעם אירגון. דאָס איז דער אומוועג פאַר דעם שטענדיק גלייכבלייבענדיקן צוועק פון דער כלל ישראל'דיקייט. „מיר זיינען געוועזן געצוואונגען" — הייסט עס אין דעם זעלבן לייט־אַרטיקל אין „לבטים" — „צו זוכן די סיבות פון אונזער אומדערפאָלג. מיר האָבן אונז געמוזט שטעלן די שאלה: ליגן די סבות פון דעם אומדערפאָלג אין דעם עצם געדאַנק און זיינע יסודות, וועלכע קענען ניט האָבן קיין אחיזה אין דער ארץ ישראל'דיקער ווירקליכקייט... אָדער די סבות ליגן אויף דעם טעכניש אָרגאַניזאַציאָנעלן שטח?... אונזערע טיפסטע איבערצייגונג איז, אַז די צווייטע דיאַגנאָזע איז די ריכטיקע און דערפאַר זיינען מיר געקומען צו דעם רעיון, צו גרינדן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער".

פונקט אַלזאָ ווי מ'האָט פריער אין נאָמען פון דער פאַר־ווירקליכונג פון דער כלל ישראל אידייע באַשלאָסן זיך צו שטיצן אויף דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם פון דעם מיטעלשטאַנד, אַזוי גרינדעט מען אויך איצט אַ באַזונדערע אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער

אָרגאַניזאַציע מיט די בעסטע, אויפריכטיקסטע און באמת ערליכע כלל ישׂראל׳דיקע כוונות. „וואָס זיינען אונזערע פאָדערונגען? — לייענען מיר אין אַ אַנדערן אַרטיקל פון „לבטים" — „אַ ציוניסטישע געזעלשאַפטס אָרדנונג! מיר זאָגן: אין דער שיקזאַל־שווערער שעה פון דעם אידישן פאָלק, וואו די גאַנצע האָפענונג הייננגט אויף דאָס איין לאַנד... טאָרן מיר ניט דערלאָזן קיינע אינערע דערשיטערונגען און קיין ברודער קאַמף. דער קלאַסן קאַמף איז דערפאַר אַ אַבסאָלוטע ציוניסטישע עברה. די טיילונג פון ישוב אין קלאַסן, וועלכע זיינען פיינטליך איינער צום אַנדערן, קען שטעלן אין סכנה אונזער גאַנצן קיום... מיר פאָדערן דערפאַר אַ ציוניסטישע געזעלשאַפטס אָרדנונג, וואו יעדער פּרט און קלאַס מוז אונטערוואַרפן זיינע אינטערעסן אונטער די אינטערעסן פון כלל... און דערפאַר איז דאָ אַ גרויסע נויטיקייט אין דער גרינדונג פון אונזער פאַראיין סיי איצט און נאָך מער להבא עס מוז געשאַפן ווערן דער סוג פון אַריינעם ציוניסטישן אַרבייטער"... (ש. סגל).

די אָנהייבער פון דעם אירגון האָבן אַלזאָ די בעסטע אַלגעמיין נאַציאָנאַלע און כלל ישׂראל׳דיקע כוונות, נאָר האַלטן זיי, אַז ביי די געגעבענע באַדינגונגען איז דער איינציקער וועג, וועלכער פירט צו כלל ישׂראל׳דיקייט, דער יעניקער, וועלכער גייט איבער פאַרטייאישן סעפעראַטיזם און קאָלעקטיוון עגאָאיזם. דאַקעגן האַלט דער צד שכנגד, אַז אין יעדעם פאַרטייאישן סעפאַראַטיזם און אין יעדעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם, מעג ער קומען אין נאָמען פון די בעסטע סאָציאַל אידעאַליסטישע כוונות, שטעקט אַ גרויסע געפאַר פאַר אָט דעם סאָציאַלן אידעאַליזם, אין אונזער פאַל פאַר די פאַרווירקליכונג פון דער כלל ישׂראל אידייע — אַ מאָמענט, וועלכער איז פריער געוועזן דער סלע־המחלקת צווישן די ביידע ריכטונגען *). דער וועג פון דעם אירגון איז, לויט די מיינונג פון די מתנגדים, ניט קיין וועג פון כלל ישׂראל׳דיקייט, נאָר דוקא אומגעקערט. זיי לייגן דערפאַר, ווי געזאָגט, פאָר צו בלייבן אין דער הסתדרות און צו זען פון איין זייט ווירקן, אַז די הסתדרות זאָל ווערן אַ ריינע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע און פון צווישן זייט צו קעמפן דאָרט דורך איבערצייגונג, אויפקלערונג און אידייאישער פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. די חסידים פון דעם אירגון גלויבן אָבער ניט אין דעם, אַז מ׳וועט קענען ווען ניט איז ענדערן דעם כאַראַקטער

*) פגל. אויבן.

פון דער הסתדרות בכלל און אז מ׳וועט דאַרט וואָס ניט איז קענען אויפטאָן פאַר דעם אַלגעמיינעם ציוניזם בפרט. אויף דעם ענטפערט דער מתנגדישע צד, אַז מ׳מוז גאַרניט דוקא גלייך ענדערן די ריכטונג פון דער הסתדרות. צוערשט וואָלט מען געמוזט שאַפן אין הארצן פון דער הסתדרות א אווטאָנאָמע אַלגעמיין ציוניסטישע אַרבייטער סעקציע, א זאַך, וואָס איז זייער מעגליך *) אַזאַ מין סעקציע וואָלט באַפרידיקט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן צורך פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, וואָלט ניט געבראָכן דעם אַרבייטער פראָנט און וואָלט געווען באמת כלל-ישראל׳דיק. ערשט ווען דאָס אַלץ זאָל ניט העלפן, וואָלט מען געקענט טראַכטן וועגן אַנדערע וועגן

מיר זעען, די חילוקי דעות שיינען אויך איצט צו זיין נאָר פון מעטאָדישן כאַראַקטער — אַ פראַגע פון וועגן און מיטלען און ניט פון צילן. אָבער פונקט ווי די פריערדיקע חלוקי דעות מכח די וועגן זיינען בשום אופן ניט געווען קיין פּראָדוקט פון מעטאָדישע, נאָר טאַקע פון מהות׳דיקע אונטערשיידן **), אַזוי איז דאָס אויך איצט אַזוי. עס איז בשום אופן ניט קיין צופאַל, וואָס די ב׳ ריכטונג ווילט אויך איצט דעם וועג פון סעפּאַראַטיזם און די א׳ ריכטונג דעם וועג פון איינקייט. דאָ ליגט אַוואַל פערוואַנדשאַפט צווישן וועג און ציל, מיטלן און צוועקן, אַלזאָ מעטאָדיק און מהות. איז דאָס טאַקע אַזוי, מוז עס זיך אויך דאָ ווי פריער אַרויסווייזן ביי אַצוזאַמענשטויס פון די אינטערעסן פון יחיד און דעם כלל, אין אונזער פאַל אַלזאָ צווישן די אינטערעסן פון דעם אירגון מיט די אינטערעסן פון די אַנדערע אָרגאַניזירטע אַרבייטער. און אין דער־אמת׳ן קריגן מיר פאַר דעם אַ קלאָרן באַווייז שוין גלייך ביי די ערשטע זעלבסשטענדיקע טריט פון דעם אירגון. ווי באַקאַנט, האָט דער אירגון צוגעשיקט דער לעצטער קראַקאַוער קאָנפערענץ אַ מעמאָראַנדום אין וועלכן ער שטעלט אַריי פאַרשיידענע פאָדערונגען. צווישן אַנדערע געפינט זיך די פאָלגענדיקע פאָדערונג: „פאַרפליכטן אַלע אַלגעמיינע ציוניסטן אין ארץ ישראל, אַז זיי זאָלן אויספירן זייערע אַרבייטן דורך אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון דעם אַלגעמיין ציוניסטישן אירגון״. („הארץ״ פון 25 יוני 1935, מועדת הבירור בקרקוי). אמת פון אָט דער פאָדערונג האָבן זיך אין קראַקאָוו אָפּגע־טרייסלט אַפילו די אָנהייגער פון דעם אירגון, אָבער גאַנץ ריכטיק

---

*) איצט באמת געשאַפן.

**) פגל. אויבן.

באמערקט מ. קליינמאַן: „ס'איז ניט ווינקטיק, וואָס מיט דער ראַדיקאַלער פאָרערונג איז געוואָרן... וויכטיק איז די טענדענץ, דער געדאַנקען גאַנג, די ענטוויקלונגס ליניע פון אַט די יוגענטליכע".
דער געדאַנקען גאַנג איז און בלייבט כאַראַקטעריסטיש און העכסט־סימפּאַטיש, ווייל ער ווייזט וואָס עס וועט פּאַסירן מיט דער כלל ישראל'דיקייט, ווען זי וועט זיך צוזאַמענשטויסן מיט זיין ענגאַאיזם, אַלזאָ מיט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דעם קאָלעקטיוו. די חלוקי דעות צווישן די חסידים און מתנגדים פון דעם אירגון, מוזן מיר איצט זאָגן, זיינען ניט קיין מעטאַדישע, נאָר מהות'דיקע. דיביידע ריכטונגען, און דאָס באַשטעטיקט זיך איצט ווידער אַמאָל, גייען אין פאַרשיידענע וועגן, ווייל זייערע מהות'ן זיינען פאַרשיידענע — זיי אַרבייטן און ווירקן אַנדערש, ווייל זיי זיינען אַנדערש.

אַט אַזוי שפּיגעלט דער אירגון אַלע די יעניקע פּאַרטיי אידעאַלאָגישע און פּאַרטיי פּסיכאָלאָגישע שפּאַנונגען און אונטערשיידן, וועלכע מיר האָבן פריער איבערהויפּט געפונען צווישן די ביידע אַלגעמיין ציוניסטישע ריכטונגען, און ווייל ער טוט דאָס, אַזוי ליפערט ער אַליין אַ ווייטערע ראיה פאַר די ריכטיקייט פון דער אויפפאַסונג פון די געגעבענע שפּאַנונגען. איין פראַגע בלייבט אָבער נאָך אָפן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אירגון. זי באַטרעפט די שטעלונג פון דער א' ריכטונג. די שאלה איז: פאַרוואָס באַקעמפט די א' ריכטונג דעם באַזונדערן אַרבייטער פאַראיין און שטייט פאַר דעם באַזונדערן אַלגעמיין ציוניסטישן קבוץ? די פראַגע ווערט נאָך האַרבער, ווען מ'קוקט זיך צו, אַז די זעלבע טענות וואָס די חסידים פון אירגון טענה'ן היינט פאַר די באַזונדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע, האָבן די מתנגדים פון דעם אירגון אַליין אַמאָל געטענה'ט לטובת דעם קבוץ. ס'האָט דאָרט געשפּילט אַ ראָליע דער אָרגאַניזאַציאָנעל־צוועקמעסיקער מאָמענט, דער נאַציאָנאַל ציוניסטישער און דער אַלגעמיין ציוניסטישער אידעאָלאָגישער, ווי אַשטייגער דער אַלגעמיינער ציוניזם איז שוואַך און האָט אַ שטאַרקן קעגנער, נאָר אַ אָרגאַניזירטער קבוץ קען אין דער שווערער ארץ ישראל'דיקער ווירקליכקייט אַרבייטן פאַר דעם אַלגעמיין ציוניסטישן געדאַנק און צולעצט, אַז דער קבוץ איז איבערהויפּט דער תנאי פאַר די פאַרווירקליכונג פון דעם כלל ישראל'דיקן ציוניזם — לויטער טענות, וועלכע ווערן איצט געטענה'ט לטובת דער אירגון. היינט פרעגט זיך פאַרוואָס קבוץ יע און אירגון ניט? צו דעם איז זיך מצטרף די

וויטערדיקע שאלה, וועלכע איז אייגענטליך אַ טייל פון דער ערשטער: און פאַרוואָס אַ באַזונדערן אַלגעמיין־ציוניסטישן החלוץ יע, אויב מ׳איז קעגן שפּאַלטונג און טיילונג?

געפינען מיר טאַקע אין „לבטים“ אַ רמז אויף די לעצטע שאלה. „אַ אַרבייטער און אַ אַלגעמיינער ציוניסט“ — הייסט עס דאָרט — „זיינען אַמאָל ביי אַסך געווען צוויי אַנטקעגנגעזעצטע באַגריפן, וועלכע לאָזן זיך גאָר ניט פאַראייניקן... אין דעם אַלגעמיין ציוניסטישן החלוץ האָבן מיר געפונען די ערשטע תשובה, אַ טייל־תשובה אויף אָט דעם פּראָבלעם. אַרום אָט דעם לאָזונג, וועלכער האָט אין אָנפאַנג געהאַט אַסך מתנגדים אפילו צווישן די אייגענע חברים, זאַמלען זיך היינט צענדליקער טויזנטער יונגע אַלגעמיינע ציוניסטן... דער חלוץ איז אין ארץ ישראל אַ אַרבייטער. גלייך מיט דעם קומען פון די ערשטע קבוצות איז געשטעלט געוואָרן אַלזאָ די פראַגע: וועלכער איז דער וועג, וואָס מיר געגאַנגען ווערן אַלס אַרבייטער? נאָך אַ גאַנצע ריי פון גלגולים איז מען, הייסט עס דאָרט, געקומען צו דעם געדאַנק פון דעם, אירגון, וועלכער האָט ווי יעדער נייער געדאַנק אויפגעשטעלט קעגן זיך אַ סך הן צווישן די נענטע און הן צווישן די וויטע... אין געוויסער מאָס האָבן מיר דאָס שוין דורגעמאַכט ביי דער גרינדונג פון דעם אַלגעמיין ציוניסטישן החלוץ און ביי זיין אויסבילדונג“. (דאָרט, לייטאַרטיקל). די אָנהייגער פון דעם אירגון זעען אַלזאָ אין אים אַ לאָגישן און נויט־געדרונגענעם המשך פון דעם באַזונדערן „החלוץ“. היינט פרעגט זיך דאָך די קשיא: פאַרוואָס אַ באַזונדער החלוץ יע, אַ באַזונדער קבוץ יע און אַ באַזונדער אירגון ניט?

ווי זייער די קשיא זעט אויס אויסערליך האַרב און שווער, אַזוי איז זי אין תוך, ווען מ׳באַטראַכט זי אַ ביסל גענויער גאָר ניט אַזוי קשה׳דיק. דאָס דערפאַר, ווייל אירגון פון איין זייט און ה„לוץ און קבוץ פון צווישן זייט זיינען פון גרונט אויס פאַרשיידן הן אין זייער טעטיקייטס־געביט און הן אין זייער טעטיקייטס־כאַראַקטער און לאָזן זיך ממילא גאָר ניט פאַרגלייכן. דער החלוץ האָט זיין טעטיקייט פעלד אין גלות, דער אירגון — אין ארץ ישראל. דאָס איז ניט נאָר אַ אונטערשייד אין אָרט, אויך ניט נאָר אַ אונטערשייד צווישן דעם אָנפאַנג פון דעם אידעאַל און זיין המשך און סוף — דאָס איז אַ אונטערשייד צווישן הכשרה און הגשמה, צווישן ווערן, רייפן און שמידן פון דעם אידעאַל און זיין ארונטערגיין פון גייסטיקער אצילות צו מאַטעריעלער גשמיות. און דער אונטער־

שייך איז אַ יסודות׳דיקער. די אידייע אין איר גייסטיקער אצילות, אַלזאָ פּשוט גערעט אין דער טעאָריע, האָט איין געזעצליכקייט און די אידייע אין איר פּראַקטיק און פאַרווירקליכונג, האָט אַצווייטע גע־זעצליכקייט.ביידע געזעצליכקייטן זיינען פאַרשיידן און וויקלען זיך ממילא אָפּ גאַנץ פאַרשיידן, יעדע איינע נאָך איר אייגנאַרטיק אינ־ערליכן מהות — און עקסיסטענץ — צוואַנג. אחוץ דעם ליגט שטענדיק צווישן דער עקסיסטענץ אין גייסטיקער אצילות און צווישן דער מציאות אין מאַטעריעלער גשמיות, אַלזאָ צווישן די ביידע פאַר־שיידענע געזעצליכקייטן אַדריטע געזעצליכקייט און די איז די גע־זעצליכקייט פון יצירה, וועלכע איז ניט קיין סינטעזע פון די ערשטע צוויי, נאָר אַאיבערשמידן פון זיי ביידע אין עטוואָס יסודותדיק נייעס. מיר זען, צווישן דעם הכשרה׳דיקן גלות און דער הגשמה׳דיקן ארץ - ישראל גייט דורך אַטיילונגס ליניע פון פאַרשיידענע געזעצ־ליכקייטן. גייט אַלזאָ די אַלגעמיין - ציוניסטישע אידייע איבער פון איר גלותדיקער עקסיסטענץ און גייסטיקער אצילות צו דער ארץ־ישראלדיקער אין מאַטעריעלער גשמיות, אַזוי איז דאָס גאָר ניט קיין המשך און קיין סוף פון דעם פריערדיקן אין גלות, נאָר אַנייע יצירה — אַנייע געזעצליכקייט, וועלכע לויפט אָפּ נאָך אַגאַנץ נייען און אייגענאַרטיקן אינערליכן מהות - און עקסיסטענץ — צוואַנג. האָט אַלזאָ די הכשרה, דער גלות אירע אייגענע געזעצליכקייטן און די הגשמה, ארץ — ישראל, אירע אַנדערע געזעצליכקייטן אַזוי פאַלט ממילא אַרונטער די קשיא פון החלוץ און אירגון. כל זמן מ׳איז אין גלות גייט דער החלוץ זיין אייגענעם וועג, ווייל ער מוז איצט איפּנעמען די אַלגעמיין - ציוניסטישע תורה, זיך מיט איר איינלעבן און זי מאַכן צו איסודותדיקן פאַקטאָר פון זיין אינערער וועלט. קומט ער אָבער קיין ארץ - ישראל, וואו אָט די תורה זאָל געטראָגן ווערן אין לעבן און זאָל אָפּגעבן אַלעבעדיקן יסוד פאַר דעם נאַציאָנאַלן זיין און סאָציאַלן קיום פון פאָלק און לאַנד, אַזוי גייט אַלץ נאָך אַנייער געזעצליכקייט, וועלכע שאַפט זיך אירע כלים נאָך איר נייען מהות. ה„חלוץ, אין גלות און ה„חלוץ“ אין ארץ — ישראל טאָרן אַלזאָ און דאַרפן ניט פאַרמישט ווערן.

וואָס איז נוגע דעם קבוץ, וועלכער איז ניט נאָר אַגלות נאָר אויך אַארץ — ישראל קינד, אַלזאָ אַפּראָדוקט ניט נאָר פון דער הכשרה נאָר אויך פון דער נייער הגשמה — געזעצליכקייט, אַזוי מוז מען באַמערקן אַז ער איז איבערהויפּט גאָר ניט קיין סעפּעראַטיזם. דער המשך פון קיבוץ פירט ניט צו דעם אירגון, נאָר צו דעם וואָס די

א׳ — ריכטונג לייגט היינט פאַר אַנשטאָט דעם אירגון — בלייבן אין דער הסתדרות און דאָרט שאַפן אַ אַלגעמיין - ציוניסטישע אויטאָנאָמיע אַרבייטער - סעקציע. אויף וואָס, פרעגט זיך, זאָל זיך אָט די אווטאָנאָמע אַלגעמיין - ציוניסטישע אַרבייטער - סעקציע אין האַרצן פון דער הסתדרות אויפבויען, אויף וואָס זאָל זי זיך אין אירע פונדאַמענטן שטיצן און וועלכע זיינען אירע לעצטע אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייטן? אויף דעם ענטפערט די א׳ - ריכטונג — דער קבוץ. ניט אויף דעם בודד וועט זיך אויפבויען די אווטאָנאָמע סעקציע, ניט אויף אים וועט זי זיך שטיצן און ניט ער וועט זיין איר לעצטע איינהייט. דער בודד איז צו שוואַך דאָצו, די ווירקליכקייט איז צו האַרט און צו שווער פאַר דעם. דער בודד איז ניט געגנוג חוט-השדרה׳דיק פאַר דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אין דער ארץ-ישראלדיקער ווירקליכקייט. אַנשטאָט דעם בודד מוז קומען דער קבוץ, וועלכער וועט אָפּגעבן דעם ריכטיקן, פעסטן יסוד פאַר דער אַלגעמיין - ציוניסטישער אַווטאָנאָמער אַרבייטער —סעקציע אין מיטן פון דער אַלגעמיינער ארץ-ישראל׳דיקער אַרבייטער - אָרגאַניזאַציע און וועט זיין איר פונדאַמענטאַלע איינהייט, אויף וועלכע זי קען זיך זיכער שטיצן און פעסט אויפבויען. דערפאַר טאַקע קבוץ און סעקציע יע, קבוץ און אירגון ניט. דער אירגון טראָגט אין זיך נטיות, וועלכע זיינען פרעמד דער א׳ - ריכטונג, דער קבוץ דאַקעגן ליגט אויף דער גראַדער ליניע פון אירע באַשטרעבונגען און איז אָרגאַנישער רינגעלע פון איר אידעאָלאָגישער קייט. אז אָט די באַטראַכטונגען זיינען באמת ריכטיק, איז צו זען פון דעם זייער אינטערעסאַנטן פאַקט, אַז די ב׳ - ריכטונג, וועלכע איז קעגן דעם קבוץ און פאַר דעם בודד*) האָט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער באַזונדערער אַלגעמיין-ציוניסטישער אַרבייטער - אָרגאַניזאַציע. דאַקעגן די א׳ - ריכטונג, וועלכע איז פאַר דעם קיבוץ און קעגן דעם בודד, האָט טאַקע, גאַנץ קאָנסעקווענט, אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם אירגון. מיר זען, די קשיא פון ה„חלוץ“ און קבוץ איז ניט נאָר קיין קשיא ניט, נאָר זי פלעכט זיך גאָר אָרגאַניש אריין אין דעם גאַנצן געוועב פון די ביידע ריכטונגען, ווי מיר האָבן זיי פעסטגעשטעלט אויפן יסוד פון דער גאַנצער ריי פאַרשיידענער ביז - איצטיקער באַטראַכטונגען.

דאָמיט איז אָפּגעשלאָסן דער קרייז פון די סאָציאַל - פּאָלי-

---

*) פגל. אויבן.

טישע באטראכטונגען, וועלכע האבן געהאט דעם צוועק, אויפצודעקן אונזערע פארטיי — אידעאלאגישע שפאנונגען אויף אט דעם געביט. דער היקף פון אונזערע שפאנונגען איז אבער דורך דעם נאך ניט אויסגעשעפט געווארן. עס בלייבט נאך צו אונטערזוכן א ווייטערער גרויסער געביט פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם — דעם גייסטיק — קולטורעלן. אויך אויף דעם געביט האט דער אלגעמיינער — ציוניזם צו זאגן זיין נייַ ווארט, כאטש דער גורל פון זיין קולטורעלער טעזע איז ביז איצט אסך א באשיידענדער ווי דער גורל פון דער סאציאל — פאליטישער. אין דער צייט, ווען די כלל — ישראל טעזע שטייט אין רעכטן ברעג פון דער אלגעמיין — ציוניסטישער טעטיקייט און אינטערעס פוןביידע ריכטונגען, בלייבט די טעזע פון נאציאנאלער קולטור ביי זיי ביידן נאך אלץ פארבאהאלטן אין הינטער גרונט און וואגט זיך נאך קוים ארויס אויף די ברייטע שליאכן פון לעבן. אפנים אז דער אלגעמיינער ציוניזם פילט זייער גוט זיין חידוש מיט'ן אויפשטעלן פון זיין סאציאל — פאליטישער טעזע כלל — ישראל און איז זיך נאך גאר ניט באוואוסט, אז הינטער זיין קולטור טעזע שטעקט אויך אפרינציפעלער חדוש און א נייע פארטייאישע אריענטאציע אין ציוניזם.

וואס זאגט אלזא די קולטור־טעזע פון אלגעמיינעם ציוניזם?—

דער אלגעמיינער ציוניזם — לויטעט די קולטור — טעזע — אנערקענט דעם טיפן אינערן ארגאנישן קשר, וועלכער באשטייט צווישן דעם אידישן פאלק און זיינע גרויסע גייסטיקע אוצרות, ווי דער נאציאנאלער געניוס האט זיי אין לאנגע דורות און אויף אייביקע צייטן געשאפן. דער אלגעמיינער ציוני. לייגט זיי דערפאר אין דעם טיפסטן יסוד פון דעם איצטיקן רענעסאנס און בויט אויף זיי דעם גאנצן צוקונפטיקן תחיה — בנין פון אידישן פאלק אין לאנד פון זיינע אבות.

האט דער אלגעמיינער ציוניזם אלזא נאך ניט אינגאנצן דערקענט דעם פרינציפעלן חדוש, וועלכער שטעקט אין אט דער קולטור־טעזע זיינער, אזוי איז דאס נאך אטעם מער זי דא ברייט צו באהאנדלען און צו פארזוכן אויפצודעקן איר באמת טיפן מהות, גרויסן היקף און ווייטע קאנסעקווענצן. אבער כדי דאס צו טאן וועט מען מוזן פאנאנדערוויקלען פארשיידענע פראבלעמען, וועלכע ליגן אויף ווייטערע שטחים פון אידישן לעבן און זיין און מיט זייער הילף און ביי זייער ליכט באמיען זיך פאנאנדער צו קלייבן אין דער גאנצער היינט־צייטיקער פראבלעמאטיק און צו דערפאסן די פארשיידענע

עלעמענטן און פאקטארן פון דער ציוניסטישער דיפערענציאציע בכלל און פון דער אלגעמיין — ציוניסטישער בפרט. קודם כל אבער די פראגע, ווי האלט עס איבערהויפט מיט דער נאציאנאלער העברע-אישער קולטור אין ציוניזם?

## יא. די נאציאנאלע קולטור און די ציוניסטישע באוועגונג.

די ציוניסטישע פאלקס־באוועגונג, אט דער מעכטיקער אויסדרוק פון דעם עלעמענטארן אידיש־נאציאנאלן באפרייאונגס רצון, שטייט געוויס ניט פאראיינצלט אין דער פאליטישער געשיכטע פון דער מענטשהייט. זאכליך און מאטעריעל איז זי אן ערשיינונג פאר זיך, מיט אן אייגענעם מהות און א ספעציפישן פארב און טאן, וועלכע שטאמען פון איר באזונדערער מציאות און אייגנארטיקע לעבנס־תנאים. פארמעל אבער איז זי א רינגעלע אין דער גרויסער היסטארישער קייט פון די פעלקער־באפרייאונגען אין דער נייער און נייסטער צייט. די ציוניסטישע וועלט־באוועגונג האט פון שטענדיק אן געוואוסט אט דעם אמת און אירע גרויסע פירער האבן שטענדיק ארויסגעוויזן אינטערעס פאר ענליכע אנדערש־נאציאנאלע באוועגונגען און זיך צוגעקוקט צו זייערע דרכים. און מערקווירדיק, פארגלייכט מען דעם ציוניזם צו די נאציאנאלע באפרייאונגס־באוועגונגען פון אנדערע גרויסע און קליינע פעלקער, אזוי שפרינגט גלייך אין די אויגן א יסודות׳דיקער אינטערשייד. אין דער צייט, ווען דארט גייט די פאליטישע באוועגונג האנט אין האנט מיט דער קולטורעלער, פארלויפט אונזער ציוניסטישע באוועגונג ד. ה. יענע פארם פון דעם ציוניזם, וואס האט געזיגט אויך דער אידישער גאס, אין ריינע פאליטישע וועגן און לאזט איבער די נאציאנאלע קולטור בדרך כלל אויף גאטס באראט. סענטימענטן, העפליכקייט פארנייגונגען, אפיציעלע מיטגעפיל־מאניפעסטאציעס — דאס געפינט מען זאגאר א היפש ביסל, אבער ערנסט נעמט מען די זאכן ניט. ערנסט איז מען פארטאן נאר אין די פאליטישע אקציעס און נאר אין זיי זעט מען די גאנצע גאולה, אלעס אנדערע איז בטלנות. וואס זשע דעריבער פאר א וואונדער, וואס אונזער נאציא־נאלע קולטור־באוועגונג איז ביז היינטיקן טאג נאך אזוי שוואך אזוי פארבלאזט און אזוי ניט חוט־השדרה׳דיק. וואס פאר א וואונדער

וואָס אונזער קולטורעלער ווילן איז היינט צו טאָג כמעט ווי אטראָ־פירט? האָבן דאָך די בעסטע און אַקטיווסטע זין פון פאָלק אָפּגעגעבן זייערע גאַנצע כחות נאָר איין זייט פון דער נאַציאָנאַלער גאולה און זיך איינגאַנצן כמעט מעלים געווען פון דער אַנדער זייט פון דער אידישער דערלייזונגס־פּראָבלעם. צענדליקער יאָרן לויפט נאָך אונזער קולטור־באַוועגונג נאָך דעם ציוניסטישן וואָגן און קען זיך אַלץ אויף אים ניט ארויפכאַפּן. די טראַגעדיע פון דער העברעאישער קולטור אין דעם צייט - אַלטער פון דער אידישער תחיה האָט ביאַליק אַמאָל מיט זיין גאַנצער פּשטות און בילדליכקייט אויסגעדריקט און גלייכצייטיק דאַדורך געוואָרפן ליכט אויף די קאָמישקייט פון דער לאַגע. ער האָט דראַסטיש און לאַפּידאַר געזאָגט: ווען אַלע פעלקער וועלן זיך פאַר־זאַמלען צום גרויסן וועלט פרייהייט יום טוב, יעדעס פאָלק מיט זיינע פאָנען, זאָלט איר אַקאָרשט ניט אויפהויבן קיין נאַקטן שטעקן אָן אַפאָן!... אָט אָ די טראַגיקאָמיק איז געבליבן נאָך ביז צום היינטיקן טאָג און ביז צום היינטיגן טאָג האָט זיך נאָך ניט געפונען אין ציוניזם קיין גואל פאַר דער נאַציאָ־נאַלער קולטור, און דאָס איז דאָך אַזוי ביי דעם עם־הספר, ביי דעם פאָלק, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר זיין תורה און וואָס איז געגאַנגען אויף אויטאָ־דאַ־פעס פאַר די קלענסטע קנינים פון זיין גייסט און זיינע יצירות ניט נאָר אין אַלטע צייטן, נאָך אויך שפּעטער, ווען ער האָט זיין תורה אויסגעביטן אויף קולטור. אויך דאַן האָט ער זיך מקריב געווען פאַר די קלענסטע אייגנ־שאַפטן פון זיין אייגענעם און אויך פון פרעמדן גייסט, ווי עס זאָגן עדות די השכלה־צייטן און אַלץ וואָס היינגט מיט זיי צוזאַמען, אפילו אירע אויסוואַקסן אין דער פאָרם פון אַסימילירטער חכמת־ישראל און אַסימילאַציע סתם. אָט די דערשיינונג איז אַזוי מערק־ווירדיק און דאָס פּראָבלעם אַזוי הארב און קאָמפּליצירט אַז מ׳קען דאָס געוויס ניט אָפּ׳פּטרן מיט דער געוויינליכער תשובה. געוויס איז די פּאָליטישע זייט אַזוי שווער און ריזיק, אַז מ׳מוז איר ווידמען אַלע כחות און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אָבער דאָס אויסשליסן קולטור פון ציוניזם איז דאָך גראָדע געוואָרן פאַטאַל פאַר דער פּאָ־ליטישער גאולה אַליין. ס׳איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז ס׳איז היינט שטאַרק קאַלטלעך ביי אונז, אַז עס פעלט דער אָמאָליקער ברען און די אַלטע התלהבות פון דעם ערשטן דור, אָדער פון די ערשטע ציוניסטישע דורות. ס׳איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט

אַז אין אונזערע רייען האָט זיך אריינגעריסן אַ פייכטער אָטעם פון גלייכגילטקייט, און אַז מיר פאָרן ארויס אַ סך מער ווי מ'קען און ווי מ'מעג אויף דעם וואָגן פון געזעלשאַפטליכער אינערציע. עס האָט זיך דאָך אָפּגעטאָן דער רוח־הקדש פון אונזערע געצעלטן און עס הערט זיך ערגעץ ניט קיין געשריי, קיין רוף צו פאַרבעסערן די לאַגע, שטאַרקן די הערצער און דערוואַרימען די גייסטער. בײַ אַן אמת'ער פאַרקוויקונג פון קולטורעלער און פּאָליטישער טעטיקייט וואָלט דאָך זיכער געווען אַ סך אַנדערש און אויב דאָס איז אין משך פון דער צייט ניט געטאָן געוואָרן איז דאָך דאָס אַ סימן, אַז דער פּרוד איז אַ סך גרעסער און טיפישער, ווי מ'וואָלט געקענט גלויבן און מיינען. יע, אין דער לעצטער צייט איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ס'ווערט גע־שטרעבט אויפצובויען אַ נאַציאָנאַלע קולטורעלע באַוועגונג, וועלכע זאָל פאַרלויפן פּאַראַלעל צו דער פּאָליטישער באַפרייאונגס־באַוועגונג. אויב דער גאַנצער טומל וועגן דעם ציוניסטישן און קולטורעלן אַנ־טאַגאָניזם פון דער ברית עברית עולמית איז זיכער פאַלש, אַזוי קען מען דאָך ניט פאַרלייקענען די סימנים פון בולטן סעפּאַראַטיזם. לכל הפחות ווערט דער אינערליכער און אָרגאַנישער צוזאַמענבונד פון די בײדע זייטן פון דער נאַציאָנאַלער גאולה, פון דער פּאָליטישער און קולטורעלער, אין געוויסער הינזיכט געשטעלט אין פראַגע, אויב אפילו מ'זאָל זאָגן, אַז דאָס ווערט געטאָן אין נאָמען פון ראַציאָנאַלער אַרבעטס פאַרטיילונג, באַהאַלט ער אין זיך דאָך אַן אָרגאַנישע סתירה, רען אַן אַרבעטס־צוטיילונג, וועלכע נעמט צו די נשמה פון אַ גוף מאַכט זיך דורך דעם שטאַרק פאַרדעכטיק.

ווי ס'זאָל ניט זיין, די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון ציוניזם און נאַציאָנאַלער העברעאישער קולטור הויבן זיך אויף צו אַ פּראָב־לעמאַטישער הויך און מאָנען זייער שטאַרק אַ גרונטליכע אונטער־זוכונג און דערפאָרשונג פון די סבות, וועלכע האָבן דערפירט צו דעם איצטיקן מצב. אַ פּראָבלעם לייזן הייסט קודם כל זי פאַרשטיין. דאָס וואָס איז אָבער אַנטשטאַנען היסטאָריש איז נאָר היסטאָריש צו פאַרשטיין. וועלנדיק אַלזאָ פאַרשטיין דאָס קולטור־פּראָבלעם אין ציוניזם מוזן מיר זיך ווענדן צו זיין גענעזיס, און זען ווי ער וויקלט זיך ארויס פון די פריערדיקע באַוועגונגען פון אידישן גייסט און זיין באַזונדערער פּראָבלעמאַטיק. אין דער ערשטער שורה מוז באַטראַכט ווערן די השכלה, יענער גוואַלדיקער גייסטיקער איבערבּרוך פון דער אידישער געשיכטע, וואָס איז געוואָרן דער פאָטער פון מאָדערנעם אידנטום, אין דעם כלל אויך דער פאָטער פון'ם

אידישן נאציאנאליזם בכלל און פון זיין הויפט־אויסדרוק, דער ציוניסטישער באפרייאונגס־באוועגונג בפרט. די השכלה דארף אבער נית באטראכט ווערן איזאלירט און גאנץ פאר זיך, נאך אין איר אינערליכער פארבונדנקייט מיט די אלע כחות, וועלכע האבן געווירקט און ווירקן נאך אין טראדיציאנעלן און נאציאנאלן אידנטום.

## יב. די השכלה אלס נאציאנאלער שייד-וועג.

אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יארהונדערט שטייט דאס אידנטום, ווי נית איינמאל אין זיין לאנגער געשיכטע, ווידער אמאל געשפאלטן אין צוויי מחנות, וועלכע באקעמפן זיך הארט און ביטער. דער קאמף גייט נית וועגן קלייניקייטן, נאר וועגן עיקרים, וועגן די פארמען פון נאציאנאלער קולטור, וועגן די דרכים פון נאציאנאלן לעבנס־שטייגער און די מאקסימען פון דער נאציאנאלער עקזיסטענץ בכלל. אט דער קאמף, באקאנט אונטער דער נאמען „השכלה־קאמף“, דריקט אויף דעם גאנצן צייט אפשניט זיין אייגנארטיקן שטעמפל, באשטימט דאס אידישע לעבן אין א משך פון אייניקע דורות, פורעמט און געשטאלטעט אים אין אלע זיינע לעבנס־דערשיינונגען און לעבט נאך היינט אין אלע אידישע מאדערנע באוועגונגען, אזוי, אז מען האט אים מיט רעכט באצייכנט אלס דעם פאטער פון מאדערנעם אידנטום אין אלע זיינע מינים און שאטירונגען.

ווי מערקווירדיק עס זאל אפשר אויפן ערשטן בליק נית זיין, זעען מיר דאך, אז די לכאורה איינהייטליכע השכלה־באוועגונג האט אין איר ווייטערן פארלויף געבראכט צו דיאמעטראל אנטקעגנזעצטע באוועגונגען פון היסטארישן אידנטום. פון איין זייט די נאציאנאל־ציוניסטישע ריכטונגען, פון דער אנדער זייט אבער אויך די אנטי־נאציאנאלע און אסימיליאטארישע. אט דער מאמענט גיט אונז נית נאר דאס רעכט צו באהאנדלען די השכלה־עפאכע אין ראמען פון אידעאלאגישע ציוניסטישע באטראכטונגען און פראגראמאטישע זוכענישן, נאר איז דאס זאגאר מחייב צו טאן, אויב מיר ווילן זיך ערנסט פונאנדערקלייבן אין דעם געזעלשאפטליכן היינט פון אידישן פאלק.

די ערשטע שאלה וואס מיר דארפן זיך בדרך הטבע פארלייגן, איז: צי האט זיך טאקע די השכלה געשפאלטן אין צוויי ריכטונגען,

אין אַ נאַציאָנאַלע און אַ אַנטי־נאַציאָנאַלע, ד. ה. צי איז זי טאַקע גע־וואָרן דער אויסגיי־פּונקט פון דער אידישער געזעלשאַפטליכער די־פערענציאַציע פון די שפּעטערדיקע דורות. דער אידישער נאַציאָ־נאַליזם שיינט דאָך, וועט מען זאָגן, גיכער צו זיין אַן אַנטי־טעזע פון דער השכלה, אַלס איר געראַדער המשך. דער גייסטיקער און געזעל־שאַפטליכער אידישער לעבן איז זינט דער השכלה־צייט געשטעלט געוואָרן אונטער דעם שרעקליכן צייכן פון אַ פאָלק ביי וועמען עס זיינען פלוצלונג געפאַלן אַלע זיינע פעסטונגען און וועלכער איז גע־בליבן שטיין אין שווערן קאַמף אָפן און פריי פון אַלע זייטן. דאַן און אַלס אָפּוועך, וועט מען זאָגן, זיינען אויפגעוואַכט די נאַציאָ־נאַלע כוחות און עס איז אויפגעקומען די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, כדי צו שיצן און אויפצוהאַלטן אונזער קיום אַלס פאָלק. אָט די מיינונג איז טאַקע מער אָדער ווייניקער פאַרברייטערט, אין אָנפאַנג פון דער נאַציאָנאַלער תקופה איז זי זאָגאַר געווען די אַלגעמיין־הערשנדיקע. דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך דאַן געפילט אַלס אָפּאָזיציע צו דער השכלה און אַלס אָפּוועך קעגן אירע תוצאות, וואָס האָבן גע־שיינט צו וואַרפן אַ טונקעלן שאָטן אויפן גאַנג פון דער אידישער געשיכטע. שפּעטער אָבער, ווען מען האָט געקענט רואיקער און אָביעקטיווער באַאורטיילן די דערשיינונגען, איז מען געוואָרן אין דעם פונקט רעזערווירטער און פאָרזיכטיקער. מען האָט אָנגעהויבן אַפילו צו טראַכטן, אַז השכלה און נאַציאָנאַליזם זיינען אָרגאַניש פאַרבונדען און שטעלן זיך איינס צו די אַנדערע ווי אַן עלטערע און אינגערע פאָרם פון איין און דעם זעלבן אינהאַלט.

לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלייבן אין מהות פון דער השכלה און פּרובירן פאַרשטיין די סבות און גורמים וועלכע האָבן געבראַכט צו דער השכלה־איבערקערעניש.

## יג. די השכלה־פאַקטאָרן.

דער חורבן פון אונזער לאַנד און זעלבסטשטענדיקייט האָט פאַר אונזער פאָלק אוועקגעשטעלט די פראַגע פון „זיין און ניט זיין" אין איר גאַנצער אימהדיקער גרויס און פאַרנעם. פאַרטריבן צווישן פרעמדע פעלקער און אין פאַרשיידענע לענדער פאַרלירט ער אַלס פאָלק פשוט דעם באָדן אונטער די פיס און בלייבט ממש

היינגן אין דער לופט. עס דראָט ניט נור אַ פּאָליטישער, נאָר אַן אַלגעמיין נאַציאָנאַלער חורבן, אַן ענדגילטיקער אונטערגאַנג אַלס פּאָלק איבערהויפּט. וועלנדיק דאָס פאַרמיידן, האָט מען געמוזט זוכן אַזעלכע מיטלען, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דער געשאַפענער לאַגע. אַ טייל האָט דאָס געטאָן דורך אָפענע מרידות, אַן אַנדער טייל דורך אַ גייסטיקן איבערבוי פון אידישן פּאָלק. די ערשטע האָבן ניט געוואָלט גיין אויף פּשרות, זיך ניט געקענט איינלעבן מיט דעם געראַנק פון פּאָליטישער אָפּהיינגיקייט און זיינען טראַגיש פאַרלאָרן געגאַנגען אין העלדישן געראַנגל קעגן אַ איבערמעכטיקן זיגער. די אַנדערע, דיקטירט דורך די שווערע נויט פון דער צייט, האָבן לכל הפּחות געזוכט דאָס צו ראַטעווען, וואָס איז געווען נאָך מעגליך — דאָס פּאָלק. אין שוים פון אָט דעם טייל זיינען געפונען געוואָרן די מיטלען, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן די עקזיסטענץ פון אידישן פּאָלק אין משך פון די לאַנגע דורות פון זיין טראַגישער געשיכטע. „פּאָלק אין געפאַר!" איז געוואָרן דער לאָזונג פון די נאָך־חורבנדיקע דורות און אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון דער נאַציאָ־נאַלער עקזיסטענץ. דער פּרט אַלס אַזעלכער האָט, ווי אין יעדער מלחמה־צייט, אויפגעהערט צו עקזיסטירן, זיין גאַנצעס דיינקען, פילן, האַנדלען, זיין גאַנצער מהות און קיום איז אונטערשטעלט געוואָרן דעם כלל און זיינע הצטרכותן. די העכסטע אויספּירנדיקע מאַכט האָט איבערגענומען די רעליגיע. זי האָט געמוזט ווערן פאַרן פּאָלק דאָס, וואָס איז פאַר אים פריער געווען לאַנד און זעלבסטשטענ־דיקייט — די טרעגערין און היטערן פון זיין קיום אַלס פּאָלק. רע־ליגיע איז ניט מער אַ באַפרידיקונג פון אַ מעטאַפיזישן צורך אין מענשן און אַ מאָראַלישער פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפט, נאָר עטוואָס אַנדערש — אַ צווייטע היימאַט פאַרן אידן.

די נייע שטעלונג און אויפגאַבע פון דער רעליגיע אין אידישן לעבן האָט נאַטירליך געמוזט אַרויסרופן און האָט טאַקע אַרויסגערופן פאַרשיידענע שנויים, וועלכע שטייען אין סבותדיקער פאַרבינדונג מיט איר נייעם מהות. איר באַדייטונג אַלס צווייטע היימאַט פאַרן פּאָלק האָט קודם כל געבראַכט אַ דערשיינונג, וועלכע מען וואָלט געקענט, אַזוי צו זאָגן, באַצייכענען אַלס רעליגיע־פּאַטריאָטיזם. די באַציאונג פון אידישן נאָך־חורבנדיקן פּאָלק צו זיין אמונה איז, נאָך נעהעריקער אָפּענדערונג, ווי די באַציאונג פון אַ זעלבסטשטענדיקן פּאָלק צו זיין פּאָטערלאַנד. אַלע באַגריפן, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט היימאַט, האָט דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום אַריבערגעטראָגן

אויף די רעליגיע. איבערגעבענקייט און טרייקייט צו דער אמונה איז פאַר אים אַזוי עלעמענטאַר, ווי די מסירת נפש פאַרן פאָטערלאַנד ביי אַנדערע פעלקער. דער ווייטערדיקער פועל יוצא איז דאָס, וואָס דער דת האָט געמוזט זייער שטאַרק רעגלאַמענטירן דאָס אידישע לעבן. אַנדערש האָט ער ניט געקענט דערפילן זיין שווערע און אייגנאַרטיקע אויפגאַבע אַלס צווייטע היימאַט פון אידישן פאָלק. סיי דער פרט און סיי דער כלל האָט געמוזט ארומגעצאַמט ווערן מיט אַלערליי רעליגיעזע סייגים, כדי צו זיכערן די נאַציאָנאַלע צוגעהעריקייט און עקסיסטענץ. וואָס גרעסער עס איז די אויסערע געפאַר, אַלץ איינגער פאַרציט זיך דער גאַרטל פון די רעליגיעזע פאַרשריפטן, אַלץ אייגנאַרטיקער און אָפּגעשטאַנענער ווערט מען אין דעם זין פון אייראָפּע. נאַטירליך האָבן דערצו ניט ווייניק ביגעטראָגן אַלערליי רדיפות און נגישות, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין סוף. דער רעליגיעזער יאָך האָט דערגרייכט אַזאַ פאַרנעם, אַז ער האָט ממש ניט געלאָזן פאַר'ן פרט אַפילו די קלענסטע גייסטיקע פרייהייט און זיך געלייגט ווי אַ שטיין אויפן וועלטליכן וועג פון גאַנצן כלל. אַזוי האָבן לכל־הפחות געטראַכט די ערשטע משכילים און האָבן דערפאַר אין טיפסטער גייסטיקער און זעלישער נויט געהויבן די פאָן פון מרידה.

אָפּט אין דער אידישער געשיכטע האָט זיך באַמערקבאַר געמאַכט דער פּראָטעסט פון דעם יחיד, ער איז אָבער שטענדיק פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם שטימען־כאָר פון כלל. אָט די יחידים, די פאַרשיידענע „אחר'ס", די „אַנדערע", אָפּטריניקע פון דער איד. געשיכטע האָבן באַקעמפט די צו גרויסע לאַסט און דעם צו שווערן יאָך פון דער אמונה. די גרויסע טראַדיציאָנעלע מאַסע האָט אָבער די פּראָטעסטן פון יחיד שטענדיק אומפריינטליך באַגעגנט, אָפּטמאָל שווער באַקעמפט און אויך מיט געוואַלט אונטערדריקט. אָט אַזאַ קאַמף, וועלכער איז ביז איצט געווען באַשריינקט נאָר אויף יחידים, ברעכט אויס אין דער צווייטער העלפט פון דעם 18־טען יאָר־הונדערט און נעמט באַלד אָן אמאסען־כאַראַקטער פון אַ שטאַרקן געזעלשאַפטליכן אויפברויז. די שווערע פּאָליטישע לאַגע, די עקאָנאָמישע פּאַראַרימונג, די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט — אַלץ איז צוגעשריבן געוואָרן דעם פאַנאַטיזם. דער לאָזונג פון די משכילים, וועלכע איז דער הויפּט־אימפּעט פון דער גאַנצער באַוועגונג איז: נאָרמאַליזירונג פון דער אידישן מענטשן אויף אַלע געביטן פון מענשליכן זיין. די מיטלען דאָס צו דערגרייכן זיינען צוויי. ערשטענס אַ קאַמף קעגן

דת, צווייטענס אייראָפּייאישע בילדונג. פריער אָבער פאַר אַלץ און ווייכטיקער פאַר אַלץ — דער קאַמף קעגן דעם צו גרויסן און צו שווערן יאָך פון דעם דת, קעגן, אַזוי צו זאָגן, די רעליגיעזע אונטערדריקונג פון אידישן פּרט און כלל. אָט אַזוי פלאַקערט זיך פונאַנדער דער קאַמף פון ביידע צדדים, שווער, פאַרביסן און האַרט־נעקיק, ביידע צדדים טוען דאָס אין שווערער זעלישער נויט, גע־צוואונגען דורך זייער אינערליכער וועלט. ביידע זעען אָבער ניט דאָס שיקזאַלהאַפטע פון זייער לאַגע, אַ לאַגע פון אַ פאָלק, וועלכער איז ווידער אַמאָל אָנגעקומען צו אַ ווענד־פּונקט אין זיין געשיכטליכן לעבן, צו אַ פרשת־הדרכים פון נאַציאָנאַלער קולטור און נאַציאָנאַלער ענטוויקלונג. ביידע מיינען, אַז שולדיק זיינען פּערזאָנען, שלעכטע כוונות, פּניות און בייזע ווילנס פון איינצעלנע פירער און פאַרפירער און פאַרשטייען ניט, אַז איבער ביידן הייננגט איין שווערער און אכזריות'דיקער גורל פון אַ פאָלק אין גלות. עס ברענט דערפאַר דער קאַמף אויף לעבן און טויט — ביי איינע פאַר, ביי די אַנדערע קעגן דת. אָט אַזוי זעט אויס דער השכלה־קאַמף און אַזוי ווערט ער געוויינליך בעטראַכט — אַ אַנטי־רעליגיעזער קולטור־קאַמף פון דעם נייעם אידנטום קעגן דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן.

צי איז דאָס טאַקע אַזוי?

## יד. דער מהות פון דעם השכלה-קאַמף.

דער נאָך־חורבנדיקער איבערברוך פון דער אידישער געשיכטע האָט, ווי באַמערקט, אַרויסגעפירט דעם אידישן דת פון זיינע איי־גענטליכע תחומים און אים געמאַכט פאַר אַ היטער פון דעם נאַציאָנאַלן קיום, פאַר אַ צווייטע היימאַט, אַזוי צו זאָגן, פון אידישן פאָלק. דאָס דריקט אויף אַ אייגענאַרטיקן שטעמפּל אויף דער אידישער רעליגיע. עס פאַלן אין איר איצט צוזאַמען צוויי עלעמענטן דאָס רעליגיעזע און דאָס נאַציאָנאַלע. זיי ווערן אָבער אויף אַזוי פיל דורכגעמישט, אַז דאָס נאַציאָנאַלע ווערט רעליגיעז און דאָס רעליגיעזע — נאַציאָנאַל. די פאַרשריפטן צום שוץ פון נאַציאָנאַלן קיום, וועלכע זיינען אין תוך נאָר מיטלען, דיקטירט פון דער צייט און אירע

באַדינגונגען, ווערן פאַמעליך, ווי זייער אָפּט אין געשיכטליכן לעבן, צום צוועק.

ווי איז דער מהות פון דעם השכלה־קאַמף, פון אַט דעם שטאַנדפּונקט געזען?

באַטראַכטן מיר אָביעקטיוו דעם קאַמף, וועלן מיר מוזן מודה זיין, אַז די ערשטע משכילים האָבן שוין גאַנץ גוט געזען די חסרונות פון אידישן לעבן, האָבן אָבער בשום אופן ניט ריכטיק פאַרשטאַנען די סיבות פון דער טרויעריקער לאַגע. דאָס וואָס זיי האָבן באַקעמפט, די איבערמאַכט פון דת אין אידישן לעבן, איז ניט קיין סיבה, נאָר ווי מיר האָבן אויבן דערקלערט אליין אַ תוצאה פון אַן אנדער סיבה וועלכע טראָגט די אמתע שולד פאַר דער געשאַפענער לאַגע — דער גלות. די ריכטיקע מסקנה פון זייער שטרעבן צו אַ נאָרמאַלן לעבן וואָלט געווען די באַקעמפונג פון גלות. אַזוי ווייט זיינען די משכילים נאָך ניט געווען אין זייערע באַטראַכטונגען פון אידישן לעבן. די קריטיק און די סבות - זוכעריי איז נאָך געווען צו יונג כדי גלייך צו געפינען דאָס ריכטיקע. אַט אַזוי פלאַקערט זיך דערוואַיל פונאַנדער דער קאַמף ארום דעם דת. דאָ טרעפן מיר אָן אין דער גאַנצער גרויס און שרעק די טראַגיק פון די אידישע קולטור - קאַמפן. די טראַדיציאָנעלע מאַסע וועט אויך ניט קלאָר און באַוואוסט, אַזוי פילט זי אָבער דורך אַ געזונטן חוש די גרויסע באַדייטונג פון דת אין גלות פאַר די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק און פאַרטיידיקט זי דערפאַר ווי ס'פאַרטיידיקט אַ פאָלק אין העכסטער געפאַר זיין לעצטע פעסטונג. די ערשטע משכילים וועלכע שטייען נאָך גאַנץ אויפן אידיש - נאַציאָנאַלן באָדן. ווילן בשום אופן ניט אונטערגראָבן דעם נאַציאָנאַלן קיום, טוען דאָס אָבער פאַקטיש, ווייל געראָד די רעפאָר־מעס, וועלכע זיי האָבן פאַרלאַנגט אין לעבן און רעליגיע, זיינען צום גרעסטן טייל קיינמאָל ניט געווען קיין אויסדריקליכע רעליגיעזע פאָרשריפטן, נאָר טאַקע אַזוינע וועלכע זיינען געווען באַשטימט צו זיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון אידן צווישן פרעמדע פעלקער און אין פרעמדע לענדער און קולטורן — אין גלות. אין דעם ליכט געזען איז דער השכלה - קאַמף לויטן זיין אמתן און פאַקטישן מהות גאָר ניט קיין אַנטי - רעליגיעזער, נאָר אַן אַנטי נאַציאָנאַלער. פאָרמעל אַ קאַמף קעגן דת, אין תוך אָבער און פאַקטיש אַ שווערע באַדרויאונג פון די נאַציאָנאַלע פּאָזיציעס, אַ קאַמף קעגן די נאַציאָנאַלע ראָל פון דער רעליגיע אַלס היטערין פון קיום האומה אין גלות.

און אין דעראמתן, מענדעלסאָן, ווי ס'האָט שוין דר. בערענ־

פעלך באמערקט, איז זיך מטפל אין זיינע חבורים מיט דת בכלל, אבער קיינמאל ניט ספעציעל מיט יהדות, ד. ה. מיט דעם אייגנ־ארטיקן און ספעציפישן אין דער אידישער אמונה, אפילו זיין איי־דישסטער חבור מאכט ניט קיין איינדרוק פון איבערגעבנהייט צו יהדות, אלזא צו אידיש־נאציאנאלן מהות.

די פאדערונגען פון נפתלי הירץ וויזעל אין זיין בארימטן השכלה - מאניפעסט „דברי שלום ואמת" זיינען, ערשטנס, אייראפע־אישע בילדונג און ערציאונג צו א נייעם נארמאלן לעבן און צווייטנס צופאסונג און צוגלייכונג צו די בירגער פון לאנד, וואו מ'לעבט. דאס אלץ זאל דערגרייכט ווערן אויפן חשבון פון אלטן אידישן לעבנס־שטייגער, פון אלטע אידישע לעבנס - פארמען ועל כולם אויפן חשבון פון דער אייגנארטיקער אידיש - נאציאנאלער קולטור, ד. ה. אויפן חשבון פון נאציאנאלע קנינים. גילט עס דאך דורכצובּרעכן די הבדלים צווישן זיך און אייראפע און זיך אנשליסן די אנדעריש - נאציאנאלע סביבות און קולטורן.

ריב"ל, דער גרויסער טעארעטיקער און קעמפער פון דער רוסישער השכלה, רעט אין אלע זיינע כתבים און חבורים ניט וויניק וועגן דת, פארלירט אבער ערגעץ ניט קייןווארט, ווי משה קליינמאן האט שוין פעסטגעשטעלט, וועגן היעוד המשיחי, אלזא וועגן דער אידישע נאציאנאלע צוקונפט, ווי די דורות פון אידישע טרוימער און מארטירער האבן זיך געשאפן אין לעבן און אין דער ליטעראטור. די באשטרעבונגען פון דער צייט אין אלע לענדער פון דער השכלה פארלויפן אלע אין איין ריכטונג — צוברעכן די נאציאנאל - קולטור־עלע אידישע אפזונדערונג, מקריב זיין די אידישע אייגנארט און זיך צופאסן צו ארומיקע פעלקער, זייערע שפראכן, קולטורן און לעבן בכלל. אט אזוי פארעפנטליכט מען א ספר'ל אין פראנצויז, געווידמעט דעם מיניסטער, וועלכער רעפארמירט די פרייסיש - פוילישע געביטן. אין ספרל ווערט דעם מיניסטער רעפעריט וועגן דער אידישער פראגע און ס'ווערט אונטערשטראכן אז די גאנצע צרה ליגט אין דער אידישער אפזונדערונג און די איינציקע עצה איז זיך אויסצומישן מיט דער סביבה. דאס זעלבע טוט א פאר יאר שפעטער אן אנדער משכילישער פארשטייער אין אן אנדער השכלה - לאנד מיט א חבורל אין רוסיש, וועלכער הייסט אויף אונזער לשון „קול שועת בת - יהודה". א דריטער פארשטייער ליגט פאר דערזשאווינען צו פאר־ניכטן דעם תלמוד און אויפבויען אלץ אויף דער ריינער רעליגיע פון תנ"ך. ס'פרעגט זיך, מיט וואס איז דער תלמוד פאר די משכילים

וויניקער ריין - רעליגיעז ווי דער תנ"ך. די תשובה איז די איינציק מעגליכע — דער תלמוד איז אין זיינע גרעסטע טיילן דער פראָדוקט פון יענער צייט, ווען די רעליגיע האָט אָנגעהויבן צו דערפילן אירע חובות אלס היימאַט פון דער אידישער אומה און דערפאַר געמוזט, ווי אויבן באַמערקט, ארויסגייענדיק פון נאַציאָנאַלן הכרח, צו רעגלאַמענטירן דעם אידישן לעבן פון אָנהויב ביזן סוף. דערפאַר מוז מען לויט דער משכילישער אידעאָלאָגיע אויסשטרייכן דעם תלמוד פון אידישן לעבן און אַלץ אויפבויען אויפן תנ"ך ד. ה. פאַרניכטן אין תוך די נאַציאָנאַלע ראָל פון אידישן דת אלס היטערין פון פאָלקס - קיום.

דער תלמוד אלס שולדיקער אין דער אידישער טרויעריקער לאַגע איז דער לייט - מאָטיוו פון דער גאַנצער השכלה סיי אין אָנפאַנג און סיי אין די שפּעטערדיקע צייטן. פאַרן תנ"ך און קעגן תלמוד איז דער יסודותדיקער געדאַנקען גאַנג פון די משכילים אין אַלע לענדער און איינער פון די גרעסטע פאַקטאָרן פון דער השכלה אין לעבן און אין דער ליטעראַטור אומעטום וואו דער השכלה - גייסט האָט געהאַט א דריסת - הרגל און א שטיקל שליטה. ווער וועט דען אַלזאָ וועלן און קענען לייקענען, אַז די השכלה איז אין איר תוך ניט אנטי - רעליגיעז, נאָר טאַקע בפירוש אַנטי - נאַציאָנאַל. דערפאַר האָט טאַקע די נאַציאָנאַלע באַוועגונג געפילט, אַז זי הויבט איר פאָן פאַר א נייער זאַך, וואָס שטייט אין אויפדריקליכער סתירה צו די השכלה-אידעאַלן, אירע באַשטרעבונגען און איר אידעאָלאָגיע. וועט מען אָבער פרעגן סטייטש! ווי איז דען דאַן צו דערקלערן די ליבע פון דער השכלה צו העברעאיש, העברעאישע ליטעראַטור, צו תנ"ך און די איבערגעבנקייט און זאָרג פאַרן פאָלק וכדומה דערשיינונגען וואָס האָבן זיך איינגעפונען אין דער השכלה פון אָנפאַנג און זיינען אין איר געבליבן און זאָגאר אָרגאַניש געוואַקסן, אויב ניט אויף דעם ערשטן באָרן פון דער השכלה, אזוי דאָך לכל הפחות אין אַנדערע לענדער, וואוהין זי איז מיט דער צייט אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן. ווי קען מען דען דאַן, וועט מען זאָגן, ערקלערן די השכלה, וואָס ווייזט ארויס געוויסע נאַציאָנאַלע טענדענצן שוין אין גאַליציען, אָבער לכל הדעות אין רוסלאַנד, ספּעציעל אין ליטע וואו ניט נאָר דאָס נאַציאָנאַלע סתם נאָר אפילו דאָס ריין - ציוניסטישע האָט שוין געקראָגן אמת ניט קיין קלאָרן באַוואוסטזיין און פאָרמולירונג אזוי דאָך א זעלישע פאַרבערייטונג אין לעבן פון די משכילים אָדער לכל הפחות אין זייער ליטעראַטור. וועט מען דען אפשר די ליטוויש נאַציאָנאַל - באַפאַרבענע און נאַציאָנאַל - געשטימטע השכלה ניט אָנערקענען אלס אמתע

טאָכטער פון דער השכלה וועלכע האָט אָנגעהויבן מיט העברעאישע מאספים, תנ"ך - באורים העברעאישע דקדוקים, שירי תפארתן, דברי שלום ואמתן וכדומה?

איז דאָס טאַקע אַ קשיא, אָבער מ'קען ענטפערן: העברעאיש איז ניט געווען קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל צו צוועק. אויף וועלכער שפּראַך זאָל מען זיך דאַן האָבן צוזאַמענגערעדט מיט אידן, אויב ניט אויף העברעאיש און אויף וועלכן אופן זאָל האָבן דאַן משפיע געווען, אויב ניט דורך העברעאישע ליטעראַטור. העברעאיש איז דאָך געווען די איינציקע שפּראַך דאַן אויף וועלכער מ'האָט געקענט ריידן צו אידן און שרייבן צו זיי און העברעאישע ליטעראַטור די איינציקע פאַרמיטלערין פון נייע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען. דאָס זאָרגן פארן פאָלק קען מען זאָגן איז געווען נאָר אינערציע פון עבר אָלער ניט קיין פּאָטענצן פארן עתיד. אָבער די קשיה מוז מען זאָגן בלייבט נאָך אַלעמען פאָרט אַ קשיה ביחוד מצד דער ליטווישער השכלה, וועלכע איז פלייש פון דעם אַלגעמיינעם השכלה - פלייש און גייסט פון איר גייסט, אַן אמת כשר און אָרגאַניש קינד פון עכטע השכלה - עלטערן.

ובכן איז די השכלה דאָך נאַציאָנאַל?

ניין, השכלה איז און בלייבט אנטי נאַציאָנאַל און דאָס וואָס זי שיינט אונז מצד שני אויך צו זיין נאַציאָנאַל איז אַן איבעריקער סימן דערפאַר, אז עס מישן זיך דאָ צוויי באַגריפן, וועלכע מ'מוז פאַנאַנדער טיילן, כדי ריכטיק אָפּצושאַצן און צו פאַרשטיין דעם מהות פון דער השכלה. אַנדערש גערעט, דער באַגריף פון נאַציאָנאַליזם איז ניט קיין איינהייטליכער, נאָר אַ דאָפּלטער אדער לאָמיר זאָגן אַז מ'מוז אונטערשיידן צווישן צוויי מינים פון נאַציאָנאַליזם.

## טו. פערסאנעלער און טעריעלער נאציאנאליזם.*)

אַ פאָלק, אָט דער מערקווירדיקער פּראָדוקט פון גייסטיק - פּסיכישע און מאַטעריעלע כחות אין זייער היסטאָרישן צוזאַמענ־שפּיל, קען אין דעם ווייטערדיקן פאַרלויף פון זיין געשיכטע אויפ־געהאַלטן ווערן דורך צוויי אופנים. דער געוויינליכער אופן, וועלכן מיר געפינען טאַקע כמעט ביי אַלע אומות פון דער וועלט איז דער מאַטעריעלער — די מדינה. דער צווייטער אופן ווי ס'ווייזט ספּעציעל

*) דאָס וואָרט איז אין דעם צוזאַמענהאַנג צווידייטליך, אָבער דאָך זיינען מיר געצוואונגען אים צו באַנוצן.

די אידישע געשיכטע איז דער גייסטיקער — רעליגיע, קולטור וכדומה. נאטירליך איז אין דעם פאל די מאטעריע אלזא די מדינה דורכ־אויס ניט ריין פון גייסטיקע עלעמענטן און דער גייסט ווידער איז ניט אינגאנצן פריי פון מאטעריעלע מאמענטן. מאטעריעל צי גייסטיק איז תלוי אן דעם וואס סווערט געלייגט אין יסוד פון נאציאנאלן לעבן און קיום, אלזא איז תלוי אן זיין היסטארישן הויפט־גורם. לויט די העכסטע מאקסימען פון היסטארישן פאלקס לעבן קען מען אונ־טערשיידן אלזא צוויי מינים פון נאציאנאליזם, א מאטעריעלן און א גייסטיקן. דעם ערשטן וויל איך וואריארנדיק א טערמינאלאגיע פון אנאנטן געביט באצייכענען אלס טעריעלן דעם צווייטן דאקעגן אלס פערסאנעלן נאציאנאליזם*). פערסאנעל איז אט דער נאציא־נאליזם דערפאר ווייל די פערזאן האט דא מער פרייהייט אין אירע סוביעקטיווע נטיות. יעדנפאלס פעלט דא דער אביעקטיווער און אויסערער צוואנג און אלץ גייט צוריק אין זיין תוך אויף דעם רצון פון דער פערזאן כאטש דער רצון איז אין דער אמתן ניט גאנץ פריי. איך מוז אבער נאך אמאל באטאנען אז דאס הייסט בשום אופן ניט, אז דער טעריעלער נאציאנאליזם איז אן גייסטיקע יסודות און אומגעקערט, לחלוטין ניט. ס'פרעגט זיך נאר וואס איז דאס באשטענדיקע, און וואס בייט זיך כסדר לויט צייט און באדינגונגען. איז דאס באשטענדיקע די טעריטאריע און דער גייסט בייט זיך אין זיינע אינהאלטן און פארמען דאן ריידן מיר פון א מאטעריעלן, ערדישן אדער טעריעלן נאציאנאליזם. איז אבער דאס גייסטיקע באשטענדיק און דאס מאטעריעלע טעריעלע בייט זיך כסדר לויט צייט און באדינגונגען אזוי ריידן מיר פון א גייסטיקן, קולטורעלן אדער פערסאנעלן נאציאנאליזם. דער טעריעלער נאציאנאליזם האט אם־כן אלס גרעסטע מאקסימע פאטערלאנד, דער פערסאנעלער נאציאנאליזם — קולטור אין ברייטסטן זין פון ווארט.

קוקט מען זיך צו צו דער געשיכטליכער מענטשהייט, אזוי זעען מיר, אז כמעט שטענדיק האבן די פעלקער געצווינגן זייער

---

*) דער פערסאנאליזם און טעריאליזם ווערט פון מחבר באאר־בייט אין א גרעסערן ווערק, אוואו עס וועט אויפגעוויקלט ווערן דאס גאנצע פראבלעם אין אלע אירע איינצלהייטן. עס זאל אבער שוין דא באטאנט ווערן, אז אין תוך שטייען זיך ניט אנטקעגן אין דיביידע נאציאנאליזמען גייסט קעגן מאטעריע כתם, נאר פרייער קעגן ערד־געבונדענעם גייסט. (פגל. ווייטער זייט 165).

עקסיסטענץ־יניקה פון דעם טעריעלן נאַציאָנאַליזם. פעלקער וואָס לעבן זייער נאַציאָנאַלן לעבן נאָר אויפן יסוד פון גייסטיקע קנינים זיינען אזוי גוט ווי כמעט גאָר ניטאָ. דאָס ביסל וואָס שיינט דאָס יע צו טאָן, אַזוי למשל, די אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע האָבן פאַרלאָרן זייער פאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, טוען דאָס אין תוך נאָר האַלב אויף האַלב. זייער קיום איז אַ מין סינקרעטיזם, וואָלט איך געזאָגט, אַ געמיש פון טעריעלן און פערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם. די פעלקער לעבן אויף זייער אייגענעם באָדן, אין זייער לאַנד, נאָר זיינען זיי ניט די העכסטע בעלי־בתים פון אים. דאָס אויבערשטע פרייע פאַרוואַלטן מיטן גורל פון לאַנד איז אויף אַן אומבאַשטימטע צייט אַרויסגענומען פון נאַציאָנאַלן געברויך, אַזוי אַז דאָס פאָלק זעט זיך געצוואונגען אויף די צייט צו דערזעצן דעם טעריעלן נאַציאָנאַליזם מיט מאַקסימען פון דעם פערסאָנעלן. דאָס איז אָבער צייטווייליק און ניט אָרגאַניש. אָרגאַניש לעבט אין די הערצער פון די אונטערדריקטע פעלקער און ווירקט אַלס אַ אמת'ער גורם פון זייער כלל־לעבן דווקא דער טעריעלער נאַציאָנאַליזם וועלכער ווערט איצט מער ווי שטענדיק געשטיצט פון דעם אַנדערן. איין פאָלק איז לכל הפחות דאָ, ביי וועמען מ'קען בשום אופן ופנים ניט מסופק זיין בנוגע זיין אמת'ן גייסטיקן כאַראַקטער פון נאַציאָנאַליזם — דאָס איז דאָס אידישע פאָלק. (די פלפולים וועגן דעם צי זיינען אידן איבערהויפּט אַ פאָלק זיינען פאַר אונז און פאַר דער גאַנצער וועלט שוין לאַנג פּאָזיטיוו דערליידיקט). נאָך דעם חורבן האָט דאָס אידישע פאָלק ווילנדיק ניט ווילנדיק זיך אָפּגעזאָגט פון טעריעלן נאַציאָנאַליזם און איז אַריבער אויף די וועגן פון פערסאָנעלן. זכרונות פון אַמאָליקן מדינה־לעבן זיינען נאַטירליך אויך איצטער נאָך געבליבן אין לעבן פון פאָלק און האָבן שטאַרק געהאָלפן דעם גייסטיקן נאַציאָנאַליזם צו ערפילן זיינע אויפגאַבעס און צו פאַרווירקליכן זיינע צילן. כ'מיין די אַלע רעאַלע רעמיניסצענצן פון דעם אַמאָליקן מציאות'דיקן ארץ־ישראל, מיט וועלכע דאָס גלות'דיקע אידנטום האָט געדיכט דורכגעוועבט זיין גאַנצן לעבן פון אָנפאַנג ביזן סוף ועל כולם דער משיח־געדאַנק, וועלכער איז געוואָרן דער חוט־השדרה אויך פון דעם פערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם. די אויבערהאַנט האָט אָבער אָן ספק געוואונען דער גייסט און אויף אַזוי פיל, אַז אַפילו די אַלע מאָמענטן, וועלכע זיינען אין אים אַריבערגעפלאַנצט געוואָרן פון דעם אַנדערן טעריעלן נאַציאָנאַליזם זיינען איבערגעפורעמט און צוגעפּאַסט געוואָרן צו זיין מהות.

אָבער אויך בײַ דעם איין און איינציקן פֿאָלק האָט דער פּערסאָנעלער נאַציאָנאַליזם זיך באַפֿעסטיקט נאָר אין גלות און מן־הסתם צום גרעסטן טייל אויך אַ דאַנק דעם גלות. אין אַמאָליקן ארץ־ישׂראל, אין די תּקופֿות פֿון דער אידישער פּאָליטישער זעלבסשטענדיקייט, איז אויך בײַ אידן געווען אַנדערש. דאַן האָט אויך בײַ זיי געפֿירט די ממשלה דער מאַטעריעלער, ערדישער אַלזאָ טעריעלער נאַציאָנאַליזם, אַמאָל ביד רמה, אַמאָל ניט ביד רמה, אָבער שטענדיק דער הויפּט־פֿאַקטאָר פֿון היסטאָרישן אידישן לעבן. אָבער — אַן אונטערשייד צווישן אידן און ניט־אידן איז אויך שוין דאַן געווען. אויך דאַן שוין אין דער אַלטער אידישער געשיכטע קומט, ווי באַקאַנט, פֿאָר אַ גרויסער ויתרוצצו צווישן די צוויי עלעמענטן פֿון מאַטעריע און גייסט, מדינה און דת, פּאָליטיק און עטיק, קיסר און נביא. קורץ צווישן דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן, אַנדערש טעריעלן און פּערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם.

## טז. דער אַנטאַגאָניזם צווישן בײדע מינים נאַציאָנאַליזם.

די אַלטע אידישע פּאָליטישע געשיכטע איז אייגנטליך, ווי מען האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַ וועלט־אַרענע, וואו פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער מענטשהייט איז אויסגעטראָגן געוואָרן דער גרויסער און אָפֿט דראַמאַטישער אַנטאַגאָניזם־געראַנגל פֿון מלוכה און רעליגיע, קיסר און נביא, פּאָליטיק און עטיק און איז אויפֿגעהיט געוואָרן פֿאַר שפּעטערדיקע דורות און אייביקע צייטן אין יצירות, וועלכע הויבן זיך נאָך היינט ווי ריזיקע בערג און אַנטפּלעקן זיך אומעטום, וואו עס לעבן קולטור־פֿעלקער און וואו דער מענטשליכער גייסט זוכט וועגן פֿון העכערע עקזיסטענץ־פֿאָרמען און קיום געשטאַלטונגען. וואָס פֿאַרא נעמען האָט מען שוין ניט געגעבן אָט דעם היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם פֿון דער אידישער געשיכטע: עסטעטיק און עטיק, מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם, סענסואַליזם און ספּיריטואַליזם, אוניווערסאַליזם און פּאַרטיקולאַריזם וכדומה באַצייכונגען, וועלכע זײנען אַלע צום טייל גוט און צום טייל שלעכט און האָבן אַלע די גלייכע כּוונה אויף אַוועלכן ניט איז אופֿן צו באַטאָנען די צוויי קעמפּענדיקע יסודות פֿון דער נאַציאָנאַלער אידישער עקזיסטענץ אין לאַנד פֿון די אבֿות, די מאַטעריע און דעם

גייסט אָדער אויף אונזער לשון דעם טעריטאָריעלן און פּערסאָנאַלן נאַציאָנאַליזם.

דער אַנטאַגאָניזם טרעט אונז, ווי באַקאַנט, אַנטקעגן שוין אויפן שוועל פון דער אידישער געשיכטע אין דעם קאָנפליקט פון נבואה און מלוכה און ווערט האַרטנעקיק אויסגעקעמפט ביז צום סוף פון דער אידישער פּאָליטישער געשיכטע. יהודה און אפרים, ירושלים און שומרון, נביאים און מלכים, פּרושים און צדוקים וכדומה אַנדערע געשטאַלטן פון אָט דעם היסטאָרישן קאַמף אין די פאַרשיידענע צייטן פון דער אידישער געשיכטע. די איינע האָבן געלייגט אין יסוד פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ די מדינה און האָבן דערפאַר ניט מקפּיד געווען צו נעמען רעליגיע און קולטור פון וואַנען זיי קומען. אין אָט די קרייזן טרעפט מען דערפאַר פרעמדע רעליגיעזע און קולטורעלע השפּעות פון אַלערליי מינים אָנהויבנדיק מיט מצרים, בבל, אשור, צור און צידון און ענדיקנדיק מיט גריכלאַנד, רוים וכדומה. די רעליגיע און קולטור איז אין די קרייזן ניט געווען דער יסוד פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, דערפאַר האָט מען ניט איינגעזען קיין סכנה זי צו ווענטילירן און צו וואַריאירן. דער אַנדערער צד דאַקעגן האָט געלייגט אין יסוד פון פאָלקס־קיום די רעליגיע און די קולטור אַלס דאָס באַשטענדיקע, וואָס איז ניט אונטערוואָרפן קיין פאַרענדערונג, אַזוי אַז די מדינה און דאָס מדינהשאַפטליכע בכלל איז אָפּגעטראָטן אויף דעם צווייטן פּלאַץ נאָך קולטור.

דאָס הייסט נאַטירליך ניט, אַז אין אָט די קרייזן האָט מען זיך גלייכגילטיק באַצויגן צו דעם פּאָליטיש זעלבסטשטענדיקן לעבן. דאָס הייסט נאָר, אַז אומעטום וואו עס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן עטישע און פּאָליטישע מאָמענטן האָט מען שטענדיק געגעבן די בכורה דער עטיק, כאָטש דאָס פּאָליטישע לעבן האָט אַזוינס ניט פאַרטראָגן. אין די קרייזן האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט די שיטה, אָן אָרגאַנישע מסקנה פון זייער וועלט־השקפה, אַז מען קען און מען מוז, ווען עס איז אַ געבאָט פון דער שעה, צו גיין אויף פּאָליטיש־מלוכהשאַפטליכע וותורים, שטענדיק זיך אָבער מקריב זיין און קעמפן ביז דאָס לעצטע פאַר די רעליגיעזע און גייסטיקע פּרינציפּן און זייערע קנינים. דער קאַמף פון אָט די צוויי צדדים ציט זיך מיט פאַרשיידענעם גורל און דערפאָלג ביז צום סוף פון אידישער פּאָליטישער געשיכטע. אין דער לעצטער טראַגישער תקופה פון דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט פלאַקערט ער זיך זייער שטאַרק פאַנאַנדער און טיילט די מחנות אויף לעבן און טויט, די אי־

דישע מדינה קען אָבער ניט באַשטיין דעם שווערן איבערמענטשליכן קאַמף מיט דעם געוואַלטיקן שונא. זי גייט צו גרונט און צוזאַמען מיט איר אירע פּאַרטיידיקער און אָנהייִנגער, וועלכע פאַרשווינדן פון איצט אָן פון דעם איבערפלאַך און טרעטן אָפּ נאָך אַ צייט פון מרידות און בונטן די אידישע היסטאָרישע אַרענע פאַר דעם אַנדערן צד — דעם רעליגיעז גייס־טיקן.

איצט קען איך פאַרברייטן אַביסל דעם באַזיס פון מיינע רייד בנוגע דער אויפגאַבע פון דת אין דעם נאָך ־ חורבנדיקן אידישן לעבן (פריער וואָלט דאָס ניט געווען אינגאַנצן פאַרשטענדליך). די נייע אויפגאַבע פון דעם אידישן דת אין גלות אַלס היטערין פון דעם נאַציאָנאַלן קיום איז ניט קיין אַבסאָלוטער חדוש פון די געשאַפענע באַדינגונגען. ווי מיר האָבן איצט געזען, זיינען אין אידנטום פון אָנפאַנג אָן ווירקזאַם געווען אַזעלכע טענדענצן און כחות און בשעת עס איז געקומען דער קאַטאַסטראָפאַל־קריטישער מאָמענט פון דער זעלבסטשטענדיקער אידישער געשיכטע האָבן זיך גלייך געמעלדעט די יעניקע, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזוי געבונדן אָן דער מדינה־מאַקסימע און האָבן זיך באַמיט צו פאַרווירקליכן אין לעבן זייער אייגענעם פרימאַט פון דער אידישער געשיכטע — רעליגיע גייסט און קולטור. דער טעריטאָריעלער נאַציאָנאַליזם שווער געטראָפן אין זיין לעבנס ־ נערוו, טרעט אָפּ פון זיינע פּאָזיציעס און לאָזט איבער דאָס היסטאָרישע פעלד פאַר דעם רעליגיעזן, גייסטיקן קולטורעלן אַלזאָ פערסאָנאַלן נאַציאָנאַליזם.

הונדערטער, יע כמעט טויזנטער יאָרן גייט איצט די אידישע געשיכטע אונטער דעם שטערן פון אַ נאַציאָנאַליזם וועלכע איז אַ יחיד במינו אין דער גאַנצער מענטשהייט כמעט. דער טראַגישער איבערברוך פון דער פּאָליטישער אידישער געשיכטע האָט געפירט צו די גרעסטע מאַטעריעלע און גייסטיקע חורבנות פון אידישן פאָלק ס'איז אָבער ניט געקומען צו אַן אונטערגאַנג פון אידישן נאַציאָנאַלן קיום. דאָס פאָלק האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם אויסערן יאָך פון גלות און האָט אין זיך אַנטפּלעקט די נויטיקע כחות אינווייניק אום אופצוהיטן זיין עקזיסטענץ און גאַנצקייט פאַר בעסערע נאַציאָנאַלע באחרית ־ הימימדיקע צייטן.

אָט אַזוי פאַרענדיקט זיך אַ גורל ־ קאַמף פון היסטאָריש אידישע כחות און וועלט אָנשויאונגען פון אונדזער געשיכטע. דאָס לאַנגע גלות־לעבן פון אידישן פאָלק, די שטענדיקע צרות און רדיפות,

דאס טיפע בענקעניש נאך אמאל און די קלארע אונמעגליכקייט די בענקעניש צו באפרידיקן, די שטארקע איבערמאכט פון גייסט וכדומה אנדערע סיבות האבן אויסגעלאשן דעם אמאליקן טעריעלן נאציאנאליזם און געשאפן ארום דער ממשות׳דיקער ארץ־ישראל אין משיחן אן אטמאספערע, וועלכע האט זיך ארויסגעהויבן פון פשוטן אלטעגליכן רעאלן לעבן און זיי פארבונדן מיט רעגיאנען, וואו ערדישעס און מאטעריעלעס האבן ניט קיין שליטה. עס וועט אבער זיין א טעות צו מיינען, אז דער מאטעריעלער טעריעלער אידישער נאציאנאליזם איז אינגאנצן און אויף אייביק פארשוואונדן פון דער אידישער געשיכטע און איר היסטארישן לעבן. אין דער אמתן האט ער זיך נאר פארקליבן אין די טיפסטע טיפן פון דער אידישער נשמה, האט דארט געפירט א קיום אין דעם אונטער־באוואוסטזיין ביז ער וועט זיך ווידער קענען אנטפלעקן אין זיין גאנצער גרויס אלס גרויסער פאקטאר פון אידישן לעבן.

בינו לבינו האט ער זיך צוגעפאסט צו די נייע פארמען און עקזיסטענץ - מעגליכקייטן, האט אבער אפט באווירקט דורך זיין מהות די רעליגיעז - גייסטיקע דערשיינונגען און זיי באפארבן מיט זיין לעבנס - זאפט. אז דאס איז אזוי, ווייזט אונז די טראגישע און רירנדיקע געשפאלטנקייט פון די איד. געפילן צו זייער היימאט אין לאנד פון זייערע אבות. אין דער גלותדיקער רעליגיע, אין דעם אידישן נאך־חורבנדיקן לעבנס - שטייגער, אין דעם גאנצן ארץ ישראלדיקן ברייטן פאלקלאר גייען געמישט און האנט ביי האנט מאטעריעלע און רעליגיעז - גייסטיקע מאטיוון, מאמענטן און דערשיינונגען. דער טראגישער זיגער פון היסטארישן אידישן קאמף פון די יסודות, דער פערכאנאלער נאציאנאליזם, האט אין משך פון די שווערע יארהונדערט געזוכט נחמה אין שוים פון זיין אמאליקן קעגנער און אויף דעם אופן אים אריבערגעראטעוועט פאר אנדערע צייטן. דער רירנדיקער טרויער פון דער אגדה וועגן ארץ - ישראל, דער ווארימער ציטער פון דער הלכה וועגן ארץ - ישראל, די הארציקע תפילות מיט די זכרונות וועגן דעם לאנד פון די אבות, די בענקשאפט נאך דער אלטער היים. וואס האט זיך צוגאסן ווי א ברייטער און גרויסער ים אין אידישן לעבן און שאפן, און האט שטענדיק געהאלטן אין יסוריםדיקער שפאנונג דעם אידישן יחיד און דעם אידישן כלל, — אלץ דאס טראגט טיפע סימנים פון אן אייגנארטיקן געמיש פון רעליגיעז - גייסטיקע און ערדיש - מאטעריעלע יסודות. אין דער זעלביקער רירנדיקער געשפאלטנקייט ווי ארץ - ישראל און איר

טראַגישער סינטעז ערשיינט אויף דער רעיון המשיחי, דער יעוד המשיחי און דאָס גאַנצע בילד פון אידיש נאַציאָנאַלן באחרית־הימים — אָט גייסט אָט מאַטעריע, אָט אַ מיסטישער משיח אָט אַן ערדישער ממשותדיקער, אָט אַ פאַרהימלטע ארץ־ישראל און אָט אַ רעאַלע און א מציאותדיקע אָבער געלייטערטע אין ברען פון יסורים־פולן אידישן גייסט און דמיון.

## יז. די השכלה אלס ווידערגעבורט פון טערי על ן אידנטום.

עס פאַסירט אָבער אַמאָל אין דער אידישער גלותדיקער געשיכטע, אַז דער אַלטער דרעמלענדיקער כח גיט זיך אַכאַפּ אויף און טוט אויף אַ געוויסע צייט אַ טרייסל דעם אידישן לעבן און באַווייזט באַשיינפּערליך, אַז אין די טיפן לעבט נאָך דער ווולקאַן, וועלכן מען האָט געהאַלטן פאַר פאַרלאָשן און וועט נאָך אַמאָל זיך צופלאַקערן און איבעראַנדערשן היסטאָרישע מערכות. אין פאַרשיידענע צייטן טרעטן אויף פאַרשיידענע יחידים, די אחר'ם און אָפּטריניקע פון דער אידישער געשיכטע און זיינען דורך זייער קיום, קאַמף און יסורים מכריז און מודיע, אַז דאָס אַלטע טעריעלע אידנטום איז אין תוך נאָך לעבעדיק. דער גורל פון אָט די יחידים איז זייער פאַרשיידן. אַמאָל פאַרשווינדן זיי גיך און אָן גרעסערע שפּורן, אַמאָל האַלטן זיי זיך לייַנגער און האַרטנעקיקער, יעדער מאָל זיינען זיי אָבער אויף די וויטע געשיכטליכע מיילן די צוגרייטער פון דעם לאַנגזאַם אויפוואַכנדיקן טעריעלן אידישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער זאַמלט פון צייט צו צייט זיינע כחות און פירט זיי ארויס אין די קלענערע, גרעסערע און גרויסע משיחיותדיקע מרידות פון דער אידישער גלותדיקער געשיכטע, אין די אַזוי גערופענע באַוועגונגען פון די פאַלשע משיחים. די אויסערע פאָרם פון אָט די משיחיות'דיקע אויפברויזן און בונטן איז אַ רעליגעזע, אַ מיסטישע, זייער תוך איז אָבער אַ מאַטעריעלער טעריעלער נאַציאָנאַליזם. וואָס מער מיר גייען צייטליך ארונטער אין דער אידישער געשיכטע אַלץ שטאַרקער, מעכטיקער און דראָענדיקער ווערן אָט די מרידות און אַלץ קרעפטיקער ווערט דער אַמאָליקער, אַ לאַנגע צייט פאַרבאַהאַלטענער, אָבער דאָך לעבעדיקער היסטאָרי־

שער טעריטאָריעלער נאַציאָנאַליזם, ביז ער געפינט די גאַנצע מאָס נויטיקע כחות צו זיין אמתן דורכברוך און אויפלעבונג אין דער גייסטער עפּאָכע פון אידישן היסטאָרישן לעבן, אין דער תקופה פון דער השכלה.

די השכלה איז די ווידערגעבורט פון אלטן אַמאָליקן וועלטליכן אידנטום, די תחיה פון דעם היסטאָרישן אידישן טעריטאָריעלן נאַציאָנאַליזם, דער געוואַלטיקסטער איבערברוך פון דער אידישער געשיכטע נאָך דעם חורבן. צום ערשטן מאָל נאָכן חורבן וואַכט אויף אין אידישן פאָלק אַן אמת'ע רעאַלע בענקעניש נאָך א נאָרמאַלן ערדישן קיום און צום ערשטן מאָל זוכט מען אַנטשלאָסן און אָן אָפּנויג וועגן די בענקעניש צו באַפרידיקן און צו פאַרווירקליכן. צווישן אַנדערע פּרעזענטירט זיך די רעאַלע בענקעניש אין אַ משיכה צו דער ממשותדיקער און מציאותדיקער ערדישער תנ"ך־וועלט, צו ערד ממש, צו העברעאיש, ניט אַלס הייליקע שפּראַך, נאָר אַלס אַ געוויינליכער שפּראַך פון אַ וועלטליך פאָלק — אַלץ דערשיינונגען, וואָס שטייען אין גרעסטן קעגנזאַץ צו דער פריערדיקער עפּאָכע. דאָס פאַרענטפערט קודם כל די פריער געשטעלטע קשיה וועגן די צוויי פּנימדיקייט פון דער נאַציאָנאַלער זייט פון דער השכלה. מיר קענען איצט קלאָר און דייטליך זאָגן: די השכלה איז אַן אַנטי־נאַציאָנאַלער קאַמף, אָבער אַנטי־נאַציאָנאַל אין זין פון רעליגיעזן, קולטורעלן אָדער פּערסאָנעלן נאַציאָנאַ־ליזם. זי איז אָבער נאַציאָנאַל אין דעם אַנדער זין, אין דעם זין פון דעם אַמאָליקן מאַטעריעל - טעריטאָריעלן נאַציאָנאַליזם. דאָס גיט אונז, וואָס איז פיל וויכטיקער, דעם שליסל צו פאַרשטיין דעם גאַנג פון דער נייער אידישער געשיכטע, צו באַגרייפן די וואָרצלען פון איר ווערן און זיין און עפנט אונז דעם וועג פאַר דאָס פאַרשטענדעניש פון דער גאַנצער נייער אידישער געזעלשאַפטליכער דיפערענציאַציע, איר פּראָבלעמאַטיק סיי פאַר זיך און סיי אין איר סבותדיקן צוזאַ־מענהאַנג מיט דער השכלה־תקופה.

די השכלה איז, ווי געזאָגט, אַ קאַמף קעגן דעם רעליגיעזן גייסטיקן נאַציאָנאַליזם. דערפאַר באַוואָפנען זיך אַזוי קעגן איר די טראַדיציאָנעלע מאַסן. באַוווסט גלויבן זיי צו קעמפן קעגן אפּיקורסות און רעליגיעזע הפקרות, אומבאַוווסט פירן זיי אויס אַן אַלטע געשיכטליכע שליחות, וועלכע א טייל פון היסטאָרישן אידנטום האָט שוין זייער פרי אָנגעהויבן — די אויסקעמפונג פון גייסט און מאַטע־ריע אין אידישן געשיכטליכן לעבן. די השכלה קעמפט אין אָנהויב,

ווי יעדער מאָל בײַ אַ צוזאַמענשטויס פֿון אַלט און נײַ, הויפּטזעכליך נאָר קעגן דאָס אַלטע, וועלכע זי וויל עוקר מן השורש זײַן. די טענדענץ פֿון נײַעם נאַציאָנאַליזם ליגט אין איר פֿאַרבאַהאַלטן פֿון אָנפֿאַנג אָן און קומט צום אויסדרוק אין דער נטיה צו תנ״ך, העב־רעאיש וכדומה. קיין לעבנס־פֿאַקטאָר איז די טענדענץ דערווײַל אָבער ניט. פֿאַקטאָר איז דערווײַל נאָר דער קאַמף און די צעשטערונג פֿון אַלטן נאַציאָנאַליזם. די השכלה בלײַבט דערפֿאַר צײַטווײַליק אַ־נאַציאָנאַל אָדער ריכטיקער אָן פּאָזיטיווו ווירקנדיקע נאַציאָנאַלע מאָמענטן, וועלכע זײַנען און בלײַבן אין איר פֿאָרלויפֿיק נאָך לאַטענט און געבונדן. אין דער צײַט ביז די טענדענץ פֿון נײַעם נאַציאָנאַליזם ווערט פֿאַרוואַנדעלט אין אַן אמת׳ן פֿאַקטאָר פֿון באַ־נײַטן אידישן לעבן גייט אַ טייל, וואָס האָט דאָס אַלטע פֿאַרלאָרן און קיין נײַע ניט באַקומען, צו גרונט. אויפֿן וועג פֿון נײַעם ערדישן טעריטאָריעלן נאַציאָנאַליזם פֿון טענדענץ צו פֿאַקטאָר פֿאַלט אַרײַן אַ טייל פֿון אידישן פֿאָלק אין אַסימילאַציע. אין דער צײַט און ספֿערע ליגן די גײַסטיקע און אידייאישע וואָרצלען פֿון דער נײַער לאומיות־באַוועגונג אין דער פֿאָרם פֿון פּאַלעסטיניזם און חבת־ציון אין אַלע אירע שאַטירונגען. זי שטייט אין אַ קלאָרן קעגנזאַץ צו דער השכלה, וועלכע האָט ברעכנדיק דעם רעליגיעזן פּערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם געבראַכט צו אַסימילאַציע. חבת־ציון אין ברייטסטן זין פֿון וואָרט שטעלט זיך אַנטקעגן דער נײַער סכנה און קערט צוריק צו גײַסטיקן, קולטורעלן אָדער פּערסאָנעלן נאַציאָנאַ־ליזם, אמת מיט אַ נײַער באַפֿאַרבונג און מיט אַן ארץ־ישראל פּאָן. די געשיכטליכע השגחה וועבט דערווײַל ווײַטער איר געוועב, פּאַמעלעך און לאַנגזאַם וואַקסט דער קלײנער נײַער נאַציאָנאַלער קערנדל פֿון דער השכלה, קריסטאַליזירט זיך אויס פֿון באַשײדענע אָנפֿאַנגען, גיסט זיך אָן מיט לעבן און קראַפֿט און טרעט אַרויס מיט גרויס אימפּעט און געוואַלטיקער האַסט אויף דער היסטאָרישער אַרענע פֿון דעם אידישן פֿאָלק אין דער פֿאָרם פֿון אַ רײַפֿן ערדישן טעריטאָריעלן נאַציאָנאַליזם, אין דער פֿאָרם פֿון פּאָליטישן ציוניזם.

## יח. די השכלה און די נאַציאָנאַלע דיפערענציאַציע

דאָרט וואו פריער האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן נאָר צוויי כחות, השכלה און טראַדיציע, טומלען זיך שפּעטער פריש און פרייליך אַ גאַנצע הורבע פון אידישע היסטאָרישע קרעפטן און פּרעזענטירן זיך אין אַ לאַנגער שורה פון געזעלשאַפטליכע שטרעמונגען, ריכטונגען און באַוועגונגען. דער געראַנגל פון השכלה און טראַדיציע, אַלזאָ פון טעריעלן און רעליגיעז־פּערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם, האָט אַ גרויסן טייל פון איד. פאָלק אויפגעשטעלט מחוץ פון דער צווייטער „היימאַט“, די רעליגיע, און אים געלאָזן שטיין נאַציאָנאַל פראַנק און פריי, אָן פעסטונגען און אָן שוץ בכלל אין מיטן פון פרעמדע פעלקער און קולטורן, וועלכע האָבן שטאַרק באַדראָט זיין נאַציאָנאַלן קיום. אַנשטאָט דעם אַלטן איין און איינציקן אידיש־נאַציאָנאַלן וועג אין גלות, דעם רעליגיעז־פּערסאָנעלן האָבן זיך איצטער, נאָכן השכלה־קאַמף, געעפנט איינציקע וועגן. זיי אַלע גרו־פירן זיך אַרום די צוויי הויפּט־קריטעריען פון דעם נאַציאָנאַלן קיום, דעם טעריעלן און פּערסאָנעלן, קאָמבינירן זיי אָבער פאַרשיידן און קריגן דורך דעם צום טייל אַ נייעם מהות, צום טייל אַ נייע כאַראַקטער באַפאַרבונג. איינציקע יסודותדיקע קאָמבינאַציע־מעגליכ־קייטן זיינען פאַראַן און זיי אַלע זיינען אין דער נייער און נייסטער צייט ביי אונז פאַרטרעטן. דאָס טעריעלע קען זיין: טעריעל־אוניווערסאַליסטיש, טעריעל־וועלטליך און טעריעל־רעליגיעז. דאָס פּערסאָנעלע קען זיין: פּערסאָנעל פּאַרטיקוליאַ־ריסטיש, פּערסאָנעל־וועלטליך און פּערסאָנעל רעליגיעז. (אָט די קאָמבינאַציעס בינדן זיך נאָך ווייטער צווישן זיך און קריגן ווידער נייע שאַטירונגען, אָבער אַזוי ווייט וועלן מיר, לכל הפּחות אין דעם צוזאַמענהאַנג, ניט גיין). פּערסאָנעל־רעליגיעז: — דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום אין דער פאָרם פון אחדות, אגודת־ישראל וכדומה אידישע קאָנסערוואַטיווע שטרעמונגען. טערי־על־רעליגיעז — מזרחי. אָט די באַוועגונג טראָגט אין זיך צוויי מעגליכקייטן. דאָס מדינהשאַפטליכע־טעריעלע דער עיקר און די רעליגיע אפן צווייטן פּלאַץ נאָך דער מדינה אָדער פאַרקערט. אין צווייטן פאַל ווערט מזרחי אין ארץ־ישראל פאַר־וואַנדלט אין אַ רעליגיעז־פּערסאָנעלע שטרעמונג. אויף וויפל אגודת־

ישראל האָט אין זיך ארץ־ישראל׳דיקע שטימונגען איז זי שייך צו מזרחי אין זיין לעצטן סוג. פּערסאָנעל־אוניווערסאַליסטיש איז די נאַציאָנאַל־אידישיסטישע באַוועגונג פון פאַרשיידענער סאָציאַליס־טישער באַפאַרבונג. טעריעל־אוניווערסאַליסטיש — די פּאָליטישע ציוניסטישע פאָלקס־באַוועגונג מיט איר גרויסער און רייכער פּראַקציאָנעלער דיפערענציאַציע. פּערסאָנעל־וועלטליך — די חובבי־ציון, ספּעציעל אין דער אחד־העמישער באַפאַרבונג (שפּעטער געגנויער) אַ חוץ דעם זיינען נאָך דאָ אַ פּאָר שטרעמונגען פון מאָדערנעם אידנטום, ביי וועלכע מ׳קען אייגענטליך זיין מסופק, צי זיי זיינען נאָך בכלל שייך צו אידיש נאַציאָנאַלע כחות־געשטאַלטונגען. כ׳מיין די דת–רעפאָרמען און די חכמת־ישראלדיקע ריכטונגען. אויף וויפל מ׳קען זיי אריינ־נעמען אין נאַציאָנאַלע ראַמקעם זיינען זיי ביידע פּערסאָנאַל, ד. ה. ניט פאַרן טעריעל־מדינהשאַפטליכן פּרינציפּ, נאָר פאַרן גייסט און קולטור־מאַקסימען. וויל מען אָבער גענויער באַשטימען דעם כאַ־ראַקטער פון אָט דער פּערסאָנעלער ריכטונג, אַזוי מאַכט עס געוויסע שוועריקייטן, ווייל זי האָט ניט קיין גאַנץ קלאָרן מהות. מ׳וועט אָבער דאָך די רעפאָרמען מוזן באַשטימען אַלס פּערסאָנעל־רע־ליגיעז (כאָטש די רעליגיעזע זייט פאַרלירט דאָ זייער אַ סך פון איר היסטאָרישן אידישן מהות) און די חכמת־ישראל אלס פּערסאָנעל־פּאַרטיקוליאַריסטיש (כאָטש דער פּאַרטיקוליאַריזם האָט אין תוך אוניווערסאַליסטישע טענדענצן). נאָך אַ ריכטונג מוז דאָ נאָך דער־מאָנט ווערן, כאָטש זי שטייט שוין מחוץ פון די אידיש־נאַציאָנאַלע תחומים. כ׳מיין די פּאַסיווע און אַקטיווע אַסימילאַציע מיט אירע משרתים און יוצר משרתים. דאָס טו איך דערפאַר, ווייל זי איז, אמת אַ נעגאַטיווע, אָבער דאָך אַ דירעקטע תוצאה פון דער השכלה. אָט די אידן־באַוועגונג איז אין איר ווערן און אַנטשטיין אַ טעריעל–אוניווערסאַליסטישע אָבער אין אומגעקערטער און נעגאַטיווער ריכטונג.

אָט די אַלע באַוועגונגען און שטרעמונגען זיינען פאַרשיידן אין זייערע היצוניותדיקע דערשיינונגען, האָבן אָבער אין תוך באַריר־פּונקטן און גייען אַפילו איין אויף געוויסע גראַדן פון קרובהשאַפטן, ווייל זיי וואַקסן דאָך אַלע אַרויס, ווי מיר האָבן געזען, פון די צוויי יסודותדיקע נאַציאָנאַלע קריטעריען, וועלכע באַוועגן אינערליך זיי אַלעמען אין אַזאַ אָדער אין אַן אנדער מאָס. די ביידע

גרופּן איינקט אָדער דער גייסטיקער אָדער דער מאַטעריעלער פּרי־מאַט, די געשטאַלטונגען אָבער פון די בײדע נאַציאָנאַלע פּרימאַטן ווי אויך זייער פאַרשיידענע שותפותן מיט אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען פון דער מאָדערנער מענטשהייט טיילט זיי פאַנאַנדער.

פון אַט די אַלע וועגן, אויף וועלכע דאָס מאָדערנע אידנטום גייט היינט און זוכט די מיטלען און אינהאַלטן פון נאַציאָנאַלן קיום, אינטערעסירט אונז דאָ אין די ראַמקעס פון אידעאָלאָגישע אַלגעמיין־ציוניסטישע באַטראַכטונגען דערעיקרשט צוויי: דער פּאָלי־טישער ציוניזם און די חבת־ציון־באַוועגונג. אויפן שוועל פון זיי ביידן שטייט די אַסימיליאַציע—די געפאַר פון זיי ביידן. דאָס צווינגט אונז צו זאָגן דאָ נאָך אַ פּאָר ווייטערע ווערטער, וועלכע וועלן, אגב אורחה, אויך פאַרשטענדליך מאַכן, פאַרוואָס מיר האָבן אַריינגענומען די אַסימיליאַציע אונטער אַ נאַציאָנאַלער טעריטאָריעל־אוניווערסאַליס־טישער גרופּע.

די השכלה אַלס אַ קאַמף קעגן דעם פּערסאָנעל־רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם האָט, ווי מיר האָבן שוין געזען, געפירט אַ חוץ צו פּאָזיטיווע אידישע שטרעמונגען, אויך צו נעגאַטיווע, אַ שטייגער צו אַסימילאַציע. אין מערב אייראָפּע, וואו די אידישע וועלט איז ווי אַ קליינער אינזל אין אַ גרויסן פרעמדן אָקעאַן, האָט די השכלה, נאָכדעם ווי זי האָט באַזייטיקט די אַלטע אידישע פעסטונגען, זיך פאַרלויפן אין אַ מאַסן־עפּידעמיע פון שמד און נאַציאָנאַלן אונטער־גאַנג. אין מזרח, אַ חוץ קליינע אויסנאַמען, וואו ס'איז דאָ אַ גרויסע אידישע מאַסע, וועלכע איז געווען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין אידישן פאָלקסטום, האָט זיך רעכטצייטיק באַמערקבאַר געמאַכט די רע־אַקציע — ס'וועט געבאָרן דער חבת־ציונ'דיקער ציוניזם. די השכלה גייט אָבער ווייטער אירע וועגן, ווערט פּאַמעלעך צייטיק און קריגט איר אויסדרוק אין דעם וועלטליכן ערדישן נאַציאָנאַליזם — אין פּאָליטשן ציוניזם, אַט אַזוי זאָגט זיך אָן די אידישע פּאָליטישע פרייהייטס־באַוועגונג אויף דער פאַרליינגערונג פון דער נאַציאָנאַלער (וועלטליך־נאַציאָנאַלער) השכלה און טרעט אויף שוין אין מזרח דורך די אידייען פון פּינסקערן אין זיין, אַזוי צו זאָגן, ערשטער פאַר חבת־ציונדיקער תקופה. אין מערב־אייראָפּע לעבט זיך דערווייל אויס דער אַנדער צד פון דעם ערוואַכטן אידישן ערדישן נאַציאָ־נאַליזם און ווייל ער האָט אין גלות ניט געפונען און ניט געקענט געפינען קיין אידישע ערדישע ראַמקעס האָט ער זיך, צוליב זיין טיפסטן ערדיש טעריעלן דראַנג און צוואַנג, געוואָרפן

אויף פרעמד-נאַציאָנאַלע מאַטעריעלע קנינים און געזוכט צו שלאָגן וואָרצלען אין פרעמד-נאַציאָנאַלע ערד — ער אַסימי־לירט זיך.

די אַסימילאַציע די פאַרבלאָנדזשעטע טאָכטער פון דעם השכלה'שן ערדישן נאַציאָנאַליזם האָט אָבער צוליב געוויסע אַלגעמיין באַקאַנטע סיבות ניט געקענט געפינען איר אמת'ן טעריטאָר־וועלטליכן תקון אין די פרעמד - נאַציאָנאַלע תחומים און איז אוועק זוכן איר תקון און האָט אים געפונען אין שויס פון אַמאָליקן אַלטן אידישן טעריעלן נאַציאָנאַליזם, אין שויס פון דעם אַלטן אידישן יסוד פאַר זיין וועלטליכן קיום — אין ארץ ישראל. מזרחדיקער און מערבדיקער ערדישער נאַציאָנאַליזם טרעפן זיך, פאַראייניקן זיך און ווערן דער גרעסטער פאַקטאָר פון היינטיקן אידישן לעבן. דער מזרחדיקער טעריעלער נאַצאָנאַליזם, דער פינסקעריזם גיסט זיך אריין אין דעם מערבדיקן טעריעלן נאַציאָנאַליזם דעם הערצעליזם, זיגן אויף דער גאַנצער שטאַרק דיפערענצירטער ציוניס־טישער ליניע און שטויסן סוף כל סוף כמעט ווי אינגאַנצן ארויס דעם קעגנער, דעם חבת ציון'דיקן קולטורעלן ציוניזם. דער קאַמף צווישן אָט די צוויי ציוניסטישע שטרעמונגען איז געווען ביחס ניט קיין גאַנץ לאַנגער, אָבער דערפאַר זייער אַ האַרטנעקיקער און האָט שטאַרק געהאַלטן אין שפּאַנונג דעם ציוניס־טישן עולם.

וואָס איז אייגענטליך געווען (און איז צום טייל נאָך היינט) דער סלע המחלקת? די תשובה קען איצטער, אויפן יסוד פון אונזערע פריערדיקע באַטראַכטונגען געגעבן ווערן גאַנץ קורץ. אויב מיר ווען זיך אָבער אָפּשטעלן אַביסל לייננגער און ארומריידן אַביסל ברייטער איז דאָס דערפאַר ווייל דאָס קלערט אויף די לאַגע פון דער נאַ־ציאָנאַלער קולטור אין דעם פאָליטישן ציוניזם און בויט אויס דעם יסוד פאַרן באַנייטן אַלגעמיינעם ציוניזם.

## יט. אחד - העם און ד"ר הערצעל.

איידער מיר גיבן אַ תשובה אויף דעם, וואָס איז אייגנטליך געווען דער סלע המחלוקת צווישן חבת - ציון און פאָליטישן ציו־ניזם מוזן מיר באַהאַנדלען פאָלגענדיקן מאָמענט, וועלכער איז דאָך

אין פלוג אַביסל פלא'דיק. ביידע ציוניסטישע ריכטונגען אַלזאָ אויך די חבת־ציון און אפילו דער אחד־העמיזם שטייען דאָך אויף אַ טעריטאָריעלן יסוד, טאָ פאַרוואָס האָט מען ניט געקענט געפינען אַן אויסוועג און מאַכן שלום, ווי דאָס האָט טאַקע געטאָן דער פּראַקטישער ציוניזם, אין תוך דער „מרכז"דיקער טייל פון אחד־העמישער חבת־ציון? דער תירוץ, איז אַ פשוטער — די צווייטע העלפט פון „מרכז" האָט מעכב געווען. די טעריטאָריעלע זייט פון אחד העמישער חבת־ציון דער „מרכז" האָט געהאַט נאָך אַ זייט ריכטיקער אַ באַשטימטן תואר, עפּיטעט, וועלכער האָט דעם „מרכז" די טעריטאָריע אַוועקגעשטעלט אין שאַרפן היפוך צו דעם פּאָליטישן ציוניזם. דער מרכז פון דער אחד־העמישער חבת־ציון איז ניט סתם אַ מרכז וואָס וואָלט טאַקע געקענט ווערן (ווי אחד־העם אונטערשטרייכט טאַקע אין איינִיקע ערטער) אַ מדרגה צו דער אידישער מדינהשאַפטליכער מציאות. נאָר אַ מרכז פון אַ געוויסן מין, אַ מרכז רוחני אַלזאָ אַ גייסטיקער צענטער. אחד־העם וויל ניט סתם אַ אידישע מדינה ווי סתם מדינות ביי־לייטן אַ שטייגער ערדיש ממשותדיק און וועלטליך. דאָס איז נאָך אַ נביאים'דיקן עבר, נאָך אַ לאַנגער עטישער אַנטוויקלונג נאָך אַ לאַנג־גלגולימדיקער קריסטאַליזירונג פון אידישן גייסט אין די געלויטערטע אידעאַלן פון מענטשן־ווערט און אייביקן שלום ניט גענוג. אחד־העם און מיט אים אַלע זיינע אָנהייגער ווילן אַטעריטאָריעלע זעלבסטשטענדיקייט ניט כדי זיך אין איר אויסצולעבן ערדיש־מאַטעריעל, נאָר כדי דאָרט צו קענען פריי צו אַנטוויקלען דעם אידישן גייסט און זיינע גרויסע קנינים. אחד העם וויל אַ מרכז אַ טעריטאָריע אָדער אַ מדינה ווייל אין גלות קען זיך דער נאַציאָנאַלער גייסט ניט אויסלעבן אָדער קען איבערהויפּט ניט לעבן. האָט ער אָבער די מדינה דאַן וויל ער ניט איר, די מדינה ליינגן אין יסוד פון נאַציאָנאַלן קיום נאָר דעם נאַציאָנאַלן גייסט און זיינע גרויסע עטישע קנינים ד. ה., דער אחד העמיזם וויל אין א"י זיין ניט טעריעל־נאַציאָנאַליסטיש נאָר פּערסאָנעל־נאַציאָנאַליסטיש. אמת, זיין פּערסאָנעלער נאַציאָנאַליזם איז ניט קיין רעליגיעזער נאָר אַ וועלטליכער אָבער די וועלטליכקייט ניט קיין אוניווערסאַלע נאָר דוקא אַ פּאַרטיקוליאַריסטישע — די אידיש־נאַציאָנאַלע גייסטיקייט ווי זי האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אויף די הויכפּונקטן פון דער אידישער געשיכטע.

אָט דאָ שטעלט זיך די חבת ציון באַוועגונג אין גרעסטן נגוד צו דעם פּאָליטישן ציוניזם וועלכער איז ווי מיר האָבן געזען דער

שטורמישער אויסדרוק פון בונטאַרישע אידישע כחות, וועלכע האָבן מורד געווען אין די גייסטיקייט און אין איר דאָגמאַטישער נאַציאָנאַלער געבונדנקייט. איז די השכלה די ווידערגעבורט פון אַלטן אַמאָליקן וועלטליכן אידנטום, אַזוי איז דער פּאָליטישער ציוניזם דער נאַציאָנאַלער אינסטרומענט אין די הענט פון אַט דעם דערוואַכטן וועלטליכן אידנטום דורכצופירן זיין תחיה ביז צום נצחונותדיקן סוף און זוכה זיין נאָך לאַנגע גלותדיקע גלגולים צו אַ ממשותדיקע עקסיסטענץ אויף דעם ממשותדיקן היסטאָרישן באָדן, כדי דאָרט צו לעבן ווי עס האָבן אַמאָל גע־לעבט די וועלטליכע אידישע אבות און ווי עס לעבן היינט אַלע פעלקער פון דער וועלט — ערדיש עלעמענטאַר פּשוט אָבער פאַרוואָרצלט אין דער נאַטור און פאַרבונדן מיט אירע קוואַלן. דאָס האָט געגעבן דעם יסוד פאַר די נגודים. ווידער אַמאָל האָבן זיך דאָ געטראָפן די צוויי אַנטאַגאָניסטישע יסודות פון געשיכטליכן אידנ־טום, האָבן זיך דערקענט אין זייערע מאָדערנע גלגולים און האָבן זיך קעגנזייטיק באַפאַלן. עס איז דער אַלטער היסטאָריש - אידישער געראַנגל, וועלכער ווערט איצט אין דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס - צייט אויסגעטראָגן פון די צוויי גרויסע גייסטער פון מאָדערנעם נאַ־ציאָנאַלן אידנטום. אָט דאָס איז דער אַמתער אינעווייניקסטער כח, וואָס טרייבט זיי אין פאַרשיידענע זייטן און די אָרגאַנישע סיבה וועלכע טיילט זיי פאַנאַנדער. אַלע אַנדערע הבדלים און זיי זיינען ניט וויניק זיינען נאָר אויסווירקונגען פון אָט דעם אָרגאַנישן קעגנזאַץ, און פאַרהאַלטן זיך צו אים ווי די רעאַלע לעבנס - פאָרמען צו זייער איינהייטליכער אידייע.

דאָס, ווי עס וועלן אונז ווייזן די ווייטערדיקע באַטראַכטונגען, ברענגט אונז אַ תשובה אויף דאָס קולטור־פּראָבלעם אין ציוניזם און גיט אונז גלייכצייטיק, וואָס איז זייער וויכטיק, אַ מעגליכקייט פאַר אַ אָרגאַנישע באַגרינדונג פון איינע פון די אידעאָלאָגישע הויפּט־מאָמענטן פון דעם באַנייטן אַלגעמיינעם ציוניזם.

## כ. כאַראַקטער, באַנעם און קאָנסעקווענצן פון קולטור-פּראָבלעם.

די פריערדיקע באַטראַכטונגען פון די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון טראַדיציע און השכלה האָבן אונז געוויזן, אַז דער מהות פון זייערע אינערע ניגודים, איז דער אידישער היסטאָרישער אַנטאַגאָניזם צווישן גייסט און מאַטעריע, קולטור און מדינה, אַלזאָ פּערסאָנעלן און טעריעלן נאַציאָנאַליזם, וועלכער הויבט זיך אָן זייער פּרי אין דער אידישער געשיכטע און ווערט מיט פאַרשיידענעם גורל און אין פאַרשידענע געשטאַלטן שטענדיק אויסגעקעמפט אין אַלע אידישע דורות. דאָס ערקענען פון אָט דעם מהות האָט אונז געעפענט דעם וועג ריכטיק צו פאַרשטיין און אָפּצושאַצן די השכלה אַלס אָרגאַנישע היסטאָריש אידישע ערשיינונג, וועלכע באַשטייט אין דעם, וואָס זי פירט אַרויס, נאָך אַ לאַנגער הפסקה פון די גלות׳דיקע דורות, דעם אַלטן אידישן טעריעלן נאַציאָנאַליזם. דאָס איז דערפאַר וויכטיק, ווייל די השכלה איז דער אויסגיי־פונקט פאַר דער גאַנצער נייצייטיקער אידישער געזעלשאַפטליכער דיפּע־רענציאַציע, אין דעם כלל אויך פאַר אַלע נאַציאָנאַלע זוכענישן, גרופּירונגען און באַוועגונגען, וועלכע האָבן געפונען זייער פולסטן אויסדרוק אין די פאַרשיידענע ריכטונגען פון דער אידישער פּאָ־ליטישער פרייהייטס־באַוועגונג — דעם ציוניזם.

מיט דער השכלה אַלס פאַרקערפּערונג פון דעם היסטאָרישן טעריעלן נאַציאָנאַליזם קעמפן צוויי כחות. דער איין כח, וועלכער פירט דעם קאַמף מיט דער השכלה פון אנפאַנג אָן, איז דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום, אַנדערש גערעט דער רעליגיעז־פּערסאָנעלער נאַציאָנאַליזם. אַלס צווייטער כח, וועלכער איז ביחס צו זיין וועלטליכקייט אַפּראָדוקט פון דער השכלה, ביחס אָבער צו זיין נאַציאָנאַלער זייט אַ רעאַקציע קעגן איר, טרעט אויף די חיבת־ציון באַוועגונג, דערעיקרשט אין דער פאָרם פון דעם גייסטיקן ציוניזם אַלס וועלטליכער, אָבער פּאַרטיקולאַריסטישער פּערסאָנעלער נאַציאָנאַליזם. דאַקעגן גייט די השכלה איר וועג ווייטער און איז, נאָך נאַציאָנאַלע שטרויכלונגען, ממלא איר היסטאָרישע שליחות אין דעם פּאָליטישן ציוניזם, וועלכער איז דער איי־

געגנטליכער אויסדרוק פון דער השכלה אין איר אייגענשאַפט אַלס ערדישער טעריטאָריאַלער נאַציאָנאַליזם.

אַט די ביידע ציוניסטישע ריכטונגען, די פּאָליטישע און גייסטיגע, זיינען גרונטפאַרשיידן און האָבן טאַקע דערפאַר גרונט־פאַרשיידענע שטעלונגען צו הויפּט־פּראָבלעמען פון אידישע נאַציאָנאַלע ענינים, אין דעם כלל אויך צו די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַלער קולטור, אירע וועגן, מעטאָדן, קריטעריען וכדומה מאָ־מענטן, וועלכע באַשטימען איר מהות און גורל.

דער פּאָליטישער ציוניזם סיי אין דער עלטערער פאָרם פון פינסקעריזם, סיי אין דער שפּעטערדיקער אקטיווערער פאָרם פון הערצעליזם ברייננט אריין אין אידישן גלות'דיקן לעבן יסודות, וועלכע שטייען אין אויסגעשפּראָכענעם ניגוד צו דער גאַנצער ביז איצטיקער נאַציאָנאַלער איינשטעלונג אין גלות, איר קאָנצעפּציע און איר וועלט־אנשויאונג. ריין אויסערליך מערקט עס זיך שוין אין פאָלגענדער ערשיינונג. האָט ביז איצט אין אידישן לעבן שטענדיק געהערשט דער קולטור און גייסט־מענש הן אַלס נאַציאָנאַלער מענשן־אידעאַל אין גלות און הן אַלס פירער און באַשטימער פון דעם פאָלקס־גורל אין אַלע לענדער פון זיין צושפּרייטונג, אַזוי הויבט איצט אָן צו פאַרנעמען זיין אָרט דער פּאָליטישער כלל־טוער און אידישער דיפּלאָמאַט, וועלכער ווערט פּאַמעלעך אויך דער נייער אידיש־נאַציאָנאַלער מענשן־אידעאַל. די סבה פון אָט דעם שנוי, ווי אויך די סבה פון אַ סך אַנדערע שנויים פון אידישן גלות'דיקן לעבן ליגט אין דעם איבערבראָך פון די יסודות פון דעם ביז־איצטיקן גלות־בנין און אין דער איבערשאַצונג פון אַלע זיינע ערכים, אין דעם כלל און טאַקע אין ערשטער שורה, אויך פון דער אַלטער קולטור־טראַדיציע און פון די טראַדיציאָנעלע גייסט־יסודות פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן און קיום אין גלות.

דאָ ליגט די אמת'ע דערקלערונג פאַר דער פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלער קולטור אין ציוניזם. מיט דעם פּאָליטישן ציוניזם, דעם דירעקטן יורש פון דער השכלה, איז געבראָכן געוואָרן דער נאַציאָנאַלער קולטור־פּרימאַט פון דעם טראַדיציאָנאַלן אידנטום און נאָך לאַנגע און שווערע גלות'דיקע דורות איז ווידער אַמאָל אויפגעהויבן געוואָרן די פאָן פון מאַטעריעלע מאַקסימען אַלס יסוד פון נאַציאָנאַלן לעבן און עקסיסטענץ. דער פּאָליט. ציוניזם בעטראַכט דערפאַר אַלס דאָס ערשטע און העכסטע מאַקסימע דאָס לאַנד, די היימאַט, ערדישעס לעבן און ערד ממש. נאַציאָנאַלע קולטור דאַ־

קעגן, ווי קולטור בכלל, טרעט אפ אויפן צווייטן פלאן און איז אויך דאן אונטערווארפן דעם טעריעלן פרימאט. איז די היימאט, דאס פאטערלאנד נאך ניטא, אזוי מוז מען קודם־כל און פריער פאר אלץ דאס שאפן. שוין די פארבאריייטונגס־ארבייטן אליין פאר דער צוקונפטיקער ערדישער זעלבסטשטענדיקייט איז בכוח צו געבן א שטיק מדינה־לעבן און ווערן א גרויסער פאקטאר אין לעבן פון דעם טעריעלן נאציאנאליזם. וואס איז נוגע קולטור, אזוי ברויכט מען זיך גאר ניט צו מאכן קיין גרויסע זארג. קולטור קען מען דאך נעמען פון וואנען מ׳וויל או וואו מ׳וויל. איז דאך קולטור אין ערדישן נאציאנאליזם ניט מער קיין פרימאט פון נאציאנאלן קיום, נאר א פרייער פראדוקט פון פרייען גייסט, וועלכער איז ניט אונטערווארפן קיינע באשרייינקונגען. דאס נאציאנאלע לעבן וועט אויסטראגן אויסשליסליך דאס לאנד און אירע מאטעריעלע מאקסימען און אזוי ווי דאס אמאליקע טעריעל - וועלטליכע אידנטום האט געלעבט מיט אפענע קולטור־פענסטער נאך אלע זייטן און ריכטונגען און האט ניט חושש געווען קולטורעל מושפע צו ווערן פון שכנות׳דיקע פעלקער און גייסטער, אזוי טראכט אויך ניט דער פאליטישער ציוניזם היינט זיך קולטורעל אפצושליסן און איינצושליסן. דער פאליטישער ציוניזם באזיצט ניט קיין נאציאנאלן קולטור־פאנאטיזם און קיינע גייסטיקע אומטאלעראנין. ער האט פארלייגט דעם גאנצן שווער־פונקט פון זיין מענשליכן און נאציאנאלן לעבן, אים ארויסגענומען פון די גייסטיקע רעגיאנען און אים פארפלאנצט אין לאנד, באדן און ערד ממש — אין דער ערד און אין דעם לאנד פון די אבות. אלא וואס? — דאס וועט אזוי ארום זיין פרייע און אומגעבונדענע אידיש־אוניווערסאלע און ניט קיין נאציאנאל־פארטיקולערע קולטור, אלזא ניט קיין ריינער פראדוקט פון אידישן נאציאנאלן געניוס — ארט דאס טאקע ניט דעם פאליטישן ציוניזם, וועמענס תוך ס׳איז ווי געזאגט, דער טעריעלער נאציאנאליזם.

פון וועלכן צד איז אבער געקומען די קולטור־טענה אין ציוניזם?

די קולטור־פאדערונגן אין ציוניזם איז, ווי באקאנט, דערעיקרשט געקומען מצד די רוסישע אדער ריכטיקער די מזרח־ציוניסטן, אלזא פון יענע שיכטן, וועלכע זיינען אויפגעוואקסן אין דעם פערסאנעלן נאציאנאליזם און האבן זיך פון אים אויך איצט, אין אנפאנג פון פאליטישן ציוניזם, נאך ניט באפרייט. זיי זיינען

דערפאַר געקומען צו אים מיט קולטור־תביעות, וועלכע זיינען ממש דער היפוך פון זיין מהות אַלס טעריטאָריאַלער נאַציאָנאַליזם, אַלזאָ מיט פאָדערונגען, וועלכע באַזירן זיך אַלס גייסטיקע נאַציאָנאַלע פרימאַטן. דאָס האָט ד״ר הערצל טאַקע אָפּגעוואָרפן.

געוויינליך ווערט די סיבה דערפאַר אָנגעגעבן דאָס, וואָס ד״ר. הערצל איז געקומען פון אַסימילירטע קרייזן און האָט ניט געקענט די אידישע נאַציאָנאַלע קולטור. געוויס האָט ד״ר. הערצל זי ניט געקענט און אחד־העם איז געווען ביי איר א בן־בית, אָבער דאָס איז דאָך נאָר א דערקלערונג פאַר די פּערזאָנען און ניט פאַר די ערשיינונגען, פאַר די, לאָמיר זאָגן, אַנטפּלעקונגען פון אידישן גע־שיכטליכן גייסט, וואָס שטעקט אין זיי ביידן. אָט די אַנטפּלעקונגען ערקלערן זיך נאָר, ווי באַמערקט, אַלס קאַמף פון די היסטאָרישע אידישע עלעמענטן. ד״ר הערצל אַלס טעריעלער נאַציאָנאַ־ליסט וואַרפט אָפּ די נאַציאָנאַלע קולטור אַלס נאַציאָנאַלן פרימאַט פאַרן לעבן און קיום פון אידישן פאָלק, ד. ה. ער וואַרפט אָפּ די פאָדערונגען פון פערסאָנאַלן נאַציאָנאַליזם. ער טוט דאָס אפשר ניט באַוואוסט נאָר בכוח פון זיין אינטואיציע, וועלכע האָט שטענדיק באַגלייט דעם גרויסן ציון־פירער אויף אַלע זיינע ערדישע וועגן און גיינג, אָבער עלעמענטאַר און אַלס פועל־יוצא פון זיין אמת׳ן מהות.

און וואָס ס׳איז געווען מהות׳דיק אין דעם שעפער פון דער באַוועגונג האָט זיך דורכגעזעצט אין דער באַוועגונג. לאַנג בערך האָבן די קולטור־ציוניסטן געקעמפט אין די שורות פון דעם פּאָליטישן ציוניזם מיט הערצלען און זיינע אָנהייגער פאַר אריינגעמען די נאַציאָנאַלע קולטור און ווען דאָס איז געשען איז עס סוף־כל־סוף געבליבן נאָר אויפן פּאַפּיר. און ניט, ווי מ׳האָט אָפּט באַשולדיקט, ווייל מ׳האָט די באַשלוסן סאַבּאָטירט, נאָר ווייל די נאַציאָנאַלע קולטור אין איר פערסאַנעלער פאָרם איז געווען קעגן דעם מהות פון דער גאַנצער וועלט־אנשויאונג פון פּאָליטישן ציוניזם. נאָך מער. שפּעטער, ווען ד״ר הערצל איז געפאַלן אויפן מלחמה־פעלד פאַר די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און די פירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז פאַמעליך אריבער צו די קולטור־ציוניסטן, האָט מען דאָך געקענט האָפן, אז דאָס קולטור־פּראָבלעם אין ציוניזם וועט איצט ענטגילטיק געלייזט ווערן, איז טאַקע ניין. די וואָס האָבן אמאָל געקעמפט אזוי שאַרף פאַר קולטור אין ציוניזם האָבן עס שפּעטער אַליין אין לעבן אָפּגעוואָרפן, מן הסתם, ווייל

דער פּאָליטישער ציוניזם אָלס טעריטאָריעלער נאַציאָנאַליזם האָט אין זיי געשלאָגן טיפערע וואָרצלען און געצויגן קלאָרערע ליניעס. אויב מ'קען ד"ר הערצלען יע באַשולדיקן פאַר אויסשליסונג פון קולטור, איז דאָס ניט בנוגע דער, לאָמיר זאָגן, פערסאָנעלער, וועלכער ער האָט ניט געקענט בשום אופן מחייב זיין, נאָר דווקא בנוגע יענער קולטור, וועלכע טרעט אויף אויך ביי אַ טעריטאָריעלן נאַציאָנאַליזם אָלס פרייער און אוניווערסאַלער פּראָדוקט פון פרייען גייסט. אויך אָט די אוניווערסאַל־טעריטאָריעלע קולטור האָט ד"ר הערצל, בניגוד צו אַנדערע נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען פון אַנדערע אומות, פאַרשוויגן און געשטעלט אָן אַ זייט. אָבער אויך אָט די טענה איז, לכל־הפּחות אין דעם געגעבענעם פאַרנעם, ניט ריכטיק. הערצל האָט אין תוך אָט די קולטור ניט אויסגעשלאָסן. דאָס דערפאַר, ווייל פרייע אומגעבונדענע קולטור קען מען נאָר ניט אויסשליסן. זי אַנטוויקעלט זיך ממילא און שפּראָצט אַרויס פון זיך אַליין אין יעדן מענשליכן צוזאַמענלעבן אַלס אינערע מסקנה פון דעם קעגנזייטיקן כחות־שפּיל צווישן זיך און דעם אַרום. אָט די פרייע קולטור, ווערט זי נאָר בכוונה ניט געשטערט, אַזוי איז זי שטענדיק דאָ. דאָס האָט הערצל, צו באַוואוסט צו אומבאַוואוסט, זייער גוט אַרויסגעהאַט, ווי ס'איז צו זען פון אַ סך שטעלן אין זיינע שריפטן. אַלא וואָס? — אויך אַ פרייע אוניווערסאַלע קולטור ברויכט אָרגאַניזירונג, רעגולירונג און אויפּפּאַסונג. געוויס, אָט דאָס טאַקע, אָבער אויך נאָר דאָס אַליין, האָט הערצל, בניגוד צו אַנדערע ענליכע באַוועגונג ביי די אומות־העולם, פאַרשוויגן. געטאָן האָט ער אָבער דאָס ניט צוליב אַפּאַרטוניסטישע טעמים, נאָר בכח פון אַ טיפן זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט, וועלכער באַגלייט ניי־געבאָרענע יצורים ניט נאָר אין דער פיזישער, נאָר אויך אין דער סאָציאַלער וועלט. אָט דער אינסטינקט האָט הערצלען געמאַכט פאַרן אמת'ן גרויסן פירער פון דער באַוועגונג, פּונקט ווי זיין אינטואיציע האָט אים געמאַכט פאַרן אמת'ן געניוס פון איר. און ס'איז דאָך ממש רירענדיק צו זען, ווי דער פּאָליטישער ציוניזם ציט אין אָנפאַנג זיין יניקה פון יענעם אינסטינקט און ווייזט ניט אַרויס זיין אמת'ן פּרצוף־פּנים אַלס ערדישער, מאַטעריעלער, אַלזאָ, טעריטאָריעלער נאַציאָנאַליזם. דערפאַר קען ער טאַקע אויפנעמען אין זיך אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע שטייען אין תוך אין גרעסטן קעגנזאַץ צו אים. אַנדערש אָבער די יורשים פון הערצלען, די אַמאָליקע קולטור־קעמפער, זיי האָבן במשך פון דער צייט ריכטיק דערקענט דעם מהות פון

פּאָליטישן ציוניזם און האָבן דערפאַר אויפגעגעבן זייער אַלטן קולטור־קאַמף. אָבער בניגוד צו ד"ר הערצלן פירן זיי איין אנשטאָט די קולטור פון פּערסאָנעלן, די קולטור פון דעם טעריעלן נאַציאָנאַליזם און ווייזן אַזוי פּאַמעליך אַרויס דעם אמת'ן פּרצוף פון פּאָליטישן ציוניזם. גראָדע די אַמאָליקע קעמפער פאַר די פּערסאָנעלע קולטור פירן אַרויס אויף די ציוניסטישע אַרענע די פרייע קולטור פון טע־ריעלן נאַציאָנאַליזם און העלפן איר, נאַטירליך, אין דער העברייאישער שפּראַך, צו פאַרנעמען דעם אָרט, וועלכן זי איז ראוי צו פאַרנעמען דאָרט, וואו דער פּאָליטישער ציוניזם האָט זיין אמת'ן הווה און עתיד — אין ארץ־ישראל. דאָס איז אָבער ניט די קולטור, פאַר וועלכע זיי האָבן אַליין אַמאָל געקעמפט און וועלכע מאַכט אויס דעם אמת'ן פּראָבלעם אין ציוניזם. דאָס איז דווקא יענע קולטור, וועלכע שטייט אין אמת'ן קעגנזאַץ צו די אידעאַלן פון דעם פּערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע סוגים און שאַטירונגען. געטאָן איז דאָס אָבער געוואָרן ניט דורך קיין צופאַל און ניט דורך קיין קאַפּריז — דאָס איז אַ שטרייִנגע קאָנסעקווענץ, אמהות'דיקער שטריך פון אַ שיטה, וועלכע קומט אין נאָמען פון אַ אַנדער אידיש־היסטאָרישער נאַציאָנאַלער איינשטעלונג, א תוצאה פון דעם ערדישן טעריעלן נאַציאָנאַליזם.

דאָמיט זיינען מיר שוין איינענטליך אַריבערגעשריטן די תחומים פון דער תשובה אויף דאָס קולטור־פּראָבלעם אין ציוניזם און זיינען אַריינגעגאַנגען אין ווייטערע געביטן, וואו ס'עפענען זיך פאַר אונז די האָריזאָנטן פון אַ סך צאַפּעלדיקע פּראָבלעמען פון דער אידישער געזעלשאַפטליכער ספּעציעל ציוניסטישער די־פערענציאַציע, וועלכע זיינען פון יסודות'דיקער באַדייטונג אויך פאַר דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. איין עלעמענט, און דאָס איז דער קולטורעלער, ווערט שוין גלייך איצט בולט אין זיין גאַנצער גרויס און קאָנסעקווענץ. רעט דער אַלגעמיינער ציוניזם וועגן העברייאישער קולטור, און דאָס טוט ער מיטן גאַנצן ערנסט און פולען געפיל פון אחריות און נאַציאָנאַלער הכרה, אַזוי מוז ער זיך גאַנץ קלאָר באַ־וואוסט זיין, אַז דאָס איז ניט אַ פּונקט צווישן פּונקטן פון זיין ציוניסטישער פּראָגראַם, נאָר א מאָמענט, וועלכער באַשטימט צוזאַ־מען מיט זיין אייגענעם גורל דעם גורל פון דער גאַנצער פּאַרטייאישער וועלט - אַנשויאונג. די פראַגע פון נאַציאָנאַלער קולטור זעען מיר איצט, און דאָ ליגט אירע אידעאָלאָגישע און ממילא די אָרגאַניש - פּראָגראַמאַטישע חשיבות לויפט אַרויס אין

תוך און אין אירע קאנסעקווענצן ניט מער און ניט וויניקער ווי אויף פראגן פון דעם מהות, די וועגן און די מאקסימען פון נאציאנאלן לעבן און קיום בכלל, אלזא אויף די דילעמע — פערסאנעלער אדער טעריעלער נאציאנאליזם. איז דער אלגעמיינער ציוניזם פאר קולטור, אזוי מוז ער זיך גאנץ קלאר מאכן, צו איז ער פאר אומגעבונדענע אידיש - אוניווערסאלער אדער אבער פאר היסטאריש געבונדענער נאציאנאל - פארטיקולערער קולטור. ד. ה.

איז דער אלגעמיינער ציוניזם פערסאנאל–נאציאנאליסטיש אדער טעריעל–נאציאנאליסטיש?

די תשובה היינגט נאטירליך אפ פון וויטערע אונטערזוכונגען איפ'ן געביט פון דער אלגעמיין – ציוניסטישער קולטור – טעזע. אזוי אבער ווי פערסאנעלער אדער טעריעלער נאציאנאליזם האט זיין שליטה ניט נאר אויף דעם קולטור – געביט אליין, נאר קומט צום אויסדרוק אין פולן היקף פון דעם נאציאנאלן לעבן, וועלן מיר אפריער זוכן שפורן אויף די אויבן שוין באשפראכענע געביטן און צוזען אויף וויפיל איז שוין דארט געפאלן די הכרעה. ערשט דאן וועלן מיר אונז צוריקערן צו דעם ספעציעלן קולטור – געביט. דאס זאל אויך צוליב דעם געטאן ווערן, וואס אחוץ אלץ מוז דאך באשטיין א אינערער ארגאנישער הסכם צווישן די פארשיידענע אלגעמיין – ציוניסטישע טעזן. וואס זאגן אונז אלזא די פריערדיקע סאציאל – פאליטישע אינטערזוכונגען לגבי דער פראגע פון פערסאנעלן און טעריעלן נאציאנאליזם?

## כא. איז דער אלגעמיינער ציוניזם פערסאנעל אדער טעריעל?

דער פערסאנעלער נאציאנאליזם פון דער נייסטער אידיש היסטארישער צייט, סיי דער פון דעם אחד–העמ'יזם אדער גייסטיקן ציוניזם סיי דער פון אלע נאציאנאל – אידישיסטישע גלותדיקע ריכטונגען, איז אין תוך, ווי פריער דערקלערט, א צוריקער צו די נאציאנאלע פרינציפן פון דעם פאר'השכלה'דיקן אידענטום, נאכדעם ווי איניקע השכלה דורות זיינען שוין געגאנגען אין אנדערע וועגן. נאטירליך איז דאס ניט קיין צוריקער צו דער פאר'השכלה'דיקן אידנ–

טום אלס אזעלכן, ד. ה. צו זיין נאַציאָנאַלן טראַדיציאָנאַליזם. געקומען צוריק איז מען נאָר צו זיין פערסאָנאַליזם, אָבער אויפנעמענדיק זיין מהות האָט מען אים אָנגעפילט מיט א נייעם צייט־צוגעפאַסטן אינהאַלט. האָט דאָס טראַדיציאָנעלע אידנטום זיין פערסאָנאַליס־טישן מהות געבראַכט צום אויסדרוק דורך רעליגיעזע גייסטיקייט, אַזוי טוט דאָס דאָס נאָכ׳השכלה׳ישע פערסאָנאַליסטישע אידנטום דורך וועלטליכע גייסטיקייט. דאָ ווי דאָרט איז און בלייבט אַלזאָ דער גלייכע נאַציאָנאַלע מהות, וועלכער האָט א באַשטימטן פאָרמאַל גלייכן יסוד פאַר דאָס נאַציאָנאַלע לעבן און פאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום פון דעם אידישן פאָלק — די גייסטיקייט. איז דאָס אַזוי, אַזוי מוז דאָס מאָדערנע פערסאָנאַליסטישע אידנט. באַזיצן די אַלע תכונות, וועלכע ס׳האָט פריער באַזעסן און באַזיצט אויך איצטער נאָך דאָס טראַדיציאָנעלע פערסאָנאַליסטישע אידנטום.

גייט מען צו צו דעם טראַדיציאָנעל־פערסאָנאַליסטישן אידנ־טום און אונטערזוכט מען אים אויף דעם געביט, וועלכער אינטע־רעסירט אונז איצט אין דיעזעם צוזאַמענהאַנג, אַלזאָ, אויף דעם סאָציאַל־פּאָליטישן, אַזוי וועלן מיר מוזן זאָגן, אַז ער איז ביז צו דעם היינטיקן טאָג דער טרעגער פון א סאָציאַל־אידעאַליסטישער תורה. מעגן פאַרשיידענע היסטאָריקער און פאָרשער פון אַנדערע איינשטעלונגען און ריכטונגען זיך נאָך אַזוי פיל באַמיען, עס איז און בלייבט דאָך א אומדערשיטערליכער פאַקט, אַז דאָס אידישע פאָלק אין גלות האָט דער׳עיקר׳שט אויפגעהאַלטן ניט קיין אַנדערער פאַקטאָר, ווי דער גייסטיקער— די רעליגיע. ניט מאַטעריאַליסטישע מאָמענטן האָבן כּריע געווען אין דעם גורל פון דער לאַנגער אידישער גלות׳דיקער עקסיסטענץ און ניט אויף עקאָנאָמישע יסודות האָט דאָס אידישע פאָלק געבויט זיין קיום. די גלות׳דיקע אידישע געשיכטע איז פול מיט באַווייזן, אַז אידן האָבן שטענדיק מפקיר געווען זייער מאַטע־ריאַליסטישע אינטערעסן, האָבן זיך אָבער צו יעדער צייט מקריב געווען פאַר זייער רעליגיע. דאָס האָבן זיי געטאָן אין ריכטיקן געפיל, אַז מיט דעם קאַמף לטובת זייער דת קעמפן זיי פאַר זייער עצם עקסיסטענץ. מאַכן זיי דעם חשבון ריין עקאָנאָמיש מאַטעריאַליסטיש, אַזוי הערן זיי איבערהויפּט אויף צו עקסיסטירן אַלס פאָלק און אַלס אידן, אַלזאָ אַלס אידיש פאָלק. מיר זען, דאָס טראַדיציאָנעל פערסאָנאַליסטישע אידענטום איז געווען און איז אויך היינט איינ־געשטעלט ניט מאַטעריאַליסטיש, נאָר אויסגעשפּראָכן אידעאַליסטיש.

דאָס איז אָבער ניט קיין צופעליקע תכונה צווישן אַסך אַנדערע תכונות, נאָר אַ אָרגאַנישע תוצאה פון זיין גאַנצן מהות אַלס פּערסאָנאַליסטישן, אַלזאָ גייסטיקן נאַציאָנאַליזם. פירט אַלזאָ דער פּערסאָנאַליזם דעם טראַדיציאָנאַלן אידנטום צו אַ אידעאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג און אַ אידעאַליסטישער באַגרינדונג און אויפפאַסונג פון די סאָציאַל פּאָליטישע דערשיינונגען, אַזוי מוז ער עס נאַטירליך אויך טאָן מיט אַלע אַנדערע טיילן פון אידישן פאָלק, וועלכע באַזיצן דעם גלייכן פּערסאָנאַליסטישן מהות. דאַביי ענדערט קיין זאַך ניט דאָס, וואָס מ׳קען צווייפלען צו די וועלטליכע גייסטיקייט פון דעם מאָדערנעם פּערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם וועט האָבן די זעלבע אויפהאַלטענדיקע און געשטאַלטענדיקע קראַפט ווי דאָס האָט געהאַט די רעליגיעזע גייסטיקייט אין דעם טראַדיציאָנאַל פּערסאָנאַליסטישן אידנטום. ס׳איז מעגליך, אַז די רעליגיעזע גייסטיקייט איז דאָס בכח צו טאָן און די וועלטליכע איז פאַר דעם שוואַך, אָבער דאָס איז פאַר אונז גאָר ניט חשוב. חשוב איז אונז דאָ אין דיזעם צוזאַמענהאַנג נאָר די פעסטשטעלונג, אַז אויך דער וועלטליכער פּערסאָנאַליסטישער נאַציאָנאַליזם מוז פירן צו אַ אידעאַליסטישער באַגרינדונג און אויפפאַסונג פון די סאָציאַל־פּאָליטישע דערשיינונגען, פּונקט ווי דאָס האָט געטאָן דער פּערסאָנאַליזם פון דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום. דאָס דערפאַר ווייל פּערסאָנעלער נאַציאָנאַליזם אַלס אַ זעלבער איז ריין אָרגאַניש מחייב דעם אידעאַליזם אויף אַלע געביטן פון מענטשליכן לעבן און זיין, אין דעם כלל אויך אויף דעם סאָציאַל־פּאָליטישן. דורך דעם האָבן מיר באַקומען אַ פּערסאָנאַליסטישן קריטעריום פאַר דעם סאָציאַל פּאָליטישן געביט, מיט וועלכן מיר קענען מעסטן און באַאורטיילן די געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען פון דער נייסטער אידישער געשיכטע, אין דעם כלל אויך די פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. טוען מיר דאָס און גייען מיר צו מיט אָט דעם קריטעריום צו דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אַזוי וועלן מיר מוזן פעסטשטעלן, אַז ער איז ווי ביז איצט אויך אין דעם פּונקט פון פּערסאָנאַליזם אָדער טעריאַליזם געטיילט. די טיילונגס־ליניע פאַרלויפט ווידער אַמאָל צווישן די ביידע ריכטונגען א׳ און ב׳.
די ב׳ ריכטונג הויבט אָן מיט סאָציאַלן פּאַרטיקולאַריזם, גייט אַריבער צו קאָלעקטיווען עגאָאיזם, קומט דערפאַר אין אירע לעצטע קאָנסעקווענצן צו אַפּאַרטיידיקונג פון די פּרט־אינטערעסן און פון דער פּריוואַט־איניציאַטיוו, יעדעס מאָל ווען זי שטויסט זיך פאַקטיש

צוזאמען מיט די אינטערעסן פון כלל *) — זי איז עקאנאמיש מאטעריאליסטיש, אלזא אויך טעריטאריאל־נאציאנאליסטיש. די א׳ ריכטונג דאקעגן איז און בלייבט סאציאל־אוניווערסאליסטיש, גייט צו א קאלעקטיוון אלטרואיזם און לייגט אין יסוד פון איר גאנצער טעטיקייט א אויסגעשפראכענעם סאציאלן אידעאליזם. אט די ריכטונג האלט, אז די גאנצע רייבונגען און קאמפליקאציעס אין ישוב האט פארשולדיקט דאס פעלן פון אידעאליזם און דאס פאר־הערשן פון עקאנאמישע מאמענטן אין ישוב סיי ביי דעם מיטעל־שטאנד און סיי ביי די ארבייטער. די א׳ ריכטונג איז אלזא פון אט דעם שטאנדפונקט געזען פערסא־נעל־נאציאנאליסטיש, דאס זעלבע זאגט אונז אויך א ווייטערדיקער מאמענט.

דער ציוניזם קען, ווי באקאנט, און איז טאקע ניט איינמאל דאפעלט באגרינדעט און באהאנדלט געווארן. עס אז דא א אקטועלע אידן־נויט, א געוואלטיקער אנטי־אידישער דרוק אין אלע לענדער פון דער אידישער צושפרייטונג, וועלכע נעמט פון זיי צו יעדע מעג־ליכקייט פון א נארמאלער מענשליכער עקסיסטענץ אדער לאזט זיי אפילו איבערהויפט ניט איבער קיין מעגליכקייט צו עקסיסטירן. דאס אידישע פאלק ווענדעט זיך אלזא דאן אין גרעסטער מאטע־ריעלער נויט צו ארץ ישראל און ציוניזם. עס איז אבער דא נאך א צווייטע זייט פון דער מטבע. ניט די אידן־נויט איז די טרייבנדיקע קראפט קיין ארץ ישראל, אויך ניט די אומעגליכקייט אין גלות מענשליך בכבוד׳יק צו לעבן, נאר דאס באשטרעבן צו לעבן גייסטיק נארמאל אלס פאלק און פריי ענטוויקלען דעם אייגענעם וועזן. מעג דער גלות ניט זיין קיין מקור פון מאטעריעלער אידן־נויט, מעגן מיר דארט אפילו עקסיסטירן אויף דעם בעסטן אופן — מיר ווילן אלס פאלק קיין ארץ ישראל, ווייל וואס בעסער דער גלות אלץ גרע־סער די געפאר פון אונזער נאציאנאלער ירידה, אלזא די נויט פון יהדות. אט די פארשיידענע באגרינדונג, אויפאסונג און ממילא אויך באצוועקונג פון דעם ציוניזם ציט זיין יניקה פון פארשיידענע נא־ציאנעלע מקורים. אז דאס איז אזוי באווייזט אונז ווידער

---

*) פגל. אויבן.

אַמאָל דער פּערסאָנאַליזם פון דעם טראַדיציאָנעלן אידענטום. דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום האָט קיינמאָל ניט געזאָרגט פאַר אידן־נויט, נאָר שטענדיק פאַר די נויט פון יהדות. געוויס האָט מען געהאַט אינטערעס און הארץ פאַר איד. צרות, געוויס האָט מען שטענדיק גע־שטרעבט אויף זייער אופן און לויט זייערע מעגליכקייטן צו לינדערן די אידישע נויט, מ'האָט אָבער אויף דעם יסוד קיינמאָל ניט גע־בויט קיין נאַציאָנאַלע בנינים. דעם נאַציאָנאַלן בנין האָט מען גע־בויט אויף יהדות, אויף אידישע גייסט און גייסטיקע קנינים און נאָר ניט פון יהדות איז געוועזן די נאַציאָנאַל־טרייבענדיקע און די נאַציאָנאַל־געשטאַלטענדיקע קראַפט אין די גלגולים פון גלות. מיר זעען, יהדות, נויט פון יהדות און פּערסאָנאַליזם איז פאַרבונדן אין טראַדיציאָנעלן אידנטום און וואָס ס'איז געווען פאַרבונדן אין דעם טראַדיציאָנעלן פּערסאָנאַליזם איז און בלייבט פאַרבונדן אויך אין דעם נייעם, היינט־צייטיקן מאָדערנעם אידישן פּערסאָנאַליזם. אַלץ וואָס איז אַלזאָ אין ציוניזם דערעיקרשט פאַר נויט פון יהדות, מאָדערן געזעגט, פאַר בנין־העם אָדער אין דער שפּראַך פון ד"ר וויצמאַן פאַר גאולה איז פּערסאָנאַליסטיש, אַלץ דאַקעגן וואָס איז אין ציוניזם דערעיקרשט פאַר אידן־נויט, פאַר בנין הארץ אָדער פאַר הצלה איז טעריאַליסטיש. גייען מיר אָט מיט דעם נייען קריטעריום ווידער אַמאָל צו דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אַזוי מוזן מיר אויך אין דעם פאַקט פעסטשטעלן אַטיילונגס־ליניע צווישן די ביידע ריכטונגען. „דער קאָנסאָלידירטער אַלגעמיינער ציוניזם" — שרייבט ד"ר מאָסענזאָן אין דעם פריער אַסך מאָל ציטירטן ארטיקל — „וועט מוזן אָנשטריינגען אַלע כחות, כדי צו פאַרווירקליכן אָט דעם פּרינ־ציפּ (פון אידישער אַרבייט) און אים אויף דאָס שטריינגסטע דורכפירן סיי בנוגע צו די חברים אין ארץ ישראל, סיי בנוגע צו די נייע עולים פון גלות. וויסן מוזן זיי, אַז ארץ ישראל איז ניט קיין מקום־מקלט, כדי צו ראַטעווען זייער פאַרמעגן און קריגן אַ העכערן פּראָצענט פאַר זייערע קאַפּיטאַלן, נאָר אַ עליה־לאַנד, וואו מ'קומט בויען אַ אייביקן בנין". וויסן מיר אָבער פון די ווערטער טאַקע פון ד"ר מאָסענזאָן אַליין *), אַז די ב' ריכטונג האָט אין דעם פּונקט

---

*) פגל. אויבן

פון עבודה עברית אַסך געזינדיקט און נאָכגעגאַנגען די אינטערעסן פון פּרט. וועלכער האָט אַלס אַ זעלבער אין ארץ ישראל געזען „אמקום־מקלט צו ראַטעווען זיין פאַרמעגן", ווי ד"ר מאַסענזאָן דריקט זיך אויס, אַלזאָ א"י אַלס לאַנד פון הצלה און ניט פון גאולה. נאַטירליך געהערט ניט דער מעסיקער ד"ר מאַסענזאָן צו אָט דעם סוג, אָבער ער איז דאָך אַליין מודה, אז זיין ביז איצט געוועזענע ריכטונג באַזיצט אַסך עלעמענטן, וועלכע זעען אין ארץ ישראל אַ הצלה פאַר אידישע יחידים, אַלזאָ אַ ציוניסטישע אָריענטאַציע, וועלכע דעקט זיך מיט דעם וואָס מ'האָט שטענדיק באַצייכנט אַלס די, וועלכע ווערט געטריבן פון אידען־נויט. דאָס איז אָבער, מוזן מיר זאָגן, ווידער אַמאָל ניט קיין צופאַל, נאָר אַ דירעקטע תוצאה פון דעם קאָלעקטיוון עגאָאיזם און פון דעם מאַטעריאַליזם פון דער ב' ריכטונג. און פונקט ווי פריער האָבן מיר אויף דעם גרונט פון מאַטעריאַליזם **געמוזט** זאָגן, אַז די ב' ריכטונג איז דערפאַר טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַליסטיש, אַזוי מוזן מיר דאָס איצט זאָגן אויך אויפן גרונט פון איר ציוניסטישער אידן־נויט־אָריענטאַציע. און דאָס נאָך מער, ווען מיר זעען, אַז די ביידע מאָמענטן זיינען אין תוך אָרגאַניש פאַרבונדן.

דאָקעגן האָט די א' ריכטונג אַ גאַנץ אנדערע ציוניסטישע אָריענטאַציע. זי זוכט ניט אין ארץ ישראל קיין הצלה פאַרן פּרט און זיינע פּרט־אינטערעסן, נאָר אַ גאולה פאַרן פאָלק, אַ עליה פאַר זיין גלות'דיקער ירידה און א תקון פאַר זיינע פגימות אויף דעם פעלד פון גייסט און נאַציאָנאַלן אידישן שאַפן. „די ציוניסטישע באַוועגונג" — הייסט עס אין דעם פּראָגראַם פון „קדמה" — איז אַ אידעאַליסטטשע און איר ציל איז די אויפלעבונג פון אידישן פאָלק אין זיין לאַנד. דער מקור פון איר יניקה איז דער היסטאָרישער עבר פון דעם פאָלק". („הארץ" פון 25 מערץ 1935). דאָס וואָס איז אַלזאָ אין אַלגעמיינעם ציוניזם קאָלעקטיוו - אַלטרואיסטיש און סאָציאַל־אידעאַליסטיש, האָט אַלזאָ אַ ציוניסטישע אָריענטאַציע וועלכע קומט ניט פון אידן נויט, נאָר פון יהדות נויט. אַזוי ווי די א' - ריכטונג דערפילט אָט די תנאים איז זי פון דעם שטאַנדפּונקט געזען פּערסאָנעל - נאַציאָנאַליסטיש אוויטערע קריטעריום אין אונזער פראַגע קען דינען די שטעלונג צו דעם גלות - פּראָבלעם וואו עס ווערט נאָך אַמאָל אָרגאַניש ארויפשווימען אין דאָס פּראָבלעם פון אידן נויט און נויט פון יהדות, אַנדערש בנין – הארץ און בנין העם. אַזוי ווי די גלות - פראַגע האָט אויך אַלס אַזעלכע אַגרויסע

חשיבות אין דעם ציוניזם און ממילא אויך אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם וועלן מיר עס דאָ באַהאַנדלען ברייטער, אַלס דאָס איז אייגענטליך נויטיק פאַר דער איינגער באַווייזפירונג.

די באַציאונג צו דעם גלות - פּראָבלעם, ריכטיקער די פּאָזי־טיווע אָדער נעגאַטיווע שטעלונג צו דער ערשיינונג גלות, איז געוואָרן דער גרעניץ - שטיין, וועלכער טיילט יסודותדיק פונאַנדער דעם אידישן פאָלק אין זיין גאַנצער היינטיקער געזעלשאַפטליכער דיפערענציאַציע. אַלץ וואָס באַציט זיך פּאָזיטיוו צו דעם גלות און זוכט פון אָט דעם פּאָזיטיוון שטאַנדפּונקט וועגן און מעגליכקייטן פאַר אַנאַציאָנאַל - אידישן לעבן און קיום צווישן פרעמדע פעלקער און אין פרעמדע לענדער שטעלט זיך אין אַלע זיינע שאַטירונגען אין איין פראָנט. קעגן אים שטייט אַצווייטער אידישער פראַנט, ניט ווייניקער שאַטירונגסרייך ווי דער ערשטער, וועלכער האָט אַנע־גאַטיווע שטעלונג צום גלות און גלויבט ניט בשום פנים ואופן אין דער מעגלכקייט פון אַנאַציאָנאַלער עקסיסטענץ דאָ, נאָכדעם ווי עס זיינען געפאַלן די היסטאָרישע רעליגיעזע פעסטונגען און מ'איז ארויס אויף אַלגעמיין מענשליכע ריין וועלטליכע שליאַכן. אין ערשטן לאַגער געפינען זיך אַלע פאַרטייען און ריכטונגען פון דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום, די פאַרשיידענע נאַציאָנאַל אידישיסטישע באַוועגונגען אין אַלע זייערע באַפאַרבונגען ווי אויך די ווייניקער נאַציאָנאַל אָדער אַזוי גוט ווי כמעט גאָר ניט נאַציאָנאַל אָדער אפילו אַ נאַציאָנאַלע ריכ־טונגען פון דעם חכמת - ישראל'דיקן אָדער רעפאָרמירטן אידנטום. זיי אַלע, ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין אין אַנדערע פונקטן, זיינען טיף איבערצייגט, אַז ס'זיינען דאָ וועגן און מיטלען צו לעבן אין גלות און דאָ אויפצוהאַלטן אַאידיש רעליגיעזן, אידיש נאַציאָנאַלן אָדער אויך אַאידיש תעודה'דיקן קיום. זיי אַלע שטעלט זיך אַנטקעגן די גאַנצע ציוניסטישע וועלט. אָט דער גרעסטער טייל פון דעם אידישן פאָלק גלויבט ניט אין אַווייטערדיקן ניט נאָר נאַציאָנאַלן לעבן, נאָר אפילו נאַציאָנאַלן קיום פון אידן אין גלות און זוכט דערפאַר וועגן און מיטל מחוץ פון אים, אין לאַנד פון די אבות.

אַזוי זעט אויס די היינטיקע אידישע שטעלונג צו דעם גלות פון דעם נאַציאָנאַל - פּאָטענציעלן שטאַנדפּונקט, ד. ה. פון שטאַנד־פּונקט פון פּרימאַטן פון להבאַדיקער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ. (די איינטיילונג פון אחד - העם'ן אין סוביעקטיווער און אָביעקטיווער באַציאונג צו גלות איז דאָ פאַר אונז, לכל הפחות אין דער ערשטער סוביעקטיווער העלפט, ניט גענוג ווייל סוביעקטיוו איז ווי אחד־העם

אַליין בעטאָנט, יעדער אויך ניט - ציוניסטישער איד קעגן גלות).
רעט מען אַלזאָ וועגן נאַציאָנאַלע פּרימאַטן, אַזוי האָבן אַלע ציוניסטן
פון אַלע באַפאַרבונגן און שאַטירונגן אַאויסגעשפּראָכן נעגאַטיווע
שטעלונג צום גלות, ד. ה. זיי לייגן ניט מער דעם גלות אין יסוד
פון אונזער ווייטערדיקן נאַציאָנאַלן לעבן און קיום. טוט מען דאָס
אָבער ניט ד. ה. רעט מען ניט פון נאַציאָנאַלע פּאַטענצן אַלזאָ ניט פון
נאָרמאַטיווע פּאַקטאָרן פון אידישן צוקינפטיקן געשיכטליכן לעבן,
נאָר פון אידיש נאַציאָנאַל - אינערציעלע ערשיינונגען, אַלזאָ פון רע
זערוואַרן פון אידיש געשיכטליך זיין, וואו די נאַציאָנאַלע בנינים
אונזערע זיינען ממשיך זייער קיום בכח פון אַלטע אַמאָליקע פּאַטענצן
אַזוי קענען מיר ביי די ציוניסטן גופא פעסטשטעלן פאַרשיידענע
מיינונגען און שטעלונגען. מיט אַנדערע ווערטער, גלות אַלס טרעגערין
פון אידיש נאַציאָנאַלן לעבן און קיום ווערט פון אַלע ציוניסטן נעגירט,
דאַקעגן אָבער גלות אַלס צרוף צו דעם ארץ-ישראלדיקן זעלבסט-
שטענדיקן לעבן האָט אין דעם ציוניזם אַגאַנץ אַנדערן גורל. אין
דעם פּונקט גייען זיך דערעיקרשט פאַנאַנדער דער פּאָליטישער און דער
גייסטיקער ציוניזם.

דער טעאָרעטישער וואָרט - פירער פון דעם גייסטיקן ציוניזם
און איר אידעאָלאָגישער באַגרינדער איז בעקאַנטליך אחד העם. אַזוי
אַז ריידענדיק וועגן גייסטיקן ציוניזם מוז מען ווי שוין אייניקע מאָל
פריער, ריידן וועגן אחד-העם'ן און זיין שיטה. ווי אסך אַנדערע
נאַציאָנאַלע דענקער פון דער נאָך השכלה'ישער תקופה, אַזוי גייט
אויך אחד העם ארויס פון דער הנחה, אַז נאָכדעם ווי ס'זיינען גע-
פאַלן די רעליגיעזע אידישע פעסטונגן פון דעם טראַדיציאָנעלן אידנ-
טום, געפינט זיך דער אידיש - נאַציאָנאַלער קיום אין גלות אין
גרעסטער געפאַר. די סכנה איז לויט אחד העם'ן אַדאָפּלטע. ערשטנס,
מיט דעם אַוועקפאַל פון דעם דת זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען די
ממשות'דיקע ראַמען, וועלכע האָבן דאָס פּאָלק רעאַל צוזאַמענגע-
האַלטן. ס'וועט אָבער זיין אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס טראַדיציאָנעלע
אידענטום האָט דאָס דערגרייכט מיט חיצוניותדיקע מיטלן ווי אַ-
שטייגער מיט מצוות מעשיות וכדומה. די מצוות מעשיות זיינען
געווען און זיינען נאָך היינט מער ניט ווי אַאויסדרוק, אמת אמהות-
דיקער, פון אַגרויסער אינערער וועלט, וועלכע ווערט באַלעבט און אויף
דאָס טיפסטע געטראָגן פון גרויסע אידעאַלן און אייביקע אמת'ן פאַר
מענש און פאָלק. דער אָנפאַנג און סוף פון אָט דער אינערער וועלט
פאַרלירט זיך אין פאַרבאָרגענע ווייטן און טיפן, איר נגלותדיקער טייל

אָבער איז בכח צו בעלייכטן דעם שווערן וועג פון דעם מאַרטירער פאָלק און ווערן אציל פון באחרית - הימים פאַר דער גאַנצער מענש־הייט. אָט די אייביקע אמת'ן און גרויסע עטישע אידעאַלן זיינען געווען לויט דער מיינונג פון אחד - העם, און דאָ ליגט דער יסוד פון זיין גאַנצער שיטה, די יעניקע גורמים פון דער אידישער גלות־דיקער געשיכטע, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן דאָס אידישע פאָלק ביז צו דעם היינטיקן טאָג. אויסערליך באַזיגט — אינערליך פריי, אויסערליך אין גלות — אינערליך ביי זיך אינדערהיים, אזוי איז געווען דער אמת'ר היסטאָרישער מצב פון אידישן פאָלק, אין די טראַגישע נאָך חורבן'דיקע דורות און נאָר דערפאַר, מיינט אחד - העם, איז ער אריבער געראַטעוועט געוואָרן פאַר ליכטי־קערע נאַציאָנאַלע באחרית - הימים'דיקע צייטן. אָבער אויך אָט די אינערע גורמים פון דער אידישער גלותדיקער געשיכטע זיינען אין דער נייסטער צייט צוזאַמען מיטן דת פאַרלאָרן געגאַנגען. אין דעם זעט אחד - העם די גרעסטע און אמת'ע סכנה פאַר דעם נאַציאָנאַלן אידישן קיום אין גלות (על פרשת הדרכים א', צווייטע אויסגאַבע זייט 15) און דאָ הויבט זיך אָן זיין שיטה פון „מרכז רוחני". אויב די גרויסע אידישע גייסטיקע קנינים זיינען געווען יענע גורמים, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן קיום אין גלות, אזוי מוז מען מיט אַלע מיטלען זען, אַז זיי זאָלן ווידער אמאָל ווערן די ווירקענ־דיקע כחות פון דער אידישער להבא'דיקער געשיכטע. אָט די גורמים זיינען, לויט אחד־העם, זעלבסשטענדיקע נאַציאָנאַלע קנינים, וועלכע האָבן אייגענטליך מיט דער רעליגיע אַלס אַזעלכע גאַר ניט צו טאָן. אין דער ביז—איצטיקער אידישער גלות—געשיכטע זיינען זיי אמת געווען פאַרבונדן, דאָס מוז אָבער גאָר ניט זיין אזוי. די נייע אידישע דורות, וועלכע זיינען וועלטליך איינגעשטעלט, קענען אָט די גורמים אָפּטיילן פון דעם דת און זיי לאָזן אין זייער וועלטליכער פאָרם ווירקן אין דער ווינטערדיקער געשיכטע. אָט אזוי קומט אחד־העם צו דער איין העלפט פון זיין שיטה, צו דער רוחניותדיקער, וועלכע איז פערסאָנעל - נאַציאָנאַליסטיש, ווי די פון דעם טראַדיציאָנעלן אידענטום, איז אָבער ניט ווי זי רעליגיעז, נאָר וועלטליך.

אָבער אחד—העם'ס שיטה האָט נאָך אַ צווייטע זייט, די מיר־בז'דיקע אָדער טעריטאָריעל—ציוניסטישע. נאָכדעם ווי די רעליגיע, וועלכע האָט געדינט אַלס אַבאַשטימטע בינדונג פאַר די אידעאַלן, איז צוליב געוויסע סבות חרוב געוואָרן, מוז מען אָט די אידעאַלן ווידער אַמאָל ברייננגען אין פאַרבינדונג מיט יענער ערד, וואו זיי האָבן זיך

אין אמעריקע צייטן אזוי מעכטיק אנטפלעקט פאר פאלק און מענטש־הייט. אט אזוי פלאנצט אריבער אחד־העם דאס פערסאנעל נאציא־נאליסטישע אין דעם ארץ־ישראלדיקן היימאטליכן באדן. די טערי־טאריעלע זייט פון זיין שיטה איז אבער בשום אופן ניט קיין יסוד פאר אטעריעלן, ערדישן נאציאנאליזם. דער ארץ־ישראלדיקער באדן איז נאר די ערדישע סביבה, וועלכע איז נויטיק דעם נאציאנאלן גייסט פאר זיין קיום און וואקסן. אויב אפילו אט דער מרכז וועט, ווי ער איז מרמז אין איניקע ערטער, מיט דער צייט פערוואנדלט ווערן אין א מדינה, אזוי וועט אבער די מדינה, לויט זיין גאנצער קאנצעפציע, ניט זיין קיין מדינה סתם, נאר אזא אין וועמענס יסוד עס וועט געלייגט ווערן ניט דער טעריעל — אוני־ווערסאליסטישער, נאר דער פערסאנעל — פארטיקוליאריסטישער פרי־מאט.

אט דער מרכז רוחני, אדער אפילו גייסטיקע מדינה האט חוץ זיין אייגענעם ארץ־ישראלדיקן שווערפונקט, נאך די בפי־רושע אויפגאבע ווידער אמאל צו געבן דעם אידישן פאלק נאציא־נאלע אידעאלן, וועלכע זאלן אים ווי אמאל אויפהאלטן אין גלות צווישן פרעמדע פעלקער און קולטורן. א״י וועט, לויט אחד־העם'ן, און דא קומען מיר צו דעם גלות פראבלעם און דעם גייסטיקן ציו־ניזם, ניט לייזן די אידישע פראגע אין איר גאנצן פארנעם, אזוי אז טיילן פון אידישן פאלק, און אפשר אפילו גאנץ גרויסע, וועלן שטענ־דיק מוזן לעבן אין גלות. מוזן אלזא אידן לעבן אין גלות אויך ווייי־טער, אזוי מוז מען זיכערן זייערע נאציאנאלע עקסיסטענץ דארט. צו דעם צוועק ווערט אין ארץ־ישראל געגרינדעט דער מרכז רוחני (ער האט ווי געזאגט אויך זיין אייגענעם ארץ־ישראלדיקן ווערט), וועל־כער וועט איצט, ווי די רעליגיע אמאל שלאגן נייע גייסטיקע באנדן ארום אלע אידן פון דער וועלט און זיי ווידער אמאל פאראייניקן און צוזאמענהאלטן ווי אין די פריערדיקע דורות פון דעם טראדי־ציאנעלן אידענטום. דער גייסטיקער ציוניזם איז אלזא, לויט זיין גאנצן מהות ניט נאר ארץ־ישראל'דיק, נאר אויך גלותדיק. דאס הייסט נאטירליך ניט, אז ער האט אפאזיטיווע שטעלונג צום גלות אלס אזעל־כן. דאס בשום אופן ניט. דעם גלות אלס נארמאטיווען פאקטאר פון אידישן לעבן נעגירט ער ווי דער גאנצער ציוניזם. דערפאר פאר־לייגט ער דעם שווערפונקט קיין ארץ־ישראל. אזוי אבער ווי אידן וועלן, לוט זיין מיינונג, שטענדיק מוזן לעבן אין גלות, מוז פון ארץ־ישראל געזארגט ווערן פארן נאציאנאלן קיום דארט. דער מרכז

רוחני האט אלזא צוויי אקסן, ארום וועלכע ער דרייט זיך. איינמאל דרייט ער זיך ארום די ארץ־ישראלדיקע אקס און שאפט דאס נייע נאציאנאלע לעבן אין לאנד פון די אבות אויפן יסוד פון דעם אלט— אידישן פערסאנעלן, אבער ניט רעליגיעזן נאר וועלטליכן נאציאנאליזם, ווערענדיק אויף אזא אופן אהמשך פון אמאליקן פערסאנעלן אידענ־טום אין די תקופות פון אידישער אומאפהיינגיקייט. א צווייטן מאל דרייט ער זיך ארום די גלותדיקע אקס, שפאנט די צוזייטע און צו־שפרייטע אידענהייט ארום דעם ארץ־ישראלדיקן מרכז און האלט זיי צוזאמען דורך דעם פערסאנעלן נאציאנאליזם, וועלכער איז דער יסוד פון דעם פרייען איינענעם לעבן פון די אבות. גאנץ אנדערש און ממש דער היפוך פון דעם איז פאליטישער ציוניזם.

דער פאליטישער ציוניזם, האבן מיר פריער געזען, איז דער דירעקטער המשך פון דער השכלה, ריכטיקער די פארקערפערונג פון איר נאציאנאלען מהות אלס וועלטליכער, ערדיש־מאטעריעלער אלזא טעריעלער נאציאנאליזם. דאס טעריעלע אידענטום איז קיינמאל ניט פארשוואונדן פון דער ארענע פון דער אידישער געשיכטע*) און האט אין די לאנגע יארהונדערטן שטענדיק אין שטילן רעוואלטירט דורך די פארשידענע אחר׳ס ווי אויך דורך די אחר׳דיקע ערשיינונגן, וועלכע האבן צום טייל באקאנט און צום טייל אומבאקאנט, עקשנות׳דיק געצויגן שליאכן אין דער אידישער גלות׳דיקער רע־ליגיעז פערסאנעלער געשיכטע און געגרייט דעם באדן פאר דעם טעריעלן נאציאנאליזם, ביז ער איז געקומען צום דורכברוך אין דער השכלה.

דערמיט זאל בשום אופן ניט געזאגט זיין, אז מיר ווילן ארויסהויבן די איד. השכלה פאר זיך און זי אפטיילן פון דער גרויסער אופקלערונגס־באוועגונג, וואס האט באהערשט מערב אייראפע און דארט כאראקטעריזירט דעם אכצענטן יארהונדערט. לחלוטין ניט. די אידישע השכלה האט גאנץ באשטימט געצויגן איר סבותדיקע יניקה פון די גייסטיקע שטרעמונגען און באוועגונגען פון מערב אייראפע מיט זייער קאמף פאר באפרייאונג פון די קייטן פון דער טראדיציע, פון דער קירך און מיט זייער ארויסהויבן און באטאנען פון די ראציאנעלע גורמים אין לעבן פון פרט און כלל וכדומה. זי

*) דעם ברייטן באווייז פאר דעם האפט דער מחבר צו פירן אין א גרעסערן ווערק וועגן דעם פערסאנאליזם און טעריאליזם אין דער אידישער געשיכטע.

האָט אויך געווים געצויגן איר יניקה פון די גרויסע שנויים אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די אייראָפּייאישע לענדער, וועלכע זיינען דאַן אַרויס אויף גרויס־קאַפּיטאַליסטישע וועגן און האָבן מיט זיך געשלעפּט געוואַלטיקע ענדערונגען אויף אַלע געביטן פון זייער לעבן־און זיין. דאָס אַלץ זיינען אָבער אין תוך נאָר סבות פון דער השכלה, וועלכע האָבן איר מיטגעהאָלפן צו איר דורכברוך און האָבן נאַטירליך אויך מער אָדער וויניקער באַפאַרבן איר מהות און אים אויפגעצוואונגען באַשטימטע שטריכן וועלכע זיינען געווען דאַן אַלגעמיין און הערשענדיק אין מערב אייראָפּע. דער אָרגאַנישער קערן אָבער פון דער אידישער השכלה און דאָס ספּעציפיש איי־גענאַרטיקע, וואָס יעדע היסטאָרישע דערשיינונג, מעג זי אפילו זיין זייער און זייער פאַרבונדן מיט ענליכע דערשיינונגען ביי אַסך אַנדערע פעלקער, באַזיצט ביי יעדן פאָלק באַזונדער, איז אַגאַנץ אַנדערער און טאָקע אַן אייגנסט־אייגענער. אין אונזער פאַל איז עס דאָס דערוואַכן פון דעם אַמאָליקן אידישן טעריעל אוניווער־סאַליסטישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט זיך אין דער צווייטער העלפט פון אַכצענטן יאָרהונדערט ווידער דורכגעקעמפט צו לעבן און השפעה, נאָכדעם ווי ער האָט שוין פון לאַנג זיך לאַנגזאַם גע־גרייט אַ וועג דורך פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע אויפברויזן און אויפטרייסלונגען פון דעם אידישן פערסאַנעל פאַרטיקולאַר־ריסטישן לעבן.

די השכלה איז אַלזאָ לויט איר אמת'ן מהות דער היסטאָרישער דורכברוך פון דעם אַמאָליקן, ביי דעם חורבן אין זיין נאָרמאַלן קיום אונטערבראָכענעם אָבער אין תוך ניט געבראָכענעם, נאָר ווייטער אין גלות אין טיפע געשיכטליכע אונטערשטרעמונגען עקסיסטי־רענדיקן ערדישן נאַציאָנאַליזם. אַלס אַזעלכע, אַלזאָ אַלס אערדישער נאַציאָנאַליזם שטעלט זי זיך לויט איר עצם טיפּסטן מהות, בניגוד צו דעם גייסטיק פערסאָנאַליסטישן אידנטום, אין גרעסטער אָפּאָ־זיציע צו דעם גלות־און נעגירט אים אויף יעדן פאַל און אין יעדער פאָרם. אַט דער טעריאַליסטישער וועזן פון דער השכלה מיט זיין נעגירן פון דעם גלות איז אַריבער אויף די ביידע אירע פּרצווייגונגען, אויף די נאַציאָנאַל־נעגאַטיווע אסימילאַציע און אויף דעם נאַציאָנאַל פּאָזיטיוון פּאָליטישן ציוניזם. דער איין טייל האָט, זוכענדיק אתקון פאַר זיינע מאַטעריעל־טעריעלע באַשטרעבונגען, זיך געוואָרפן אויף די פרעמדע טעריעלע נאַציאָנאַלע סביבה און איז דערפאַר פאַרלאָרן געגאַנגען פאַר דעם אידישן פאָלק — ער האָט זיך אסימילירט. דער

אנדערע טייל דאַקעגן האָט זיך מיט דער צייט דורכגעקעמפט צו אייגענע ברעגעס און האָט זיך מיט גרויס אימפּעט, אינערן ברען און פייערדיקן גלויבן געוואָרפן אויף די סביבה, וואו ער קען געפינען אַתקון פאַר זיין טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלן וועזן אָן סכנה פון אַסימיליאַציע — אין לאַנד פון די אבות. ביידע אָט די אויסלויפער פון דער השכלה, די נאַציאָנאַל־טראַגישע אַסימילאַציע און דער נאַציאָנאַל זיגערישער פּאָליטישער ציוניזם האָבן ביידע אַ אויסגעשפּראָכענע און אויסדריקליכע נעגאַטיווע שטעלונג צו דעם גלות, ווייל זיי זיינען ביידע פאַר אַ ערדישן, מאַטעריעל־טעריעלן לעבן, וואָס איז אין גלות פּשוט אומעגליך. זעענדיק אָט די אומעגליכקייט, גייט די אַסימילאַציע אַריבער צו אַ פרעמדן טעריעלן נאַציאָנאַליזם, דער פּאָליטישער ציוניזם דאַקעגן זוכט און געפינט מעגליכקייטן זיך אַליין צו שאַפן אַ אייגענע טעריעלע לעבענס־באַזיס אין דער לאַנד פון די אבות. פּאַטערלאַנד אָדער נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג איז דער לאָזונג פון דעם פּאָליטישן ציוניזם. אַמיטעל־זועג איז ניטאָ, ווייל אַלץ וואָס ווייל זיך אין גלות אויסלעבן טעריעל מוז אַריבערגיין צו דעם פרעמדן טעריאַליזם פון דער פרעמדער סביבה, ד. ה. ער מוז זיך אַסימילירן. דער פּאָליטישער ציוניזם נעגירט אַלזאָ דעם גלות אויפן יסוד פון זיין טיפסטן טעריעל־נאַציאָנאַליסטישן וועזן. ער האָט פּשוט ניט קיין מעגליכקייט צו לעבן אין גלות, ווייל גלות איז אַסימילאַציע, גלות איז אונטערגאַנג — גלות טרייבט זיין טעריעל וועזן אין די ברייטן און ווייטן פון פרעמדן אַרומיקן טעריאַליזם.

עס וועט אָבער זיין אַ טעות צו מיינען, אַז דאָס גלות־פּראָבלעם טיילט נאָר די אידישע גייסטער פון דער היינט־צייט. ווי דער גלות אַליין, אַזוי איז אויך זיינע פּראָבלעמאַטיק געבאָרן אויפן שוועל פון חורבן. אין דעם נאַציאָנאַל קאַטאַסטראָפאַלן מאָמענט, ווען אויף דעם אידישן האָריזאָנט פון זיין פרייען זעלבסשטענדיקן לעבן האָט זיך באַוויזן דער שרעקליכער שאָטן פון חורבן, האָבן זיך, ווי באַקאַנט, שאַרף געטיילט די אידישע גייסטער פון יענער צייט. איין טייל האָט געוואָלט קאַמף ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט, דער אַנדער טייל דאַקעגן איז געווען געשטימט צו גיין אויף פשרות. אָט די איינשטעלונג פון די ביידע פּאַרטייען האָבן געוויס געהאַט פאַרשיידענע סבות, וועלכע זיינען געווען צום טייל זאַכליכע און צום טייל טאַקטישע דיפערענצן פון טעמפּעראַמענט, באַרעכנונג, צוועקמעסיקייט, צייט־פאַרקוויקונגען, פּערזענליכע אַמביציעס וכדומה, אַנעץ פון פאַרפלאָנטערטע ווילענס און אונטערעסן, ווי עס זעט

שטענדיק אויסערליך אויס א פּאַרוויקעלטע לאַגע בײַ אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער פון דער וועלט. אין די פאַרשיידענסטע עפּאָכן פון זייער היסטאָרישן לעבן. מעגן אַלזאָ אויסערליך זיין אַסך פאַרקוויקטע און פאַרוויקעלטע סבות, די פּסיכישע וואָרצל פון אָט די סבות איז אומעטום און צו אַלע צייטן אַ איינהייטליכע. דאָס איז אַזוי געוועזן נאַטירליך אויך בײַ דעם אידישן פאָלק אין דעם טראַגישסטן מאָמענט פון זיין געשיכטע. דאָס גאַנצע אויסערע בילד פון אַ ערב־רב פון סבות האָט געצויגן זיין לעצטע יניקה, הן בײַ דעם און הן בײַ יענעם אידישן צד, פון איין פּסיכישער וואָרצל, וועלכע איז־בערגעהויבן אין באַוואוסטזיין קריגט זי די פאָרמולירונג פון גייסטיקן און ערדישן אָדער פּערסאָנעלן און טעריעלן נאַציאָנאַליזם. די וועלטליכע, ערדישע אַלזאָ טעריעלע אידענהייט איז געוועזן פאַר קאַמף ביז צו דעם לעצטן טראָפּן בלוט, ניט ווייל ס'האָט ניט געוואָלט גיין אויף פּשרות, נאָר ווייל ס'האָט בשום פנים ואופן ניט געקענט גיין אויף פּשרות. האָט זי דאָך טיפּסט־אינערליך געצוואונגן געבויט דאָס גאַנצע לעבן פון פאָלק אויף מאַטעריעלע, ערדישע לאַנד יסודות, אַזוי אַז דער פאַרלוסט פון פאָטערלאַנד איז פאַר איר נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג. די טעריעלע אידענהייט קען ניט גיין אין גלות, ווייל מיטן גיין אין גלות פאַרלירט זי די יסודות פון איר לעבן און קיום, דאָס פאָטערלאַנד, און מיט דעם פאַרלוסט פון די יסודות גייט זיי אויך אַליין פאַרלאָרן. גלות איז אונטערגאַנג, ענדגילטיקער חורבן אויך פון פאָלק. דאָס איז די פּסיכישע וואָרצעל, וועלכע איז איינע און אַ איינהייטליכע, נאָר האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן, ווי שטענדיק, הינטער אַסך אויסערליכע פאַרקליידונגען און געצוואונגן אָט דעם טייל פון דעם אידישן פאָלק צו קעמפן עקשנות'דיק־האַרט און גורלדיק טראַגיש ביז צו דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר זיין לאַנד.

גאַנץ אַנדערש דער צווייטער צד. ער האָט קיינמאָל ניט אונטערשאַצט דעם ערך פון דעם ערדישן אַלזאָ טעריטאָריעל־לענדישן גורם פאַר דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון אידישן פאָלק, ער האָט אים אָבער קיינמאָל ניט געמאַכט פאַר דעם עיקר העיקרים, פאַר'ן איינציקן הויפּט־יסוד פון זיין לעבן און קיום אַלס קאָלעקטיוו און פאָלק. דער עיקר העיקרים איז אים פון שטענדיק אָן געווען דער גייסטיקע פּרימאַט, אין יענע צייטן, אַלזאָ דער דת און זיינע קנינים. אין דעם טראַגישן מאָמענט פון דער אידישער געשיכטע האָט ער דערפאַר געקענט גיין אויף פּשרות, ווייל דער פאַרלוסט פון פאָטערלאַנד איז

פאַר אים בשום אופן ניט געווען קיין חורבן פון פאָלק, קיין נאַציאָנאַלער אונטערגאַנג. אויפן שוועל פון שרעקליכן חורבן עפענט זיך פאַר דעם טייל פון אידישן פאָלק, וועלכער איז אינערליך געווען אויך ניט ווייניק געבראָכן, אַ געוויסע מעגליכקייט פון עקסיסטענץ — גלות. ער איז מסכים אויסצונוצן אָט די יסורים׳פולע מעגליכקייט ניט ווייל ער איז פאַר גלות, נאָר ווייל ער קען זיין אין גלות, ווייל אים איז געגעבן די מעגליכקייט אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ פון פאָלק ביי אַלע באַדינגונגען און אין אַלע אומשטענדן. אָט דאָ לויפט דורך די גורל׳דיקע שיידונגס־ליניע צווישן דעם פערסאָנעלן און טעריעלן נאַציאָנאַליזם פון די עלטעסטע דורות ביז צו די נייסטע צייטן. טעריעלער נאַציאָנאַליזם מוז זיין קעגן גלות, ווייל גלות איז פאַר אים אונטערגאַנג. פערסאָנעלער נאַציאָנאַליזם קען זיין פאַר גלות, ווייל גלות אַז פאַר אים אמת חורבן פון לאַנד, אָבער ניט קיין חורבן פון פאָלק. געבראָכן און אינערליך ווי אויסערליך צושטערט וויל ער און קען ער עקסיסטירן אין גלות ביז ס׳וועט שלאָגן די שעה פון זיין נאַציאָנאַלער גאולה. און פונקט ווי אין אַסך אַנדערע פונקטן שליסט אָן דער נייער פערסאָנאַליזם פון אחד־העם׳ן אָן דעם אַלטן פערסאָנאַליזם פון די אַמאָליקע דורות און דער נייער טעריאַליזם פון הערצלען, אָט דעם אַלטן טעריאַליזם פון די אַמאָליקע דורות. דער גייסטיקער ציוניזם און זיין וואָרטפירער אחד־העם שטעלט אַוועק אין ערשטער ריי, פונקט ווי דער אַלטער רעליגיעז־פערסאָנעלער אידענטום, דעם פרימאַט פון קיום האומה אונטער אַלע אומשטענדן. די מעגליכקייט פאַר דעם איז אים אינערליך געגעבן דורך זיין פערסאַנאַליזם, וועלכער רערמעגליכט דעם קיום פון פאָלק אויך אין דערפרעמד פונקט ווי ס׳האָט דאָס דערמעגליכט דעם טראַדיציאָנעלן אידנטום אויפן שוועל פון חורבן *). אין פאָליטישן ציוניזם דאַקעגן ביי זיין שעפער און פירער ד״ר הערצל זיינען, ווי דער אַמאָליקער וועלטליכער אידענטום, פאָלק און לאַנד אויף דאָס ענגסטע פאַרבונדן אַזוי, אַז מיט דעם אוועקפאַל פון דעם ערדיש־ממשות׳דיקן יסוד, איז אויך ניטאָ קיין מעגליכקייט

---

*) מ׳קען אמת צווייפלען צו דער וועלטליכער פערסאָנאַליזם וועט זיין אַזוי שטאַרק ווי דער רעליגיעזער אויפצוהאַלטן אַ פאָלק אין גלות, דאָס איז אָבער דאָ גאָר ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דער פרינציפ פון גייסטיקן קיום גיט אָפּ דאָ און דאָרט די פּסיכאָלאָגישע וואָרצעל פאַר דעם חיוב פון גלות.

פאַר דעם קיום פון פאָלק. אחד־העם און מיט אים דער גייסטיקער ציוניזם קען און איז טאַקע מחייב דעם גלות, ניט אַלס נאַציאָנאַלן נאָרמאַטיוון גורם, נאָר, ווי אחד־העם אַליין דריקט זיך אויס, אַלס נאַציאָנאַלן אָביעקט, אַלס אַ אָרט וואו אידן לעבן פאַקטיש און וועלן נאָך לאַנג אפשר זייער לאַנג מוזן לעבן. ד״ר הערצל דאַקעגן און מיט אים דער פאָליטישער ציוניזם נעגירט דעם גלות אַבסאָליוט און אין אַלע זיינע געשטאַלטונגען, ווייל נאַציאָנאַל לעבן איז פאַר אים נאָר טעריטאָריעל לעבן און טעריטאָריעלעס לעבן אין גלות איז נאַציאָנעלער אונטערגאַנג — אַסימילאַציע. פאַר דעם פאָליטישן ציוניזם, בנגוד צו דעם גייסטיקן, איז דאָ נאָר איין נאַציאָנאַלער וועג און נאָר איין מעגליכקייט צו לעבן און עקסיסטירן — ארץ ישראל. גלות עקסיסטירט פאַר אים ניט.

ווי שטעלט זיך אַלזאָ דער אַלגעמיינער ציוניזם צו דעם גלות־פּראָבלעם?

איידער מיר וועלן אויף דעם געבן אַ תשובה, מוז נאָך אַ ביסל אויפגעקלערט ווערן דער מהות פון דער שאלה. רעט מען וועגן דעם גלות־פּראָבלעם אין ציוניזם אַזוי קען מען דאָס דאָפּלט פאַרשטיין. ארץ־ישראל קען אויפגעבויט ווערן, נאָר ווען מיר וועלן דאָרט האָבן אַ מערהייט. די מערהייט איז אָבער ניטאָ, זי מוז אַלזאָ נאָך קומען. קומען קען זי אָבער נאָר פון גלות. דערפאַר מוז מען זאָרגן פאַרן גלות, טוען מיר דאָס ניט, אַזוי האָבן מיר אויך ניט קיין ארץ ישראל. אָט דער מין זאָרגן פאַר׳ן גלות האָט ניט צו טאָן מיט אַ פּאָזיטיווער אָדער נעגאַטיווער שטעלונג צו דעם גלות. דאָס איז איבערהויפּט ניט קיין זאָרגן פאַר דעם גלות, נאָר אַ ענין פון ארץ ישראל אויפבוי. דער חיוב אָדער די שלילה פון גלות הויבט זיך ערשט אָן ווען די ארץ־ישראלדיקע פּאַראינטערעסירטקייט אַלס אַזעלכע הערט אויף, ד. ה. ווען מ׳ארבייט פאַר׳ן גלות אָדער מ׳ארבייט אויך ניט פאַר אים אָן קיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם וואָס קומט פאָר אין ארץ ישראל. זאָגן מיר אַז ארץ ישראל האָט שוין געקראָגן אַלץ, וואָס זי דאַרף פון גלות אָדער זי קען שוין מער ניט קריגן. וואָס זאָל אַלזאָ, פרעגט זיך, אין אָט דעם פאַל, פּאַסירן מיט די אידן, וועלכע קענען ניט צוליב דעם אָדער יענעם טעם אויסגעלייזט ווערן אין ארץ־ישראל. צו זאָגן מיר, ווי דער פאָליטישער ציוניזם טוט דאָס, אַז פאַר די האָבן מיר ניט קיין מיטל פאַר אַ נאַציאָנאַלן לעבן און קיום. און דאָס נאַטירליך ניט, ווייל מ׳איז אָט די אידן מפקיר. לחלוטין ניט, מ׳האָט פשוט

ניט קיין מעגליכקייט. אָדער מיר זאָגן מיט דעם גייסטיקן ציוניזם: ניין, עס זיינען נאָך דאָ מיטלען און וועגן אין גלות גופא אויפצו־האַלטן אָט די, וועלכע וועלן דאָרט צוליב די אָדער יענע סבה מוזן לעבן און זיין. אָט דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון גלות און אויף אָט דעם מוז געגעבן ווערן די תשובה אויף די פריער געשטעלטע פראַגע. ווי אַזוי שטעלט זיך אַלזאָ דער אַלגעמיינער ציוניזם צו דעם גלות־פּראָבלעם?

אין דעם איצטיקן מאָמענט, וואו אין צענטער פון אַלע אונזערע נאַציאָנאַלע אָנשטריינגענגען שטייט ,דער אויפבוי פון ארץ־ישראל, וואו דאָס נייע לעבן און שאַפן אין לאַנד פון אונזערע אבות פילט אויס אַלע ווינקאַלעך פון אידישן פאָלק אין אַלע לענדער פון זיין צושפּרייטונג און זייט פונקען פון האָפנונג אין די טיף פאַרצווייפלטע הערצער, איז דער אידישער געדאַנק און די אידישע האַנדלונג אומעטום פאַרנומען נאָר מיט ארץ־ישראל. אַלע וכוחים, די גאַנצע גייסטיקע, ווי די פּראַקטישע אַרבעט דרייט זיך ביי דעם היינטיקן טאָג, אפשר ווי קיינמאָל ניט אין אונזער גאַנצער גלות׳דיקער געשיכטע, נאָר אַרום די איין אַקס — די ארץ־ישראל־דיקע. דערפאַר איז שווער צו געפינען אין אָט דעם מאָמענט א ברייטן וכוח ארום דעםפראַגן־קאָמפּלעקס פון גלות און ארץ ישראל אין דער ציוניסטישער וועלט בכלל און אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישן בפרט. צו דעם האָט נאַטירליך גאַנץ באַזונדערש ביי־טראָגן די שרעקליכע לאַגע פון גלות אין אַלע לענדער כמעט פון זיין צושפּרייטונג. דער גלות האָט היינט ניט די קראַפט און דאָס ביסל גלויבן, וואָס איז נויטיק אפילו צו דעם, כדי אויפצוהויבן אַביסל זיין שטימע און מעלדן פון זיין עקסיסטענץ. ער האָט ווי אויפגעהערט צו עקסיסטירן אין דעם אונטער־באַוואוסטזיין פון דעם גרעסטן טייל פון אידישן פאָלק און ממילא קומט ער ניט ארויף איבער דעם שוועל פון דעם באַוואוסטזיין. ערשט אין דער גאַנץ לעצטן צייט הויבן זיך אָן צו באַווייזן אויך אַנדערע סימנים, וועלכע האָבן זיך אָבער קיין דירעקטן וועג ניט דורכגעבראָכן צו דער אי־דישער נאַציאָנאַלער אויפמערקזאַמקייט. אין אַזאַ לאַגע וועט מען נאַטירליך די ווייניקע באַמערקונגען, וואָס מיר געפינען און הערן וועגן די שטעלונג צו דעם גלות אין די רייען פון דעם אַלגעמיינעם ציונזם מוז צוגעבן אַ גרעסערע און פּרינציפּיעלערע באַדייטונג: „מיר דוכט זיך“ — זאָגט ד״ר מאָסענזאָן, — „אַז די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע ווערט חרוב, אין דער צייט ווען די באַוועגונג ווערט גרעסער.

אַנרויסן חלק אין דעם וואַקסן פון דער באַוועגונג און אין דער אָפּשוואַכונג פון דער אָרגאַניזאַציע איז צוצושרייבן דעם פאַקט, וואָס דער אַלגעמיינער ציוניזם איז ניט קיין כח. דאָס לעבן לייגט אויף אונז אַרויף אַ שווערע אויפגאַבע. דער גלות ווערט חרוב פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער הן מאַטעריעל און הן גייסטיק און ס'איז זייער מעגליך, אַז אויף ארץ-ישראל וועט ארויפגעלייגט ווערן איצט אַ גאַנץ באַזונדערע אויפגאַבע: צו ווערן אין דער'אמת'ן דער קערן פון דעם פאָלק"... („הציוני הכללי" נומער 11 אין דעם באַריכט פון פאַרטיי־ראַט).

ד"ר מאָסענזאָן, וועלכער גיט זיך אָפּ אַ היבש ביסעל מיט דער אַלגעמיין – ציוניסטישער טעאָריע, האָט אַלזאָ מצדיק את הדין געווען אויף דעם גלות, זיך מיאש געווען פון אים און פון די גרויסע אָדער קליינע מעגליכקייטן פון אידישער עקסיסטענץ אין אים און לאָזט אויפקומען דעם געדאַנק, אַז דער טייל פון אידישן פאָלק אין ארץ ישראל איז דער קערן פון פאָלק, אַלזאָ דער קערן פון דעם צוקינפטיקן אמת'ן אידישן פאָלק. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס וואָס קומט איצטער פאָר אין גלות, איז אַ אומפאַרמיידליכער פּראָצעס, וועלכער לאָזט זיך ניט אָפּענדערן. דער גלות גייט צו זיין סוף און מיט אים אַלץ דאָס אידישע וואָס לעבט און שטרעבט דאָרטן. דאָס וואָס ווערט היינט אריבערגעפלאַנצט קיין ארץ ישראל, אָט די שארית הפליטה פון אידישן פאָלק איז דער „שאר ישוב", דער יעניקער געזונטער אידישער נאַציאָנאַלער קערענדל, פון וועלכן עס וועט במשך פון דער צייט אַרויסוואַקסן דאָס פרייע און שטאָלצע אידישע פאָלק, צו וועלכן מיר אַלע שטרעבן און אויף וועלכן מיר אַלע לייגן אונזערע זיכערסטע און באַשטימטעסטע האָפנונגען. מעג ד"ר מאָסינזאָן דאָס האָבן געזאָגט מער אויפן יסוד פון אונטערבאַוואוסטע רעגונגען איידער אויפן יסוד פון קלאָרער, ניכטערענדיקער און באַוואוסטער לאָגישער דורכטראַכטונג, פאַר אונז זיינען די אונטערבאַוואוסטע רעגונגען ניט ווייניקער ווערט, ווי די לאַנג אין דער הכרה אויסגעוואַקסענע מיינונגען. ליגן זיי דאָך דורך און דורך אויף דער גלות־ליניע פון דעם פּאָליטישן ציוניזם און ברענגען צום אויסדריקליכסטן אויסדרוק זיין שטעלונג צום גלות, וועלכע זאָגט: אידיש פאָלק אין ארץ־ישראל וועט זיך ראַטעווען, וועט לעבן, וואַקסן און געדייען, אידיש פאָלק אין גלות וועט און מוז אומברחמנות'דיק אונטערגיין. ד"ר מאָסינזאָן, באַוואוסט צו אומבאַוואוסט, האָט קלאָר געמאַכט די שטעלונג פון זיין ביז ניט לאַנג געוועזענער ב' – ריכטונג

צו דעם גלות — זי איז אבסאָליוט נעגאַטיוו, פּונקט ווי די פון דעם הערצעליאַנישן פּאָליטישן ציוניזם. צוגלייך מיט דעם פאַלט אָבער אויך נאָך א צווייטע ענטשיידונג — די ב׳־ריכטונג, וועלכע נעגירט דעם גלות, נעמט דאָ איין אַ שטאַנדפּונקט, וועלכער איז אַ אָרגאַנישער טייל און א אָרגאַנישע מסקנה פון דעם, ווי אויבן נאָכגעוויזן, טעריעלן אידישן נאַציאָנאַליזם. מיר מוזן זאָגן די ב׳־ריכטונג איז לכל־הפּחות אין פּונקט גלות אויסגעשפּראָכן טעריעל־נאַציאָנאַליסטיש און ווייל דער גלות־פּונקט איז ניט דער ערשטער און ניט דער איינציקער, וועלכער רעט פאַר דעם טעריאַליזם פון אָט דער ריכטונג, אַזוי איז דאָס אַבאַווייז מער פאַר אָט דער מהות אירער. דאָס נאָך מער דערפאַר, וואָס אירע שטעלונג צו דעם גלות, וועלכע איז געבראַכט געוואָרן צום אויסדרוק דורך ד״ר מאָסענ־זאָן, איז גאָרניט א צופעליקע זאַך, ווי מ׳וואָלט אפשר געקענט מיינען. לחלוטין ניט. זיי שטייט אייגענטליך אין אָרגאַנישער בינ־דונג מיט אַלע אירע אַנדערע תכונות ווי אַשטייגער קאָלעקטיוועד עגאָ־איזם און סאָציאַלער מאַטעריאַליזם. פון אָט די תכונות גייט, ווי פריער נאָכגעוויזן א געראַדער וועג, צו אַ באַשטימטער ציוניסטישער אָריענטאַציע, וועלכע ווערט באַצייכנט מיט אידן־נויט און הויבט ארויף אויף איר שילד דעם לאַנד־פּרימאַט. לאַנד פּרימאַט אַלס נאַציאָנאַלער פּרינציפּ איז אָבער, ווי מיר האָבן אויבן געזען, ניט אַנדערס אַלס נעגירונג פון גלות — די אָרגאַנישסטע תוצאה פון אַ טעריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם.

גאַנץ אַנדערש אָבער דער צווייטער צד — די א׳ ריכטונג. נאַטירליך איז זי אויך דורך און דורך פאַר ארץ־ישראל און נאָר פאַר ארץ־ישראל. זי האַלט אָבער ניט, אַז דאָס פאָלק אין ארץ־ישראל איז דאָס פאָלק ישראל און אַז אַלע אַנדערע טיילן פון פאָלק, וועלכע לעבן אין גלות וועלן אונטערגיין. ניין. אידיש פאָלק איז אויך דאָ אין גלות און וועט צוליב די אָדער יענע סבות נאָך לאַנג און אפשר שטענדיק מוזן זיין אין גלות. און ווייל דאָס איז אַזוי און ניט אַנדערש מוז מען זאָרגן פאַר׳ן גלות. אָבער ניט ווייל דער גלות איז אכחות־רעזערוואואר פאַר ארץ ־ישראל, נאָר ווייל ער איז אַ נאַציאָנאַל־אידישע געגעבנהייט, אַנויט ־ געדרונגענער פאַקט פון אידישן לעבן, וועלכער האָט צו מיר ווילן צו מיר ווילן ניט, אַאייגענע אינערע געזעצליכקייט, אַאייגענעם אינערן מהות און ממילא אויך אייגענע וועגן און מיטלן פון לעבן און עקסיסטירן. אָט די שטעלונג געפינען מיר טאַקע ביי איינעם פון די פאָרדינסטפולסטע

ציונים בכלל און ביי איינעם פון די הויפּטזיילן פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער א׳ ־ ריכטונג בפרט — ביי פּראָפעסאָר בראָדעצקי. „דער ציוניזם" — האָט פּראָפעסאָר בראָדעצקי געזאָגט אין אַ רעפעראַט וועלכען ער האָט געהאַלטן אין לאָנדאָן פאַר די שטודירענדיקע פון ארץ ישראל — „איז געבאָרן געוואָרן ניט אַלס לייזונג פון איין אידישן שבט, נאָר פאַר דער לייזונג פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק". (העולם 1934 נומער 24.) ער האָט דערפאַר אין דעמזעלבן רעפעראַט אַרויסגעהויבן די סכנה, וועלכע דרויט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוליב איר קנאַפּער טעטיקייט לטובת דעם עקסיסטענץ קאַמף פון די גלותדיקע אידן אומעטום וואו זיי זיינען. ער האָט זיך ווייטער באַקלאָגט אויף די מחיצה, וועלכע ווערט געשאַפן צווישן ארץ ־ ישראל און גלות און וועלכע מערקט זיך אויך אין די באַציאונגען פון די שטודירענדיקע פון ארץ ־ ישראל צו די אידן אין גלות און צו די גלות פּראָבלעמען. פּראָפעסאָר בראָדעצקי האָט באַענדיקט זיין פאָרטראַג מיט אַרויף צו די שטודירענדיקע פון ארץ־ישראל זיך באַמיען מער צו בעגרייפן דעם גלות און באַטייליקן זיך אין זיין לעבן („העולם", דאָרט) אָט די שטעלונג פון פּראָפעסאָר בראָדעצקי איז גאַנץ געוויס ניט פאַראיינצעלט אין די רייען פון דער א׳ ־ ריכטונג. „די קאָנפערענץ" — הייסט עס אין דעם באַריכט וועגן ה„שחר" אין גאַליציען — „האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט דער פראַגע פון דער גלותדיקער לאַנד ־ פּאָליטיק. די דעלעגאַטן האָבן אויך דאָ אַרויסגעוויזן אַאיינהייטליכע שטעלונג: עס איז דאָ אַאָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן אונזערע באַשטרעבונגן צו זעלבסט ־ שטענדיקייט אין ארץ ־ ישראל און צווישן דעם קאָנסעקווענטן קאַמף פאַר אונזערע מענשליכע און נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות" („הארץ„ פון ערשטן פעברואר 1935). מ'וואָלט געקענט געראַדע דאָ, אין די רייען פון דער א׳ ־ ריכטונג, אָנווייזן אויף אסך אַנדערע גליכע שטעלונג ־ נעמונגען צו דעם גלות – פּראָבלעם, (פגל. צ. ב. ש. פּצנובסקי, הנוער הציוני העפט א׳־ב׳; מ. קאַלאַרני הציוני הכללי נמ. 7 וכדומה נאָך) אָבער די אָנגעפירטע שטעלן אַליין זיינען שוין פול־קום גענוג, כדי צו באַווייזן, אַז די א׳ ־ ריכטונג האָט אַפּאָזיטיווע שטעלונג צום גלות, פונקט ווי עס האָט דאָס דער אחד ־ העמיס־טישער גייסטיקער ציוניזם. ווי אויבן אָבער ביי דער ב׳ ־ ריכטונג אַזוי פאַלט אויך דאָ צוגלייך מיט דעם חיוב ־ הגולה נאָך אַצווייטע ענטשיידונג — די א׳ ־ ריכטונג וועלכע איז מחייב דעם גלות, נעמט איין אַ שטאַנדפּונקט, וועלכער איז אָאָרגאַנישער טייל און אָאָר־

גאַנישע מסקנה פון דעם פּערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם. און דאָס טוט זי טאַקע, ווידער אַמאָל אין אויסדריקליכן פּאַראַלעליזם צו ב׳ - ריכטונג, אין טיפסטן הסכם מיט אַלע אַנדערע אירע תכונות ווי אַשטייגער קאָלעקטיווער אַלטרואיזם און סאָציאַלער אידעאַליזם. ווי דאָרט ביי דער ב׳־ריכטונג גייט אויך דאָ ביי דער א׳־ריכטונג אַ געראַדער וועג צו דער ציוניסטישער אָריענטאַציע, וועלכע מ׳באַצייכנט מיט נויט־פון־יהדות און וועלכע הויבט ארויף אויף איר שולד דעם פאָלק־פּרימאַט. „ציוניזם איז פאַר מיר ניט בלויז דער אויפבוי פון ארץ - ישראל, נאָר די רעטונג פון אידישן פאָלק.. (בראָדעצקי, אידישע שטימע פון 13 מאַי 1934 „אין קאַמף פאַר דער אידישער עליה"). פאָלק - פּרימאַט אַלס נאַציאָנאַלער פּרינציפּ איז אָבער, ווי פריער נאָכגעוויזן, ניט אַנדערש אַלס חיוב פון גלות — די אָרגאַנישסטע תוצאה פון אַפּערסאָנאַליסטישן נאַציאָנאַליזם און ווייל אויך דאָ איז דער גלות - פּונקט ניט דער ערשטער און ניט דער איינציקער, וועלכער רעט פאַר דעם פּערסאָנאַליזם פון דער א׳־ריכטונג, אַזוי איז עס אַ באַווייז מער פאַר דעם פּערסאָנעלען מהות פון דעם אַלגעמיינעם א׳־ציוניזם.

צוטיילט זיך אַלזאָ דער אַלגעמיינער ציוניזם אַחוץ אין די אויבן באַשפּראָכענע סאָציאַל - פּאָליטישע פּונקטן אויך נאָך אַזוי, אַז די איינע, די אַ׳־ריכטונג, איז אחד - העמיסטיש*), גייסטיק— ציוניסטיש און נאַציאָנאַל - פּערסאָנאַליסטיש און די אַנדערע, די ב׳־ריכטונג, הערצליאַניש, פּאָליטיש - ציוניסטיש און נאַציאָנאַל— טעריאַליסטיש? כ׳מיין אַז עס איז אַזוי, מיר ווילן אָבער דאָס נאָך אונטערזוכן אויף דעם ספּעציעלן קולטור - געביט.

גייען מיר אריבער צו דעם קולטור - געביט, אַזוי וואַרפט זיך פריער פאַר אַלץ אין די אויגן דער באַדייטענדיקער פאַקט, אַז אין דער צייט ווען די ב׳־ריכטונג נעמט אויף קולטור אַלס פּראָגראַמאַטישן פּונקט צווישן אַנדערע פּראָגראַמאַטישע פּונקטן, מאַכט עס די א׳־ריכטונג אַלס אָרגאַנישן יסוד פון איר גאַנצער פּראָגראַם. דאָס ליגט ווידער אַמאָל אין דעם עצם מהות פון דיביידע ריכטונגען און קומט אַלס נויטגעדרונגענע תוצאה פון זייערע יסודותדיקע תכונות. די ב׳־ריכטונג, וועלכע איז פּאַרטיי - פּאַרטיקוליאַריסטיש, אַלזאָ קאָלעקטיוו - עגאָאיסטיש, פּאַרווירקליכט אירע סאָציאַל —

*) וועגן די גרעניצן פון דעם אחד - העמיזם אין דער א׳־ריכטונג זע שפּעטער.

פּאָליטישע באַשטרעבונגען מיט מאַטעריאַליסטישע מאַכט - און קראַפט - פאַקטאָרן, ווי עס טוט דאָס אויך אַלע אַנדערע פּאַרטייען לטובת זייערע סאָציאַל - פּאָליטישע באַשטרעבונגען. די טרייב - כחות אויף דעם געביט זיינען גאַנץ אַנדערע ווי אויף דעם קולטור־געביט און ממילא זיינען אויך די געביטן אַליין שאַרף געטיילט. אַנדערש די א׳־ריכטונג. ביי איר איז דער סאָציאַל־פּאָליטישער געביט אויף דאָס איינגסטע פאַרבונדן מיט קולטור, ווייל זייענדיק סאָציאַל - אידעאָליסטיש, ווערן אַלע אירע פּאַרטייאישע אינהאַלטן, האַנדלונגען, מיטלען און וועגן איינגעפּירט און אויסגעפירט דורך קולטור - ווערטן, קולטור - אינהאַלטן און קולטור — מיטלן ווי ערציאונג, איבערצייגונג, אויפקלערונג און פאָדערונג אין נאָמען פון העכערע עטישע אידעאַלן וכדומה. די קולטור איז דאָ אַלזאָ ניט קיין איזאָלירטער געביט, וועלכער ווערט איזאָלירט אויפגענומען אַלס פונקט צווישן פּראָגראַמאַטישע פונקטן, נאָר ווערט דער אַלגעמיינער יסוד פון דער גאַנצער פּראָגראַם, וואו זי האָט די אויסדריקליכע אויפגאַבע צו פאַרהעלפן אויך די אַנדערע פאַקטאָרן, אַלזאָ די סאָציאַל־פּאָליטישע, צו לעבן עקסיסטענץ און פאַרווירקליכונג. קורץ די ב׳־ריכטונג האָט קולטור נאָר אַלס אַזעלכע, די א׳־ריכטונג — אַלס אָרגאַנישן יסוד פאַר אַלע אירע דערשיינונגען און אויסערונגען. דאָס שטייט ווידער אַמאָל, ווי ניט איינמאָל פריער, אין טיפסטן און איינגסטן הסכם מיט דיביידע ליניעס: פּאַרטיי - פּאַרטיקולאַריזם, סאָציאַל - עגאָאיזם, מאַטעריאַליזם, פּריוואַט - איניציאַטיוו, לאַנד - פּרימאַט, הצלה, אידן - נויט וכדומה אַנטקעגן פּאַרטיי - אוניווערסאַליזם, סאָציאַל - אַלטרואיזם, אידעאַליזם, חלוציזם, פאָלק - פּרימאַט, גאולה און נויט פון יהדות.

די ביידע ריכטונגען גייען זיך אָבער פאַנאַנדער ניט נאָר ביחס צו דעם פאַרנעם פון קולטור און זיינע אויסמאָסן אין דעם גאַנצן פּאַרטיי - תחום, נאָר אויך אין די גרעניצן פון קולטור אַלס איינצעלנער און איזאָלירטער פּראָגראַם־פונקט. אויך דאָ האָבן זיי פאַרשיידענע שטעלונגען און אויפפאַסונגען.

„שטרעבט דער אַלגעמיינער ציוניזם באמת צו דערנייערונג" — שרייבט ד"ר מאַסענזאָן — „מוז מען פריער פאַר אַלץ זיך אומקערן צו דעם גרויסן ציוניסטישן אידעאַל. ציוניזם מוז ווידער ווערן אַ פּריוואַטיטעט - און גאולה - באַוועגונג פאַר דעם כלל און פאַר דעם פּרט... און זאָל מען אָט די אַלע זאַכן ניט נעמען לייכט און זאָל מען ניט זאָגן, אַז זייער צייט איז אַריבער. עס איז דאָ אַ לעבעדיקער

צורך אין זיי און דוקא איצט איז צייט צו קומען און מכריז צו זיין אויף דעם ציוניסטישן אידעאל, אויף דעם ווערט פון תחיה־געראנק אין דעם ציוניזם. עס זיינען דא אסך, און אפשר דוקא צווישן די אלגעמיינע ציוניסטן, וועלכע האלטן די רייד וועגן דעם ווערט פון גייסט אין ציוניזם פאר נארישקייטן (דברי רוח). אט איז פאראן א ברייטע עליה א שטראם פון קאפיטאל פליסט אין לאנד אריין, דער אויפבוי־פראצעס איז אין מיטן גאנג, זאל יעדער בויען, זאל יעדער טאן וואס ער קען און ווי ער וויל און דאס לאנד וועט אויפגע־בויט ווערן". ((הציוני הכללי נומער 11 בעיות העליה וההתישבות בתנועתנו").

ד"ר מאסינזאן, וועלכער נעמט אין תוך איין א מיטעלשטעל־לונג צווישן א' און ב' טענה'ט פאר קולטור אין אלגעמיינעם ציו־ניזם, פאר תחיה ־ ציוניזם וכדומה, ער מוז אבער אליין מודה זיין, אז אסך פון די אלגעמיינע ציוניסטן אין ארץ ־ ישראל, און דאס איז דאך די ב'־ריכטונג, האלטן קולטור און תחיה – ציוניזם פאר א אפגעלעבטן איבעריקן ענין, פונקט ווי ער איז אין דעמזעלבן מאמר מודה, אז אסך פון זיי זיינען ניט פאר אידישע ארבייט, ניט פאר א חלוציאנישע עליה וכדומה *). ד"ר מאסענזאן ערקלערט דארט אויך נאך דעם טעם, פאראס זיי זיינען קעגן קולטור און תחיה־ציוניזם: „מיר זיינען געווען צו זייער פראקטיש. מיר זוכן א הצלה פאר דעם גוף פון דעם פאלק, מיר זוכן א עקאנאמישע באזיס — דאס אלץ איז זייער גוט. מיר האבן צו לאנג געשוועבט אין דער לופט אלס היילע נשמות. א נשמה מוז האבן א געזונטן גוף, אבער אגוף אן נשמה ליגט ווי א גולם אויף דער ערד. און די ירידה פון דעם אלגעמיינעם ציוניזם איז אפשר געקומען, ווייל עס איז פון איר צוגענומען געווארן איר נשמה". מ'איז אלזא קעגן קולטור, ווייל מ'איז עקאנאמיש־מאטעריאליסטיש, ווייל מ'איז סאציאל־עגאאיסטיש און מ'זארגט פאר בנין הארץ און ניט פאר בנין העם, אלזא פאר אידן נויט און ניט פאר נויט פון יהדות.

א גאנץ אנדערע שטעלונג נעמט איין די א' ריכטונג און טאקע אזא, וועלכע שטייט גאנץ אין איינקלאנג מיט איר שטעלונג לגבי אלע אנדערע פונקטן, וועלכע מיר האבן אויבן באהאנדעלט. „ווען די שטרעבונג צו נאציאנאלער פולקומענהייט וועט געפינען איר אויסדרוק אין אקולטורעלער אויפלעבונג פון יהדות, דאן וועט

---

*) פגל. אויבן.

פאַרווירקליכט ווערן דער לעצטע ציל פון די נאַציאָנאַלע באַשטרע־בונגען... צו ענטוויקלען די וואַקס־קראַפט פון דערגעזעלשאַפט און פון פאָלק — דאָס מוז זיין דער לעצטע ציל פון אַ יוגנט־באַוועגונג מיט אַ גייסטיקער ריכטונג". (אלנא „תנועת הנוער הציוני הכללי" אין הציוני הכללי נומער 27 (65). פגל. נאָך דאָס פּראָגראַם פון „קדמה", „הארץ" 25.3.35; יצחק גאָלדשטיין אין הנוער הציוני העפט ד' — ה' און אַנדערע מער). אין דער א' ריכטונג טרעפן זיך ווי אין אַ ברענפּונקט אַלע מאָמענטן, וועלכע היינגן אָרגאַניש צוזאַמען און קומען אַלע אַלס טיפּסטע תוצאה פון דער שטעלונג צו נאַציאָנאַלער קולטור. דאָ איז דאָ סאָציאַלער אידעאַליזם, כלל־ישראל, איבערפּאַרטייאישקייט, חלוציזם, נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל, ציוניסטישער פּריוואַט־קאַפּיטאַל, אידישע אַרבייט, פאָלק־פּרימאַט, פּאָזיטיווע שטעלונג צום גלות און דאָס אַלץ ווערט פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלער העברעאישער קולטור, מיט היסטאָרישן אידענטום, וועלכער זאָל אַלע די דערמאָנטע תכונות אין זיך אויסטראָגן און זאָל אויסמאַכן דעם אמת'ן באָדן, פון וועלכן זיי וואַקסן אַלע אין איינגער אָרגאַנישקייט אַרויס. עס וועט אָבער זיין אַ טעות אָנצונעמען, אַז די ב' ריכטונג האָט בכלל אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו קולטור. לחלוטין ניט. די ב' ריכטונג ווי ס'איז אויך צו זען פון די נאָר וואָס ציטירטע ווערטער פון ד"ר מאָסענזאָן, האַלט נאָר, אַז קולטור איז ניט דער ערשטער פּאַקטאָר און ניט דאָס העכסטע פון נאַציאָנאַלן אידישן לעבן און קיום. דאָס נאַציאָנאַלע לעבן זאָל, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען און ווי עס באַשטעטיקט דאָס אויך ווידער אַמאָל ד"ר מאָסענזאָן בנוגע צו קולטור, רעגולירט ווערן דורך עקאָנאָמיש־מאַטעריאַליסטישע גורמים. וואָס איז נוגע קולטור, אַזוי קימערט זי זיי ניט באַזונדערש. אומעטום וואו מענשן לעבן, אַרבייטן און שאַפן וועט זיך ממילא, צו מ'וויל צו מ'וויל ניט, ענטוויקלען קולטור און קולטור־קנינים. אַלאַ וואָס, זי וועט אויף אַזאַ אופן נאָר באַגלייטן דאָס לעבן, אָבער אים ניט באַשטימען — דאָס זאָל זי דאָך איבערהויפּט ניט. מיר זעען, אויך אויסגייענדיק פון דעם איינג־ספּעציעלן קולטור מאָמענט מוזן מיר קומען צו דער מסקנה, אַז די ב' ריכטונג איז אויסגעשפּראָכן טעריעל נאַציאָנאַליסטיש — אַ מאָמענט וועלכער איז שוין אַזוי פיל מאָל פריער באַשטעטיקט געוואָרן און קומט אַלס אָרגאַנישע תוצאה פון איר גאַנצער איינשטעלונג און פּאַרטייאישע האַנדלונגען. דאַקעגן ווייזט די שטעלונג פון דער א' ריכטונג צו דעם קולטור פּראָבלעם, אַז

זי איז אויסגעשפּראָכן, ווי ס׳איז ווידער אַמאָל שוין כסדר פעסט־געשטעלט געוואָרן, פּערסאָנעל נאַציאָנאַליסטיש. "...דער קולט פון קראַפט" — הייסט עס אויסדריקליך פּערסאָנאַליסטיש אין דעם פּראָגראַם פון „קדמה" — וועלכער זעט אין דער באַהערשונג פון די יצרים אַ שוואַכקייט און איז ניט שטאַרק מחשיב די עטישע אידעאַלן פון אידענטום שטייט אין אַבסאָליוטן קעגענזאַץ צו דעם ציוניסטישן געדאַנק" (הארץ 25.3.35).

צווישן די ביידע אַלגעמיין ציוניסטישע ריכטונגען ליגט אַלזאָ אין תוך דערזעלבע אונטערשייד, וועלכער ליגט, ווי מיר האָבן פריער אויספירליך געזען *), צווישן דעם גייסטיקען און דעם פּאָליטישן ציוניזם, אַלזאָ צווישן אחד־העם און ד"ר הערצל. די ב׳ ריכטונג איז טעריטאָריעל נאַציאָנאַליסטיש, אַלזאָ פּאָליטיש ציוניסטיש אָדער הערצעליאַניש, די א׳ ריכטונג דאַקעגן — פּערסאָנעל נאַציאָנאַליסטיש און גייסטיק ציוניסטיש אָדער אחד־העמי׳ש. „ביי דעם היינטיקן טאָג איז דאָך געקומען די צייט" — שרייבט ד"ר גליקסאָן — „צו מודה זיין אויף דעם פּשוטן און אָפענעם אמת — מיר זיינען אַלע געוואָרן די תלמידים פון אחד־העם׳ן. צו דען איז נאָך דאָ אַ ספק, אַז בנוגע צו דער אויפפאַסונג פון די ציוניסטישע צילן זיינען מיר היינט נעענטער צו אחד־העם׳ן איידער צו הערצלען? מיר האָבן ניט געקענט לאַנג אונז אַנטקעגען שטעלן קעגן די אייזערנע לאָגיק פון דעם הארבן לערער און פון דער הארבער ווירקליכקייט. מיר האָבן געלערנט אויפצופאַסן דעם עיקר פון ציוניזם אין דעם וואָס מ׳וועט שאַפן אַ אידישן ישוב אין ארץ ישראל, וועלכער וועט ניט בטל ווערן אין פרעמדן רוב..., וועלכער וועט לעבן אַנייען אידישן און מענטשליכן לעבן, אַ אַלגעמיינעם שעפערישן קולטור־לעבן און וועט ניט זיין אָנגעוויזן אויף אָרימע פּרנסה פון פרעמדער האַנט. און דעם ערך פון אָט דעם ישוב פאַר דעם גלות האָבן מיר געלערנט צו זען מער אויף דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלן, איידער אויף דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט". (ספר הקונגרס, תרפ"ג זייט 205).

געוויס האָט ד"ר גליקסאָן דאָס געשריבן מיט אַסך יאָרן צוריק ווען אין ציוניזם איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע. געוויס וועט ער היינט אַליין וועלן מאָדיפיצירן אַסך פון זיינע רייד, אָבער דער עיקר וועט אויך איצט בלייבן באַשטיין — די חשיבות פון דעם קולטור

---

*) פגל. אויבן.

מאָמענט פאַר ארץ ישראל און גלות מיט אַלע זיינע אָרגאַנישע קאָנ־סעקווענצן אויף אַלע אַנדערע געביטן, אַלזאָ די פולע באַקענונג צו דעם פּערסאָנאַליסטישן, גייסטיקן נאַציאָנאַליזם. רעט מען וועגן מאָדיפיצירונגען, און די זיינען גאַנץ געוויס געמאַכט געוואָרן פון ד"ר גליקסאָן אַליין, אַזוי קען עס זיך האַנדלען ניט אין דער עצם הנחה פון פּערסאָנאַליזם, נאָר אין זיינע תכונות. ריידן מיר אין לשון פון אחד־העם'ן, אַזוי וועלן מיר זאָגן — ניט דער רוחניות'דיקער טייל פון זיין מרכז רוחני זאָל מאָדיפיצירט ווערן, נאָר זיין „מרכז'דיקער". מיט אַנדערע ווערטער מיר מוזן אונטערזוכן צו איז דער פּערסאָנאַליסטישער נאַציאָנאַליזם פון דער א' ריכטונג אויסגעשפּראָכן אחד־העם'מיסטיש אָדער ס'איז דאָך דאָ אַ אונ־טערשייד צווישן די ביידע באַגריפן. מ'וואָלט נאַטירליך אויך געקענט אויפוואַרפן די פראַגע אויף וויפל די ב' ריכטונג דעקט זיך מיט דעם הערצעליאַניזם און מ'וואָלט דאַן גאַנץ באַשטימט אויף דעם געמוזט ענטפערן, אַז זי דעקט זיך טאַקע ניט אַזוי דורך און דורך. דאָס וואָלטן געווען דיפערענצן אין פּראַגמאַטישע פּרטים, אין וויכטיקע פּאַרטייאישע איינצעלהייטן — די וואָרצלען אָבער פון וועלכער די ב' ריכטונג וואַקסט אַרויס אַלס ציוניסטישע ערשיינונג ווי אירע גאַנצע פּאַרטייאישע וועלט־אַנשואַיונג בכלל קומט דורכ־אויס פון דעם הערצעליאַניזם און דעקט זיך גאַנץ גענוי מיט זיין טעריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם. דאַקעגן שיינט די א' ריכטונג צו מאָדיפיצירן די עצם תכונות פון דעם אחד־העם'יסטישן פּערסאָ־נאַליזם. שטעלן מיר אָט די מאָדיפיצירונג פעסט, אַזוי דערגיין מיר צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ פון די אידעאָלאָגישע שפּאַנונגען אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם.

דער אחד־העם'יזם האָט, ווי באַקאַנט, צוויי זייטן — אַ גייס־טיקן און אַ טעריטאָריעל לענדישן. דער טעריטאָריעל לענדישער צד איז אָבער בשום אופן ניט גלייכבאַרעכטיקט מיט דעם גייסטיקן, נאָר איז אים אויף דאָס טיפסטע אונטער־וואָרפן. אחד־העם בויט דאָס לעבן און דעם קיום פון דעם אידישן פאָלק, ווי פריער ערקלערט, דורכאויס אויף גייסטיקע גורמים און זיין „מרכז", די טעריטאָריע, איז פאַר אים נאָר דעם אָרט, וואו די אידישע גייסטיקייט זאָל זיך קענען פריי געשטאַלטן און זיך ענטוויקלען, כדי צו דערפילן איר אויפגאַבע. זיין טעריטאָריעלער עלעמענט איז אַלזאָ ניט קיין טעריעלער, ער דינט ניט אַלס יסוד פאַר אַ ערדיש־מאַטעריעלן, אַלזאָ טעריעלן

לעבן, נאר איז א אויסגעשפּראָכענע אקצידענץ פון דעם גייסטיקן. דער רעליגיעזער פּערסאָנאַליזם האָט אמאָל געהאַט זיין סביבה אין דער רעליגיע, וועלכע האָט פאר אים געשאַפן אין גלות דעם נויטיקן חלל פאר זיין לעבן און אנטוויקלונג. איצט, ווען אַט די מעגליכקייט איז מער ניטאָ פאר גרויסע טיילן פון אידישן פאָלק, פעלט אלזאָ די סביבה, אלזאָ די רעאַלע באַדינגונגען פאר פרייע אידישע גייס־טיקייט און אחר העם זוכט זי, וואו ער קען זי געפינען — אין ארץ ישראל. ער זוכט זי אָבער אויך נאָר אויף וויפל ער ברויכט זי, דערפאר טאַקע נאָר אין דער פאָרם פון „א מרכז“. עס קען נאַטיר־ליך מיט דער צייט קומען אפילו צו א אידישער מדינה. אחד־העם איז אויף דעם בפירוש מרמז עטליכע מאָל, אָבער דאָס איז אים ניט קיין עיקר. ער זוכט ניט קיין אידישע מדינה, נאָר א פרייען אָרט פאר פרייע אידישע גייסטיקייט. זיין אָרט, דער מרכז אין ארץ ישראל וועט זיין נאַטירליך אסך אנאָרמאַלערע און אסך א פרייערער סביבה פאר דעם אידישן גייסט ווי די גלות׳דיקע סביבה פון דער רעליגיע און דערפאר וועט די אידישע גייסטיקייט זיך דאָ אסך נאָרמאַלער און פרייער ענטוויקלען. זי וועט דאָס אָבער טאָן ניט אין אָר־גאַנישער פאַרבינדונג מיט ערד און מאַטעריע, נאָר לויט איר איינע־נער אינערער געזעצליכקייט, וועלכע וועט ניט אַנטרעפן קיינע שום שטערונגען אויף איר פרייען וועג. גאַנץ אַנדערש אָבער דער אלגע־מיין־ציוניסטישער פּערסאָנאַליזם, אלזאָ דער פּערסאָנאַליזם פון דער א׳ ריכטונג.

קודם־כל און פריער פאַר אַלץ ליגט אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער טענע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם, אין דער כלל ישראל אידייע, אַ מלוכה׳שאַפטליכער היקף, וועלכער פירט גלייך אַרויס דעם פּערסאָנאַליזם פון דער א׳ ריכטונג פון די תהומים פון דעם אחד־העמיסטישן מרכז רוחני. די כלל אידייע, האָבן מיר אויבן געזען, איז א דאָפּלטע — א נאָרמאַלע און א אומ־נאָרמאַלע אָדער א פרייע און א גלות׳דיקע. די לעצטע איז א נאַציאָ־נאַל־עטנישער מיטל און עקסיסטירט דורך דעם גלות־צוואַנג, די צווייטע איז א אָרגאַנישע דערשיינונג פון דעם סאָציאַלן לעבן און שטיצט זיך אויף מדינה־מאַכט *). די כלל־אידייע פון דעם אלגעמיי־נעם ציוניזם איז, ווי פריער אויספירליך דערקלערט **), די אָרגאַ־

*) פגל. אויבן פרק ג׳.
**) פגל אויבן זייט 30.

נישע און פרייע. אַט די כלל־אידייע פּאָדערט אַלזאָ פאַר איר פאַר־ווירקליכונג מדינה־מאַכט, ד. ה. כדי זי צו פאַרווירקליכן מוז ארץ ישראל ווידער אמאָל ווערן דעם אידישן פאָלק דאָס, וואָס זי איז אמאָל געווען אונזערע אבות — א אידישע מלוכה. קען זיך אַלזאָ אחד־העם, פּאָליטיש־קאָנקרעט גערעט, באַגנוגענען מיט א ברייטער קולטורעלער אווטאָנאָמיע אין ארץ ישראל, אַזוי מוז דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פּערסאָנאַליזם, ד. ה. די א׳־ריכטונג, בכח פון טיפסטן מהות פון איר סאָציאַל־פּאָליטישער הויפּט־טעזע דאָס אַפּוואַרפן און שטרעבן צו א פולער פּאָליטישער פרייהייט. צווישן דעם אחד־העם׳יסטישן און אַלגעמיין־ציוניסטישן פּערסאָנאַליזם ליגט אַלזאָ אַלס טיפער איינשניט דער מדינה׳שאַפטליכער געדאַנק, וועלכן די א׳ריכטונג אַלס פּערסאָנעלער נאַציאָנאַליזם האָט געמיינזאַם מיט דעם טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַליסטישן, הערצעליאַ־נישן ציוניזם. אזוי אז זי איז ניט אַנטי - הערצעליאַניש, נאָר איבער - הערצעליאַניש — זי פאַרבינדט הרצלען מיט אחד־העם׳ן. דאָס איז טאַקע די סבה, פאַרוואָס אין דער א׳ - ריכטונג מאַכט זיך באַמערקבאַר די כוונה אויפצופאַסן דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אַלס סינטעטישן — אמאָמענט וועלכער טרעט אויף הן ביי דעם עלטערן ציוניסטישן דור און הן ביי דעם אינגערן. (פגל. ש. פּצנובסקי, הנוער הציוני העפט א׳ - ב׳ שמואל גריזמאַן אין „הציוני הכללי“ נומער 20, און אַנדערע מער).

אין דער אמת׳ן קען גאָר ניט זיין קיין רייד וועגן אסינטעזע צווישן אחד - העמ׳ן און ד״ר הערצלן, ווייל ס׳איז ניטא קיין סינטעזע צווישן דעם פּערסאָנאַליזם אַלס דעם גייסטיקן יסוד און צווישן דעם טעריאַליזם אַלס דעם מאַטעריעלן יסוד. די יסודות זיינען און בלייבן אין מהות שטענדיק פאַרשיידן אָן יעדער מעגליכקייט פון אמת׳ער אינערער סינטעטיזירונג. וואָס מ׳קען יע טון איז ניט זיי סינטעז־טיזירן, נאָר זיי אין פּראַקטישן און פאַקטישן לעבן קאָמבינירן און דאָס טוט טאַקע דער אַלגעמיינער ציוניזם פון דער א׳ - ריכטונג, אָפּווייכענדיק ווידער אמאָל פון דעם אחד - העמיזם אויך נאָך אין דעם רוחניותדיקן טייל פון זיין שיטה. ער טוט עס אויך דעם מאָל בכח פון דעם מהות פון דער סאָציאַל - פּאָליטישער טעזע כלל — ישראל.

צווישן די פאַרשיידענע איינגאַרטיקע פּראָבלעמען, וואָס דער גלות האָט אוועקגעשטעלט פאַר דעם אידישן פאָלק, איז דאָ איינע איסורותדיקע, וועלכע טראָגט צום טייל זאָגאר אויס אַלע אַנדערע

— דאָס איז דאָס קיום - פּראָבלעם. איר וועזן באַשטייט אין דעם אויפזוכן און געפינען וועגן און מיטלען אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ פון אידישן פאָלק צווישן פרעמדע פעלקער און לענדער. אַנאָרמאַל פאָלק האָט ניט קיין קיום - פּראָבלעם, נאָר אַ לעבנס פּראָבלעם — עס זוכט ניט קיין וועגן און מיטלען ווי אויפצוהאַלטן די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ, נאָר ווי אויסצובויען דעם נאַציאָנאַלן לעבן, ווי אים אַלץ פולער, רייכער און אַלזייטיקער אויסצובילדן און צו געשטאַלטן. דאָס איינגע קיום - פּראָבלעם גייט אויף ביי אַ נאָרמאַל - פאָלק אין דעם ברייטן לעבן - פּראָבלעם. אַרבייטענדיק פאַר די אויסבויאונג און אַלזייטיקע פרייע אויסגעשטאַלטונגן פון נאַציאָנאַלן לעבן, אַרבייט מען ממילא אויך פאַר די נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ. אַקיום - פּראָבלעם טרעט ביי אַנאָרמאַל פאָלק אויף, נאָר אין צייטן פון אויסערער געפאַר אָדער אין צייטן פון נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס. אין געפאַר אָדער ביי קאַטאַסטראָפעס מוז מען ווילענדיק ניט ווילענדיק, איינציען די באַזיס פון דעם אַלזייטיקן נאַציאָנאַלן לעבן און אַלע כחות אָנווענדן אויף איינעם און איינציקן עלעמענטארן ציל — אויפהאַלטן די עקסיסטענץ פון פאָלק ביז צו בעסערע צייטן, וואו מ'וועט ווידער אַמאָל קענען אויפוויקלען די לעבענס - באַזיס אין איר גאַנצער ווייט און ברייט. אַזעלכע לאַגן זיינען געווען און קענען היינט נאָך זיין ביי אַלע נאָרמאַלע פעלקער, נאָר איז דאָס ביי זיי געוויינליך אַ צייטווייליקער, פאַריבערגייענדיקער פאַל. ציט עס זיך ביי זיי לאַנגע דורות, ד. ה. ווערן זיי דורך אַקאַטאַסטראָפע געצוואונגען צו פאַרבייטן דעם לעבנס-פּראָבלעם אויף אַקיום - פּראָבלעם, אַזוי גייען זיי אונטער ווי עס איז ניט איינמאָל פּאַסירט אין דעם גאַנג פון דער מענשליכער געשיכטע מיט באַזינטע און פּאָליטיש אונטערדריקטע פעלקער. דאָס דערפאַר ווייל אַנאָרמאַל פאָלק איז אַטעריעל פאָלק און נעמט מען צו ביי אַזאַ פאָלק די פאַרויסזעצונגען פון זיין פרייען אַלזייטיקן נאַציאָנאַל לעבן אַלזאָ זיין לאַנד און זיינע פּאָליטישע פרייהייט אַזוי מוז עס, ווען די אונטעריאָכונג אָדער די פאַרטרייבונג דויערט לאַנג, אומברחמנותדיק אונטערגיין. איין פאָלק מאַכט אין דעם אַאויסנאַמע און דאָס איז דאָס אידישע פאָלק. פאַלירענדיק זיין לאַנד און זיין פריי פּאָליטיש לעבן און לעבנדיק אָן אָט די יסודות שוין טויזענטער יאָרן האָט עס געקענט אין משך פון אָט די טויזנטער יאָרן ניט נאַציאָנאַל לעבן פול, פריי און אַלזייטיק, נאָר נאַציאָנאַל עקסיסטירן, איינג באַשרייגקט

און צוזאמענגעשרומפט, אין דער אייביקער האָפענונג אַז דער גלות איז נאָר אַ צייטווייליקער און מעג עס נאָך אַזוי פיל דויערן, אַזוי איז ער דאָך נאָר אַפּאַרבייגייענדיקע דערשיינונג פון דער אידישער געשיכטע. פאַר אָט דעם גלותדיקן אידיש פאָלק אליין גיט עס אַקיום - פּראָבלעם אָבער אויך ביי אים גופא איז דאָס נאָר פאַר איין טייל זיינעם פאַר דעם פּערסאָנאַליסטישן. דער טעריאַליסטישער טייל זיינער איז אין גלות, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרן די יסודות פון זיין נאַציאָנאַלן לעבן, פאַרלאָרן געגאַנגען *) פונקט ווי עס זיינער שטענדיק פאַרלאָרן געגאַנגען אַלע נאָרמאַל טעריאַליסטישע פעלקער, ווייל אויך אָט דער טעריאַליסטישער טייל פון אידישן פאָלק האָט שטענדיק געהאַט נאָר אַלעבענס פּראָבלעם, אָבער ניט קיין קיום פּראָבלעם.

מיר זען, אַלעבענס - פּראָבלעם איז פאַרבונדן מיט טעריאַליזם, אַ קיום פּראָבלעם — מיט פּערסאָנאַליזם. ס'וועט אָבער זיין אַ טעות צו מיינען, אַז דער פּערסאָנאַליזם האָט ניט קיין לעבנס פּראָבלעם. אמת איז, אַז דער טעריאַליזם האָט נאָר אַלעבנס - פּראָבלעם, אָבער ניט קיין קיום - פּראָבלעם. דאַקעגן האָט דער פּערסאָניאַליזם סיי אַלעבנס - פּראָבלעם און סיי אַקיום פּראָבלעם, נאָר מוז מען דאָ אונטערשיידן צווישן צוויי אויפטרעטונגען פון דעם פּערסאָנאַליזם — אין זיין אייגן און פריי לאַנד און אין גלות. אַזוי ווי דער פּערסאָנאַליזם איז איבערהויפּט אַזוי גוט ווי אַריין אידישע ער־שיינונג, קענען מיר פּשוט ריידן פון ארץ־ישראלדיקן און גלותדיקן פּערסאָנאַליזם. דער אידישער פּערסאָנאַליזם איז בשום אופן ניט קיין פּראָדוקט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע און טרעט ניט אויף בקשר מיט איר. ער איז איסודותדיקע ערשיינונג שוין פון דעם פריען און פרייען אידישן זעלבסטשטענדיקן לעבן אין ארץ - ישראל. *) דאָ האָט ער אָבער פאַר זיך געהאַט ניט דאָס איינגע קיום - ציל, נאָר טאַקע דאָס ברייטע לעבענס - ציל. האָט געשטרעבט דער אַלטער אַמאָליקער טעריעלער נאַציאָנאַליזם אויסצובויען דעם גאַנצן אידישן לעבן אויף טעריעלע יסודות, אַזוי האָט דער אַלטער אַמאָליקער פּערסאָ־נאַליזם געשטרעבט דאָס צו טון אין דעמזעלבן אויסמאָס און אין דערזעלבן ברייט מיט זיינע פּערסאָנעלע יסודות. צווישן די ביידע איז געווען אַ אונטערשייד אין די יסודות, אָבער ניט אין דעם פאַ־רנעם — ביידע האָבן פאַר זיך געהאַט אַנאַציאָנאַלן לעבנס־פּראָבלעם

---

*) פגל. אויבן.

*) פגל. אויבן.

אוןביידע האָבן געוואָלט אויסבויען דאָס גאַנצע לעבן פון דעם פרייען
אידישן פאָלק, דער איינער דערעיקרשט אויף ערדישע ־ מדינהשאַפט־
ליכע יסודות, און דער צווייטער דערעיקרשט אויף גייסטיקע רע־
ליגיעזע יסודות, וואו דאָס ערדיש ־ מדינהשאַפטליכע האָט פאַרנומען
דעם צווייטן אָרט און איז געוואַקסן פון גייסטיקן לעבן. די צוויי
מינים נאַציאָנאַליזמען האָבן ביידע ערדישע יסודות און ביידע גייס־
טיקע יסודות, נאָר איז ביי דעם ערשטן דאָס ערדישע דער עיקר און
דאָס גייסטיקע וואַקסט פון אים ארויס און ביי דעם צווייטן אומ־
געקערט — דאָס גייסטיקע איז דער עיקר און דאָס ערדיישע ווערט
פון אים אויסגעטראָגן. *) אָט אַזוי איז די לאַגע אין דעם אַרץ־
ישאַלדיקן פערסאָנאַליזם ביז צו דעם חורבן. ער האָט ווי געזאָגט,
אַאויסגעשפראָכענע לעבנס ־ פראָבלעם און האָט אויסדריקליכע ער־
דישע עלעמענטן, נאָר איז זיין לעבענס ־ פראָבלעם אַ פערסאָנעלע
און די ערדישע עלעמענטן ווערן אַריבערגעהויבן אין אַ פערסאָ־
נעלע אַטמאָספער. ערשט מיט דעם חורבן פאַרשווינדעט פון דער
אידישער געשיכטע דאָס לעבענס ־ פראָבלעם און עס הויבט זיך אָן
דאס קיום ־ פראָבלעם. דער פאַרלוסט פון דער אידישער זעלבסט־
שטענדיקייט און פון דעם אידישן לאַנד האָט צוגענומען די מעגליכ־
קייט פון אַ ברייטן לעבנס ־ אויסבוי ביי ביידע נאַציאָנאַליזמען,
סיי ביי דעם טעריעלן און סיי ביי דעם פערסאָנעלן. ביידע
קענען איצט ניט מער אויפוויקלען און אויסוויק־
לען אַלע זייערע לעבענס ־ יסודות, נאָר אין דער צייט, ווען דער
טעריעלער אידישער נאַציאָנאַליזם גייט דאַביי פאַרלאָרן, בלייבט
דער פערסאָנעלער אידישער נאַציאָנאַליזם נאָך ווייטער באַשטיין.
אמת, ער מוז זיך איינשרומפן און איינציען און זיך אָפזאָגן פון זיין
אמאָליקער פערסאָנעלער לעבענס ־ פולקייט, אָבער אין דער צייט
ווען זיין טראַגישער היסטאָרישער קעגנער קען דאָס ניט, איז ער דאָס
ביכולת צוטאָן און טוט דאָס טאַקע. ער פאַרוואַנדלט זיין לעבענס ־
פראָבלעם אין אַ קיום ־ פראָבלעם פון אידישן פאָלק און גייט צוזאַ־
מען מיט אים אין גלות*). פון זיינע אַמאָליקע ערדישע יסודות איז
איצט אין גלות שוין אפילו קיין זכר ניטאָ. געבליבן איז נאָר זיינע

*) די גענויערע ארויסארבייטונג פון די באגריפן לאָזט זיך אי־
בער דער מחבר פאר זיין גרעסערן ווערק איבער פערסאָנאַליזם און
טעריאַליזם.
*) פגל. אויבן;

גייסטיקייט אליין, וועלכע האָט זיך איצט נאָך מער אויסגעשפּרייט און איינגענומען אויך דעם אָרט פון די אַמאָליקע ערדישע יסודות. דאָס שאַדט אָבער ניט דעם פּערסאָנאַליזם. ער ווערט אמת פון אַ ארץ-ישראלדיקן אַגלותדיקער, אָבער ער קען דאָס טאָן, ווייל די ערדישע יסודות זיינען ביי אים קיינמאָל ניט געווען דער עיקר נאָר זיינען שטענדיק אַריבערגעהויבן געוואָרן אין זיין גייסטיקער אַטמאָספער.

אין אָט דעם פּונקט לויפט דורך די צווייטע טיילונגס - ליניע צווישן דעם אַלגעמיין - ציוניסטישן און דעם אחד - העמיסטישן פּערסאָנאַליזם. אחד - העם שליסט אָן מיט זיין שיטה פון „מרכז רוחני“ אָן דעם פּערסאָנעלן נאַציאָנאַליזם, אבער ניט אָן דעם ארץ - ישראלדיקן, נאָר אָן דעם גלותדיקן, וואו די ערדישע יסודות האָבן איבערהויפּט שוין ניט געהאַט קיין אָרט. אמת, דער אחד - העמי'שער פּערסאָנאַליזם האָט אַטעריטאָריעלע זייט און גייט קיין ארץ-ישראל—ער טוט דאָס אָבער אין תוך ניט לשם אַלעבנס-פּראָבלעם, נאָר אויסדריקליך לשם אַ קיום - פּראָבלעם. זיין שיטה האָט אפילו אַארץ - ישראלדיקע אַקס*), אָבער די איז אים סוף - כל-סוף ביי ווייטן ניט קיין עיקר. אחד-העם האָט־אין תוך און עצם ניט געגלויבט אין ארץ-ישראל אַלס אַ לייזונג פון דעם טראַגישן פּראָבלעם פון אידישן פאָלק און האָט דערפאַר לכל-הפּחות געוואָלט נעמען פון ארץ ישראל דאָס, וואס זי קען באמת געבן — אַגורם פאַר די נאַציאָנאַלע אידישע עקסיסטענץ אין גלות. מעג ער נאָך אַזוי פיל מרמז זיין אויף אַ שפּעטערדיקע אידישע מדינה און מעג ער נאָך אַזוי פיל ריידן פון אַ פרייען לעבן אין ארץ ישראל, דער שווערפּונקט פון זיין שיטה אין דער אונטערבאַוואוסטליכע צוואַנג פון זיינע אידייען איז שטענדיק געווען דער גלות. דערפאַר און נאָר דערפאַר טאַקע באַגנוגנט ער זיך מיט אַ ברייטער קולטור-רעלער אווטאָנאָמיע אין ארץ ישראל און דעפאַר טאַקע נאָר אַ „מרכז רוחני“ און ניט קיין „מדינה רוחנית“. געוויס שוועבן פאַר אחד-העם'ן אויך חלומות פון אַ גרויסן אידישן ארץ ישראל — זיי זיינען אָבער נאָר די וואָרצלען פון זיין פּערזענליכער טראַגיק: אחד-העם איז ניט געווען ביכולת אין דעם צו גלויבן.

גאַנץ אַנדערש אָבער דער אַלגעמיין-ציוניסטישער פּערסאָנאַליזם. זיין סאָציאַל-פּאָליטישע טעזע, כלל ישראל, וועלכע פירט אים נויטגעדרונגען צו אַ ברייטן מדינהשאַפטליכן און מלוכה-

---

*) פגל. אויבן.

שאַפּטליכן פּאַרנעם פּירט אים אויך צו דעם לעבענס-פּראָבלעם פון דעם אידישן פאָלק. זיין כלל ישראל איז, ווי מיר האָבן פריער אויספירליך געזען, ניט קיין גלות'דיקער קיום-מיטעל פון דעם אידישן פאָלק, נאָר די העכסטע מאַקסימע פון דער צוקונפטיקער סאָציאַלער אָרדנונג אין דער פרייער און באַפרייטער ארץ ישראל'דיקער מלוכה פון דעם אידישן פאָלק. די טרייב-קראַפט פון דעם אַלגעמיין-ציוניסטישן פּערסאָנאַליזם איז ניט מער דאָס קיום-פּראָבלעם פון דעם אחד-העמיזם, נאָר דאָס לעבנס-פּראָבלעם פון דעם הערצליאַניזם. אָבער אין קעגנזאַץ צו דעם הערצליאַניזם איז דאָס ניט דאָס לעבנס-פּראָבלעם פון דעם טעריאַליסטישן, נאָר פון דעם פּערסאָנאַליסטישן נאַציאָנאַליזם. שליסט אָן אחד העם אָן דעם גלות'דיקן פּערסאָנאַליזם מיט זיין איינגן קיום-פּראָבלעם, אַזוי שליסט אָן דער אַלגעמיין-ציוניסטישער פּערסאַנאַליזם אָן דעם אַלטן אַמאָליקן ארץ ישראל'דיקן פּערסאָנאַליזם מיט זיין לעבנס-פּראָבלעם. געוויס זאָרגט דער אַלגעמיין ציוניסטישער פּערסאָנאַליזם פאַר דעם קיום פון די גלות'דיקע אידן, וועלכע וועלן מוזן דאָרט בלייבן. אַלס פּערסאַנעלער נאַציאָנאַליזם גלויבט ער אין דער מעגליכקייט פון אַ נאַציאָנאַלער אידישער עקסיסטענץ אין גלות און האָט אויך די מיטלען דאַצו, ער ווערט אָבער אין זיינע טיפן ניט באַשטימט פון דעם קיום-פּראָבלעם, נאָר פון דעם לעבענס-פּראָבלעם פון דעם אידישן פאָלק. ווי דער הערצליאַניזם שטרעבט ער צו אַ ברייטן, פולן און אַלזייטיקן אידיש-נאַציאָנאַלן לעבן אין ארץ ישראל. אָט דעם לעבן וויל ער אָבער אויסבויען ניט אויף טעריאַליסטישע יסודות, ווי ד"ר הערצל, נאָר אויף פּערסאַנאַליסטישע, ווי אחד-העם, אָבער ווידער אַמאָל ניט ווי דער גלות'דיקער פּערסאַנאַליזם פון אחד-העם'ן, נאָר אין גייסט און זין פון דעם אַלטן אַמאָליקן ארץ ישראל'דיקן אידישן פּערסאָנאַליזם אין דער צייט פון זיין פולער פּאָליטישער זעלבסשטענדיקייט. אין קעגנזאַץ אָבער צו אָט דעם פּערסאָנאַליזם, וועלכע איז געווען אַ רעליגיעזער, איז דער פּערסאַנאַליזם פון דער אַלגעמיינעם ציוניזם, ווידער אַמאָל ווי דער פון אחד-העם'ן, אַריין וועלטליכער. ניט רעליגיעזע גייסטיקע גורמים מאַכן אויס זיין אינהאַלט, נאָר די אויסגעשפּראָכענע וועלטליכע אידישע גייסטיקייט. אויף אָט דעם יסוד פון דער אויסגעשפּראָכענער וועלטליכער אידישער גייסטיקייט און אירע וועלטליכע ווערטן און קנינים בויט אויס דער אַלגעמיין-ציוניסטישער פּערסאַנאַליזם דעם צוקונפטיקן

גרויסן און פרייען לעבענס-בנין דעם אידישן פאָלק. אין אַט דעם לעבנס-בנין פאַרנעמען די ריין ערדישע יסודות אַ ברייטען אָרט, אַסך אַברייטערן אפשר ווי אין דער אַמאָליקן ארץ ישראלדיקן פערסאנאליזם, אָבער ווי אַמאָל אַזוי ווערן זיי אויך איצט געהויבן אין די פערסאנאליסטישע ספערע און אונטערוואַרפן אירע מאַקסימען. אלס פערסאנאליזם איז אַלזאָ די א׳ ריכטונג פערוואנדט מיט דעם אחד־העמיזם, גייט זיך אָבער מיט אים פונאנדער אין צוויי וויכטיקע פונקטן: אין דעם מדינה־שאפטליכן געדאנק פון דעם ציוניזם ווי אויך אין זיין יסודות׳דיקן שטרעבן צו אפולן און אַלזייטיקן נאַציאָנאַל־אידישן לעבן. אין אַט דיביידע פונקטן דעקט זיך די א׳ ריכטונג מיט דעם הערצעליאניזם, אָבער ניט ווייל זי סינטעזירט אחד־העמיזם מיט הערצליאניזם, אַלזאָ פערסאנאליזם מיט טעריאַליזם, נאָר ווייל זי שליסט אָן אָן דעם פרייען ארץ ישראל׳דיקן פערסאנאליזם און קאָמבינירט אחד־העם׳ן מיט הערצלן, פונקט ווי דער ארץ ישראל׳דיקער פערסאָנאַליזם האָט אַמאָל אין די זעלבסשטענדיקע פּאָליטישע צייטן קאמבינירט גייסטיקע און ערדישע יסודות, ארויפהויבענדיק די לעצטע אין די פערסאָנאַליסטישע ספערע.

---

דאָ דערגרייכט די אינערליכע פּאַרטיי־דיפערענציאַציע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם זיין העכסטן פונקט און ברייננגט אַ אויפקלע־רונג איבער די אידעאָלאָגיע, וועלכע טיילט און פאַרבינדט די פאַר־שיידענע ריכטונגען. אין צוויי הויפט־פונקטן, לערנען אונז די פריערדיקע באטראַכטונגען, טרעפן זיך ביידע ריכטונגען: אין דעם מדינהשאַפטליכן געדאַנק און אין דעם נאַציאָנאַלן לעבענס־פּראָבלעם פון דעם ציוניזם. אַט די ביידע יסודות׳דיקע צילן פון דעם אַלגע־מיינעם ציוניזם זיינען ביידע פאַרבונדן פון איין זייט מיט דער סאָציאַל־פּאָליטישער, פון דער אנדער זייט מיט דער קולטורעלער טעזע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם. די סאָציאַל־פּאָליטישע טעזע, די כלל ישראל אידייע, אַלס מאַקסימע פון דער צוקינפטיקער אי־דישער סאָציאַלער אָרדנונג אין ארץ־ישראל באשטימט דעם מדינה־שאַפטליכן געדאנק. די קולטור־טעזע אַלס מאַקסימע פון נאַציאָנאַלע אינהאַלטן שפּאַנט די גרעניצן פון דעם נאַציאָנאַלן לעבנס־פּראָבלעם. בלייבט מען אין די פאַרמאַלע תחומים פון די אַלגעמיין־ציוניסטישע צילן, אַזוי גייען ביידע ריכטונגען צוזאַמען. פּראָבירט מען אָבער

אָט די תּהומים אַנפילן מיט ממשות׳דיקן לעבן, אַזוי זעט מען גלייך, ווי די ביידע פליגלן פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם הויבן אָן שטאַרק און זייער ווענטליך צו דיווערגירן. דאָס טוען זיי אויף דעם סאָציאַל־פּאָליטישן געביט לכאורה נאָר מעטאָדיש, הורך דעם וואָס זיי ווילן גיין צו דעם גלייכן כלל־ישׂראלדיקן ציל אויף פאַרשיידענע וועגן: די ב׳־ריכטונג — דורך קאָלעקטיוון עגאָאיזם, די א׳־ריכטונג — דורך קאָלעקטיוון אַלטרואיזם. די מעטאָדישע פאַרשיידענהייטן האָבן זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַלס מהות׳דיקע: די ב׳־ריכטונג נייגט צו אַ סאָציאַלן מאַטעריאַליזם, די א׳־ריכטונג — צו אַ סאָציאַלן אידעאַליזם. פון דאַנען נעמען זיך די חלוקי־דעות אין דער אַלגעמיין־ציוניסטישער פּראַקטיק אין אַלע פראַגן פון אָרגאַניזאַציע און לעבן. דאָ ווערט אויך געוואָרפן דער בריק פון דער סאָציאַל־פּאָליטישער טעזע צו דער קולטורעלער. די סאָציאַל־מאַטעריאַליסטישע ב׳־ריכטונג נייגט צו אַ ערדישער, פרייער און אומגעבונדענער אוניווערסאַליסטישער, די א׳־ריכטונג דאַקעגן—צו אַ געבונדענער נאַציאָנאַל־פּאַרטיקולאַריסטישער גייסטיקייט. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ תּוצאה פון אַ טיפסט־מהותדיקן אונטערשייד ביחס צו די עצם גרונט־יסודות פון דעם אידישן נאַציאָנאַליזם. די ב׳־ריכטונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַליסטיש, די א׳־ריכטונג — פּערסאָנעל־נאַציאָנאַליסטיש. ציוניסטיש גערעדט, איז די ב׳־ריכטונג הערצליאַניש, די א.־ריכטונג אַ קאָמבינירונג פון הערצליזם מיט דעם אחד־העמיזם. דאָס פירט זייער שטאַרק פאַנאַנדער די ביידע אַלגעמיין־ציוניסטישע ריכטונגען. ביידע גייען זיי אמת צו איין דעמזעלבן מדינה׳שאַפטליכן ציל, אָבער פאַר די טעריאַליסטישע ב׳־ריכטונג איז די מדינה אַלס אַזעלכע דער העכסטע נאַציאָנאַלע ווערט, פאַר די פּערסאָנאַליסטישע א.־ריכטונג קריגט זי ערשט איר העכסטן נאַציאָנאַלן ווערט דורך דעם, וואָס זי טראָגט אויס אין איר טיפסטן וועזן די נאַציאָנאַלע גייסטיקייט. דאָסגלייכן גייען זיי זיך פאַנאַנדער אין דעם מהות פון דעם נאַציאָנאַלן לעבנס־פּראָבלעם אין ארץ ישׂראל — די ב׳־ריכטונג לאָזט דעם נאַציאָנאַלן לעבן אויסבויען אויף טעריעלע, די א׳־ריכטונג דאַקעגן אויף פּערסאָנעלע יסודות.

קענען אַלזאָ די ביידע אַלגעמיין־ציוניסטישע ריכטונגען געפינען דעם וועג איינע צו די אַנדערע?

די תּשובה אויף אָט דער וויכטיקער און שווער־גורל׳דיקער פראַגע גייט אַרויס פון די ראַמען פון אידעאָלאָגישע באַטראַכטונגען און שפּילט אַריין אין דאָס געביט פון פּראַקטישע אידייע־קאַמבי־

נאַציעס. איינס איז אבער קלאָר — וועט זיך אמאָל געפינען א געמיינזאַמער וועג, אַזוי וועט ער זיין אַ תוצאה פון אַ פריערדיקער גרונטליכער קלאָרמאַכונג פון די אידעאָלאָגישע הבדלים. מען מוז אַפריער קלאָר זען, וועט מען דאַן ערשט קענען זיכער קאָמבינירן. זאָל דאָס געטאָן ווערן, אַזוי וועט עס מוזן גיין אין דער ריכטונג, וואו עס ליגט דאָס נאַציאָנאַל און ציוניסטיש פרינציפיעל נייע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם און וועט עס געטאָן ווערן, אַזוי וועט עס געשען דורך די אַלגעמיין-ציוניסטישע יוגנט.

וואו ליגט אַלזאָ דאָס נאַציאָנאַל און ציוניסטיש פרינציפיעל נייע פון דעם אַלגעמיינעם ציוניזם?

דער איינציק מעגליכער ענטפער: אין דעם פערסאָנאַ-ליזם! געוויס זאָל מען ניט זיין נאָר פאַר איין טייל פון פאָלק, פאַר איין קלאַס פון אים און פאַר איין שטאַנד אין אים, נייערט שטיין אויפן וואַך פון דעם גאַנצן כלל-ישראל, קעמפן פאַר דעם גאַנצן פאָלק, פאַרטיידיקן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן אויף דער גאַנצער ליניע און דערפירן צו דער העכסטער כאַציאַלער האַרמאָניע פון אַלע איינצעלע טענדענצן און שפּאַנונגען אין שוים פון דער נאַציאָ-נאַלער בכורה. די וואַנדלונג פון די ציוניסטישע גייסטער, אפשר אַפילו, ווער וויים, א איבערבראָך פון דער ציוניסטישער מאַסן-פסיכיק, וועלכע זאָגט זיך אָן אין אַלגעמיינעם ציוניזם, באַשטייט אין דעם וואָס נאָך לאַנגע און פילע יארן פון פּאָליטישן ציוניזם, אַלזאָ טעריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם, נאָכדעם ווי ער האָט געזיגט כמעט אויף דער גאַנצער נאַציאָנאַלער ליניע, הויבט זיך ווידער פון די טיפן פון דעם אידישן פאָלק און פון זיינע תהומות דער קולטורעלער ציוניזם. די נייע ציוניס-טישע צייט ווענדעט זיך אָפּ פון דעם טעריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם פון די השכלה'דיקע און נאָכ'השכלה'דקע דורות און גייט צוריק צו דעם פערסאָנאַליזם, אבער ניט צו דעם גלות'דיקן, נאָר צו דעם ארץ ישראל'דיקן פערסאָנאַליזם פון די אַלטע, אַמאָליקע פרייע און זעלבסשטענדיקע דורות פון אידישן פאָלק. אין קעגנזאַץ אָבער צו אים איז דער נייער פערסאָנאַליזם ניט רעליגיעז, נאָר אויסגעשפּראָכן און אויסדריקליך וועלטליך. לאַנג האָט דאָס געשלומערט אין די טיפן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ביז עס האָט זיך דערעיקרשט דורכגעבראָכן אין די רייען פון דער יוגנט, וועלכע נעמט איין אין תוך ביז צו דעם היינטיקן א מיטעלשטעלונג צווישן די אַלגע-מיין ציוניסטישע ריכטונגען. די יוגנט האָט מיט איר גרויסער

נשמה׳דיקער רעגזאמקייט אלס ערשטע דערשפירט דאס נייע אין דעם ציוניזם און האט גלייך פארזוכט אין איינקלאנג מיט דעם נייען צו האנדלען און צו לעבן, כאטש זי האט נאך ביז צו דעם היינטיקן טאג ניט באוויזן אפצוגיסן אט דעם איר דערשפיר אין לאגישע און קלאר פארמולירטע פראגראמאטישע סעיפים. פון דאנען שטאמט דער בשותפות׳דיקער יסודותדיקער געשריי פון דער גאנצער אלגעמיין־ציוניסטישער יוגנט נאך א גאולה־ציוניזם, נאך א ציוניזם, וועלכע זאל אויספילן יעדע ווינקעלע פון דער אידישער נשמה, זאל פול און גאנץ דערהאלטן דעם אידישן מענשן און זאל זיין דער חוט־השדרה פון דער נייער און דערנייטער נאציאנאל־אידישער פערזענליכקייט. די יוגענט שרייט אויף צו א ציוניזם, וועלכע זאל זיין א טיפע אוןברייטע אידישע וועלט־אנשויאונג און וועלכע זאל זיין און בריינגען א אינדיווידועלע און קאלעקטיווע דערלייזונג — די גאולה פון דעם אידישן מענשן און אידישן פאלק, דערעיקרשט אין ארץ ישראל, אבער אויך אין גלות אומעטום וואו ער איז און אומעטום וואו ער מוז גורל־פארווארפן זיין. יי

אט דער ציוניזם איז דער ארץ־ישראל׳דיקער וועלטליכער פערסאנאליזם. מיט אים איז ארגאניש פארבונדן און פון אים וואקסט אין תוך ארויס אויך די כלל־ישראל אידייע אין אירע אמת׳ן מהות און ווייטעסטע קנסעקווענצן.

## איז דער ארץ־ישראל׳דיקער וועלטליכער פערסאנאליזם אלגעמיינער א׳־ציוניזם?

אידעאלאגיש—יע! פראקטיש און פאקטיש שטייט אים נאך באַפאר א גרויסער וועג צו זיך און א ליכטיקע מיסיע אין דעם אלגעמיינעם ציוניזם. די הכרעה איןביידע פאלן וועט קומען פון דעם צד, פון וואנען עס איז איבערהויפט געקומען לעבן אין דעם אלגעמיינעם ציוניזם — מצד דער יוגענט.

בדפוס מובשוביץ וכהן קיידאן· (ליטא)

כתבת הדפוס:
*Movšovičiaus ir Kagano spaustuvė,*
*Kėdainiai, (Lietuva).*

N. ŠAPIRA
V. D. Universiteto docentas

# Bendrasai Cionizmas

Kėdainiai, 1936

כתבת הדפוס:
*Movšovičiaus ir Kagano spaustuvė,*
*Kėdainiai, (Lietuva).*

Leidėjai:
Lietuvos bendrųjų pažangiųjų Sioninkų organizacijos centro komitetas
„Hechaluc Haklal Cioni“ organizacija Lietuvoje